STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06245

DOKTOR RAPAPORT

A. Bookstein

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. בוקשטיין

דאָקטאָר ראַפּאַפּאָרט

Copyright by A. Bookstein

1918.

צו בעציהען פון:

KANTOR & MONTAGUE

19 W. 38th Street, New York

מרים, דניאל און זייער מוטער הדסה —

געווידמעט.

דעם דאקטארס מארגענשטונדען

ערשטער קאפיטעל

1.

דער גרויער מאָרגען האָט שוין געגאָסען דורך די פאַר־נעבעלטע און פאַרשוויצטע טאָפּלעס זיין קאַלאַמוטנע ליכט.

אָבער דאָקטאָר ראַפּאָפּאָרט איז שוין לאַנג ניט געשלאָפען: די זשאַבע, וועלכע האָט זיך די לעצטע יאָהרען באַזעצט און גע־וואַקסען אין זיין ברוסט, האָט שוין געטאָן איהר אַרבייט... געזויגען און גענאָגט זיין האַרץ...

ס'איז ניט געווען קיין קערפּערליכע קראַנקהייט. דאָקטאָר ראַפּאָפּאָרט איז געווען געזונט און ערשט אין די פערציגער.

ס'איז געווען אַ מין גיפטיגער אומעט, אַ נודנער, שטומפּער טרויער, אַן אונבעגרייפליכער אייביגער זאָרג פאַר אַן אונבע־שטימטער געפאַהר...

און אַזוי ווי אַ זשאַבע פלעגט דער אומעט זיך צולעגען אין זיין ברוסט, זי נאָגען און ברענען און איהם פריה וועקען פון שלאָף...

אַם שמערצליכסטען איז דאָס געווען פאַרטאָג, ווען דאָס גרויע מאָרגענליכט האָט נאָך שווער געקעמפּפט מיט דער נאַכט...

אין דעם גרויען, קאַלעמוטנעם מאָרגען פלעגט תמיד אויס־וואַקסען און זיך צוזוואַרפען פאַר זיינע האַלב פערמאַכטע אויגען זיין גאַנץ לעבען, די טרויעריגע געגענוואַרט און צוגלייך די האָפנונגסלאָזע צוקונפט...

און ראַפּאָפּאָרט האָט געוואוסט, אַז די צוקונפט וואַרט אויף איהם אַזאַ קאַלעמוטנע טרויעריגע און האָפנונגסלאָזע ווי דאָס פאַרנעבעלטע מאָרגענליכט...

און ווי אָפט פלעגט ער זיך ווינשען, אַז די פינסטערע נאַכט זאָל נישט אויפהערען און אייביג דויערען.

אַזוי איינשלאָפען און ניט הערזעהן מעהר דעם אומעטיגען

שיין פון דער קלעגליכער עקזיסטענץ! אך, ווי גוט און רוהיג ס'וואלט געווען!...

אבער מען מוז אויפשטעהן!... אין שטאדט זיינען ארומ־געגאנגען שווערע קינדער־עפּידעמיען און דער טאג האט גע־רופען פאר א שווערע און לעסטיגע ארבייט — אן ארבייט צווי־שען דער עלענדער און ארימער אידישער באפעלקערונג...

הארט פלעגט ער וויי־נגסטענס צייטענווייז דערטרינקען דעם אומעט, דעם טרויער פון זיין אונגעלונגענעם לעבען...

און דאקטאר ראפאפארט האט זיך שנעל און פיבערהאפט אנגעהויבען אנטאן, אזוי ווי אימיצער וואלט איהם געטריבען...

אנגעטאן און געוואשען האט ער זיך געלאזט, ווי כסדר, געהן אויפוועקען דאנקע'ן, דעם 12 יעהריגען בן יחיד זיינעם.

ער האט די לעצטע צייט איינגעפיהרט, אז די ערשטע שטונדען פון זיין טאג־ארבייט זאלען געהערען איהם, זיין ערציהונג...

דאס קינד איז געשלאפען אין זיין בעט, אנטקעגען דער מוטער...

דאקטאר ראפאפארט האט שטיל און פארזיכטיג אנגע־צונדען דאס ליכט אויפ'ן טיש, זי גענומען אין דער האנד און זיך אנגעבויגען איבער'ן קינד'ס געלעגער...

דאנקע איז געלעגען צוואווארפען מיט זיינע קינדערשע גלי־דער איבער'ן ברייטען בעט און איבער זיין קליין און פארקלערט פנים'ל, וואס איז געלעגען איינגעוויקעלט אין א הויפען רייכע בלאנדע לאקען, האט געבלאנזעט א טרויעריגער אונשולדיגער שמייכעל, — אזא אונבעהאלפענער און הארצריהרענדער שמייכעל!

און פון דעם שמייכעל האטביים פאטער פערקלעמט דאס הארץ און טרעהרען זיינען ביי איהם ארויסגעטראטען אין די אויגען...

דאס קינד האט נאך געדרעמעלט אין בעסטען שלאף און ס'איז געווען א רחמנות איהם אזוי פריה צו וועקען.

אבער דאנקע האט אזוי ווי דערפיהלט אויף זיך דעם פאַ־טער'ס בליק, און אויפציטערענדיג מיט זיין קינדישען קערפער האט ער אנגעהויבען ציהען זיינע פערשלאָפענע גלידער און צו מורמלען. ער האט געעפענט זיינע גרויסע בלויע אויגען אונטער די דונקעלע ברעמען און האט ווידער א שמייכעל געטאן, אבער נאך זיסער און אונבעהאלפענער ווי פריהער...

פון דעם צווייטען שמייכעל איז דעם פאטער געווארען ליכטיג און ווארעם אין דער נשמה... און די זשאבע האט איהם אויפגעהערט צו זויגען און צו נאגען.

— שלאף! שלאף, מיין קינד... ס'איז נאך פריה — האט צו איהם א שעפטשע געטהאן דער פאטער און האט זיך אויסגעדרעהט...

אבער דא האט ער בעמערקט איהר האלב נאקעטען קערפער...

זיין פרוי איז געלעגען צוואווארפען איבער'ן בעט מיט א נאקעטער ווייסער ברוסט, וועלכע האט זיך וועלענארטיג געהוי־בען און געאטעמט אין טיעפען שלאף...

איהרע געדיכטע בלאנדע האר זיינען געווען פרעך און פערשייט צוואווארפען איבער די קישען... און פון אונטער דער קאלדרע האט ארויסגעשטעקט א פעריסענע נאקעטע פוס...

שוין לאנג, לאנג, אז ראפאפארט האט ניט געזעהן אט דעם רייכען, נאקעטען און אויסגעלאסען צוואווארפענעם קערפער איהרען... ער פלעגט פערבייגעהן און איהם איינפאך ניט בעמערקען...

איצט איז ער געשטאנען פאר איהם און זיך אויפמערקזאם איינגעקוקט אין איהר געזיכט מיט דער פרעך פעריסענער און רופענדער נאז, און יעדע נאקעטע ליניע, און האט געשטוינט, ווי גלייכגילטיג און פרעמד זי איז איהם...

אבער פלוצים האט ער זיך דערמאנט, ווי אויפגערעגט און אויסגעלאסען ס'האט געשטראהלט איהר געזיכט, ווען זי איז נעכטען שפעט געקומען פון קלוב; ווי דער הויכער און געלער

פּאָליציימייסטער, וואס האָט זי געבראַכט א היים אין זיין קאַרעטע, האָט געקושט אין פּאָדערצימער איהר ווייסע, ווייכע ווי טייג און נאַקעטע האַנד ביים עלענבויגען... ווי בעגעהרענד און ציניש ער האָט זי געגעסען מיט זיינע אָנגעגאָסענע שכור׳ש אויגען, און ווי זי האָט איהם צוגעשמייכעלט... און עקעל, ווי א טיעפער ציטער האָט דורכגעדרונגען זיין לייב און זיין גאַנצעס וועזען...

ער האָט אוועקגעשטעלט די ליכט אויפ׳ן טיש, האָט זי פערלאָשען און איז שנעל ארויס פון צימער...

די זשאַבע האָט זיך נאָך שטאַרקער גענומען זויגען און נאָגען זיין האַרץ...

2.

דאָקטאָר ראַפּאַפּאָרט איז דורך דעם לאַנגען קאָרידאָר אריינגעגאַנגען אין דער צווייטער העלפט הויז, וואו זיין מוטער האָט געוואוינט.

די אלטע, בלינדע רבי׳צין איז שוין געזעסען אין איהר טיעפען שטול מיט א ביינקעלע אונטער די פיס, געקוקט פאר זיך מיט די פערגליווערטע, טויטע אויגען און האָט אויסוועניג שטיל געדאַוונט.

אויפ׳ן טיש האָט שוין געקאָכט און אזוי ווי אונגעדולדיג געברויזט דאָס קליינע סאַמעוואַרעל, וואס רחל די קעכין פלעגט איהר יעדען טאָג אריינטראָגען.

ווען זי האָט דערהערט דעם זוהנ׳ס טריט, האָט זי אויס־געדרעהט אין זיין זייט דעם קאָפּ און נאָך העכער אָנגעהויבען צו דאַווענען.

אזוי פלעגט זי יעדען פריהמאָרגען עמפּפאַנגען און בעגרי־סען איהר וועלוועל׳ן, דעם איין־און־איינציגען קדיש איהרען...

און וועלוועלע פלעגט שטיל און פאַרזיכטיג אזוי ווי מורא האָבענדיג צו שטערען איהר מאָרגענגעבעט, צוגעהן צו דער פּאַטער׳ס אלטען און שווערען טלית און תפילין, אייגוויקלען זיך אין אלטען טלית מיט א שווערער פערשימעלטער עטרה, לייגען דעם פּאַטער׳ס גרויסע און שווערע תפילין, וועלכע זיינען געגאַנגען מעהר ווי צוויי הונדערט יאָהר בירושה פון דור צו דור און האָבען געקענט א גאַנצע רייהע פון גרויסע רבנים און גאונים. ער פלעגט זיך שטעלען דאַווענען און אויסגיסען שטיל אין די תפילות זיין ביטער הארץ, דעם אומעט פון זיין צוריסענער נשמה.

און אז דעם זוהנ׳ס שטילע און טרויעריגע תפילות פלעגען זיך אָנהויבען מעלאנכאָליש צוטראָגען איבער׳ן שטוב, פלעגט דער מוטער׳ס טויט געזיכט אויפלעבען און בעגייסטערט אויפשטראַהלען...

אפילו איהרע טויטע און פערגליווערטע אויגען פלעגען אָנהויבען צו גלאַנצען מיט א אינווייניגסטען ליכט, אזוי ווי זיי וואָלטען פלוצים אויפגעלעבט און געזעהן דעם זוהנ׳ס קערפּער, וועלכער איז געשטאַנען ביים פענסטער איינגעהילט אין אלטען, קויטיגען טלית און האָט זיך ריטמיש געשאָקעלט אין טאַקט פון זיין טרויעריגען מאָרגענגעבעט.

די מוטער פלעגט האַלטען טאָן, און איהר שטימע פלעגט זיך צונויפגיסען מיט דעם זוהנ׳ס שטימע אין א לאַנגער, שטילער ראַפּסאָדיע, אין א מעלאנכאָלישעם און הארצקלעמענדעם גלות־ליעד...

3.

9 אזייגער האָט שוין דאָני אויך געמוזט האַלטען נאָכ׳ן דאַווענען...

זיין ערשטע ארבייט איז געווען, לויט פאַרשריפט, גימנאַסטיק. אין זיין טאָג־ארבייט, וועלכע איז געווען פון פאַטער

צוטיילט אין א פּראָגראַם פון שטונדען און מינוטען, האָט עס פערנומען א האַלבע שטונדע.

און מיט שווערעם געוויכט איז די הענד האָט דאָס קינד געמוזט דורכמאַכען אונטער דעם פאָטער׳ס קאָמאַנדע יעדען טאָג אָהן אַן אויסנאַהם, ווי דאָס גאַנצע פּראָגראַם פון זיין ער־ציהונג, וועלכע איז געווען סיסטעמאַטיש און שטריינג איינ־געאָרדערט.

דאַני האָט זיך אָבער היינט געפיהלט שלעכט און איז באַלד מיעד געוואָרען.

— איינס, צוויי, דריי! אָה, איך בין שוין מיעד, פּאַפּעטש־קע... די הענד טהוען מיר וועה, האָט זיך דאָס קינד געבעטען מיט א רחמנות פּנים׳על.

— לויט פאָרשריפט, נאָך 15 מינוט... ווייטער... איינס, צוויי, דריי! האָט דער פאָטער בעפוילען שטרענג און אָהן רחמנות.

— איך בין שוין אָבער פערמוטשעט, האָט פּראָטעסטירט דאַני און זיין פּנים האָט זיך שוין געקרימט ווי אין א געוויין...

— ס׳וועט דיר גאָר ניט זיין! אזוי וועסטו איז זיך ערצי־הען דעם כאַראַקטער... ווייטער! — האָט שוין א געשריי געטאָן בייז דער דאָקטאָר.

— וואָס פאַר א כאַראַקטער? — האָט זיך אָנגעכאַפּט דאָס קינד, כדי זיך אויסצודרעהען פון דער שווערער און אונאַנגנע־נעהמער אַרבייט.

— דיין אייגענע אויסדויער־קראַפט.

— צו וואָס טויג כאַראַקטער, פּאַפּאַטשקאַ? — האָט ווייטער געפרעגט דאָס קינד, אום נאָר צו געווינען צייט, און האָט א וואָרף געטאָן א בליק אויפ׳ן גרויסען ווייזער פון וואַנט־זייגער.

— כאַראַקטער דאַרף מען האָבען פאַר הויכע אויפגאַבען אין לעבען! — האָט בייז געזאָגט ראַפּאַפּאָרט.

— צו וואָס טויג הויכע אויפגאַבען?

— אָה, ס'הויבט זיך שוין אָן מיט דיר! ווייטער, זאָג איך דיר!.. איצט איז גימנאַסטיקע. איינס, צוויי, דריי! — האָט געשריען אויפגערעגט דער נערוועזער פאָטער.

— איינס, צוויי, דריי! — האָט זיך קרומענדיג ווי פון בויך־קרעמפּען, נאָכגעזאָגט דאָס קינד, און האָט מיעד גע־שוואונגען מיט דעם געוויכט· — ער וועט מיך פערמאַטערען.

אָבער דאָ האָט ער דערזעהן, ווי אין דער אָפענער טיר פון קאַבינעט שטעהט דאָס שטוב־מיידעל, זינאַ, מאַכט הינטער דעם דאָקטאָר'ס פּלייצעס מיט די הענד און קרימט איהם איבער מיט קאָמישע גרימאַסען.

— זעה נאָר... זעה נאָר, פּאַפּאַ, ווי זינאַ קרומט זיך דיר נאָך! — האָט זי דאַני פער'מסר'ט פאַר'ן פאָטער.

זינאַ האָט אויסגעשאָסען אַ געלעכטער און איז אַנטלאָפען אין קיך. דאָקטאָר ראַפּאַפּאָרט האָט זיך אויסגעדרעהט.

— ווי פרעך זי איז געוואָרען! — האָט ער געשריען אויפ־געבראַכט.

— כסדר אַזוי... קרומט זי זיך דיר נאָך.

— דיין מאַמע'ס ליב־מענש! — האָט זיך געבייזערט דער דאָקטאָר. — ווייטער: איינס, צוויי, דריי־

אָבער דאָ האָט דער זייגער געשלאָגען די האַלבע שטונדע און דאַנקע האָט אַ שליידער געטאָן אויף דר'ערד דאָס גימנאַס־טישע געוויכט און איז אָבגעשפּרונגען ס'זאָל איהם ניט פאַלען אין די פיס אריין.

— געענדיגט, גאָט זיי דאַנק!... אויף! ווי די הענד טוען וועה!... — האָט זיך דאָס קינד בעפרייט, אויפגעאָטעמט מיט דעם גאַנצען ברוסטעל און האָט אויפגעשטראַהלט ווי אַן ער־לייזטער.

— זעהסט? מ'דאַרף נור האָבען גערולד, אויסהאַלטונג... אַזוי וועסטו ערציהען אין זיך אַ שטאַרקען ווילען. מיט איין

ווארט, דאס וואס מען רופט אין לעבען כאראקטער! — האט איהם אנגעהויבען בעלעהרען דער פאטער, ווי כסדר.

דאני'ן האט עס יעצט אבער ניט אינטערעסירט, און ער איז שוין געשטאנען מיט איין פוס פון יענער זייט טיר.

— וואזהין איז? — האט איהם ברוגז געפרעגט דער פאטער.

— עסען, עסען, פאפאטשקא! איך האב נאך היינט גאר ניט געגעסען, — האט זיך אזוי ווי פערענטפערט דאס קינד, און האט געוויזען מיט דער האנד אויפ'ן מויל.

— עסען... עסען!... קיין גערולד האט עס ניט! — האט זיך איהם נאכגעקרומט דער דאקטאר.

— איך בין דאך הונגעריג!...

— געה, געה, באלוואן! עסען... עסען!...

און דאנקע איז אוועק אין קיך אריין.

4.

דאקטאר ראפאפארט איז אריינגעגאנגען אין עס־צימער און איז צוגעגאנגען צום טיש, וועלכער איז געווען געגרייט צו טהעע און אויף וועלכען ס'האט שוין געקאכט דער סאמאוואר.

— זינא! זינא! — האט ער א רוף געטאן די הויז־מיידעל.

— וואס פערלאנגט איהר? — האט איהם זינא געפרעגט, אין דער קיך־טיר, מיט א זויערער און בייזער מינע.

— פאר ועמען איז די זיסע טהעע.

— פאר וועמען, פאר אייך, געוועהנליך. — האט איהם געענטפערט זינא אונצופריעדען, אין דעמזעלבען טאן ווי די בעל־הבית'טע פלעגט רעדען מיט איהר מאן.

— ווידער האט איהר אריינגעווארפען צוקער,! וויפיעל

מאָל וועל איך אייך נאָך דארפען זאָגען, אז איך טרינק ניט קיין זיסע טהעע: איהר וועט עס אמאָל וויסען צי ניין.... — האָט אויף איהר געשריען דער דאָקטאָר מיט זיין קוויטש, ווי ער וואָלט זי געכאַפּט ביי א פערברעכען.

— וואס־זשע דארפט איהר שרייען? — און זינא האָט מיט א שנעלער האנד־בעוועגונג אויסגעגאסען די גלאָז טהעע אין שוויינק־שיסעל, און האָט גענומען אָנגיסען א נייע גלאָז טהעע.

דאָקטאָר ראַפּאָפּאָרט האָט זי אָנגעכאַפּט ביי דער האנד.

— וואס האָט איהר געטאָן! פערריקט זייט איהר? איהר האָט אומזיסט קאַליע געמאכט צוויי שטיקלעך צוקער! — האָט ער אויסגעשריען מיט א טאָן פון טיעפער פערצווייפלונג.

דאָ האָט שוין די דיענסט ניט אויסגעהאלטען. זי האָט א שטעל געטאָן די גלאָז אויפ'ן טיש מיט אזא קלאַפּ, אז זי איז שיער ניט צושמעטערט געוואָרען.

— אי, מיט אייך איז נאָר א קאָמעדיע! אויב אזוי, טאָ גיסט זיך אליין אָן טהעע — און זי איז בייז אַוועקגעגאנגען אין קיך אריין.

— וואס פאר א פרעכהייט! זי איז נאָך בייז! — האָט איהר נאָכגעוואָרפען ראפּאפּארט.

ער האָט זיך אליין אָנגעגאָסען א לייכטע גלאָז טהעע, זי בעטראכט ביי דער ליכט, געמאכט א ברכה און זיך געזעצט טרינקען, בייסענדיג הויך דעם צוקער.

זינא איז צוריקגעקומען פון קיך און האָט בעליידיגט א שליידער געטאָן אויפ'ן טיש א פּאָר שטיקלעך צוקער.

— אויב אייך טוט באנג א פּאָר שטיקלעך צוקער, טאָ נאָט אייך מיינע... איך וועל זיך היינט בעגעהן אָהן טהעע!...

ראפּאפּארט איז אויפגערעגט אויפגעשפּרונגען פון שטול, ווי געוועהנליך, ווען מ'האָט איהם שלעכט פערשטאַנען.

— אידיאָטקע! דומער קאָפּ! די רייד איז דאָ דען

פון צוויי שטיקלעך צוקער? — האט זשעסטיקולירט ראפאַ־פאַרט מיט די הענד, — דאַ האנדעלט זיך וועגען א פרינציפּ! איהר אַלע קענט אייך טרינקען זיסע טהעע וויפיעל דאַס האַרץ גלוסט אייך! איך זשאַלעווע אייך צוקער? איך אַליין טרינק מיר אויס מיין פאַרציע מיט אזא קליין שטיקעלע צוקער. פאר זיך אַליין בין איך א שונא פון יעדער איבערפליסיגקייט, און פאר מיר פערזענליך איז זיסע טהעע אַן איבריגע זאַך, — האט געענדיגט ראפאפאַרט מיט א טאָן פון אַ פּרעדיגער.

— אַך! מיט אייך איז נאָר צו לאַכען! — און זינא האָט זיך טאַקע הויך און געשמאַק צולאַכט.

ראפאפאַרט איז געוואָרען רויט פון כעס, און האָט אזש אָנגעהויבען צו פינטלען מיט די אויגען פון אויפרעגונג.

— וואָס פאַר אַ דומער געלעכטער ביי אייך?! — האט ער געשריען אויף זינא'ן און געטרייסעלט פאר איהר פּנים מיט די פויסטען.

— זינא! זינא! — האָט געשריען די דאָקטאָרשע פון איהר שלאָף־צימער.

—איך געה, איך געה! — און זינא איז ארויסגעגאַנגען זיך האַלטענדיג ביי די זייטען פאַר געלעכטער.

— ווי פרעך זי איז! — און דער דאָקטאָר האָט זיך וויי־טער גענומען בייז און געערגערט טרינקען זיין טהעע.

אָבער רוהיג אָבטרינקען זיין טהעע איז איהם, ווייזט אויס, ניט בעשעהרט געווען. זינא איז געקומען צוריק מיט דער בעל־הבית'טעס צוריסענע שיך אין דער האַנד און האָט פערלאַנגט פאַר איהר געלד אויף נייע שיך.

— און די קען מען שוין ניט פעררירכטען? — האָט זי שטרענג געפרעגט דער דאָקטאָר.

— וואָס איז דאָ דאַ צו פעררירכטען?... איין לאָך!... — און זינא האָט פערעכטליכט ארונטערגעלאָזט איהרע אויגען אויף די צוריסענע שיך.

דאָקטאָר ראַפּאָפּאָרט איז אויפגעשטאַנען פון אָרט, האָט ארויסגענומען פון זיין בוזעם־קעשענע זיינע גאָלדענע ברילען. און האָט גענומען טיעפזיניג, ווי ס'וואָלט געווען א חולה, בע־טראַכטען און שטודירען זיין פרוי'ס שיך.

— מען קען זיי נאָך פאָרטרעפליך פעררעכטען, — האָט ער בעמערקט נאָך א טיעפער און געוויסענהאַפטער אויספאָר־שונג. — דאָ לייגען א לאַטקעלע, דאָ א פּאָדניסעקעל.. די קנאָפּעל אויסגלייכען און איהר האָט צוריק א גוטע פּאָר שיך, בעסער ווי נייע... ווידער לאַכט איהר? וואס פאר א דומער געלעכטער! — האָט ער געטופּעט מיט די פיס פון בעליידיגונג.

אָבער דאָ האָט זינא אויסגעריסען פון זיינע הענד די שיך און זיי א שליידער געטאָן מיט כעס אָן א זייט.

— נו, ווי אזוי זאָל איך ניט לאַכען? איך בין א דיענסט מיידעל און ניט קיין דאָקטאָרשע, אָבער שטראָף מיך גאָט, אויב איך וואָלט אָנגעטהאָן אויף מיינע פיס אזא פּאָר אַלטע שקראַבעס.

— זינא! זינא! — האָט ווידער גערופען די דאָקטערשע פון איהר שלאָפצימער, אָבער שוין מיט אזא טאָן, אז דער דאָק־טאָר האָט פערשטאַנען, אז ער מוז נאָכגעבען און ער האָט נאָכגעוואָרפען זינא'ן:

— נו גוט.. גוט... איך וועל איהר היינט קויפען נייע שי... דאָס איז הוצאות! אַלע טאָג נייע, אונפּאַראויסגעזעהענע הוצאות.

זינא איז באַלד געקומען מיט א נייעם אולטימאַטום:

— די בעל־הבית'טע פערלאַנגט, אז איהר זאָלט איהר געבען אַכט רובל... זי וועט שוין אַליין קויפען.

דאָ האָט שוין זיין געדולד פּלאַשטענדיג געפּלאַצט. ער האָט מיט כעס אָוועקגעשטעלט די גלאָז אויפ'ן טיש, און איז ווידער אויפגעשפּרונגען פון אָרט ווי אַן אָבגעקאָכטער.

— דאס ניט!... אויב קויפען, וועל איך אליין קויפען... אז זי קויפט, צאָהלט זי תמיד איבער...

— דער מאמע דיינער, דער בלינדער רביצין, קויף שיך! — האָט זיך אָנגערופען זיין האלב נאקעטע פרוי אין דער טיר פון שלאָפצימער. — איך וועל דיינע שיך ניט טראגען... חזר׳ט זיך איבער די געשיכטע מיט דעם הוט. פרעמדע פארכאטע זשידעס וועט ער טהיילען געלד! — און די דאָקטערשע איז צוריק פערשוואונדען אין איהר שלאָפצימער.

— אהן קריעג קען זי ניט אויסקומען! — האָט איהר נאָכגעוואָרפען דער מאן מיט א טיעף האסענדען בליק.

אך, ווי עקעלהאפט זי איז איהם געוועזען, בעזאָנדערס אין איהר נעגליזשע!

— וואָס דען? איהר וועט קויפען יעדע שמאטע, אבי וואָלוועל! — האָט זיך אָנגערופען זינא, וועלכע האָט געשטעקט איהר נאָז אין יעדער אנגעלעגענהייט און האָט תמיד געהאלטען מיט דער מאדאָם.

— איהר זאָלט זיך ניט מישען! — איהר הערט? איהר האָט אויך אָנגעהויבען זיך פיעל צו ערלויבען — האָט גע־שריען דער דאָקטאָר, אויסער זיך פון אויפרעגונג און ערגער.

אָבער באלד איז איהם געוואָרען א חרפה פאר דער גאנצער קליינליכער און עקעלהאפטער געשיכטע, ס׳האָט איהם אָנגעכאפט אן עקעל פון זיך אליין, פון דער גאנצער פראזאאי־שער און שמוציגער וועבענטליכקייט פון זיין עקזיסטענץ און ער איז מיט ביטערען פערדרוס און מיט טרעהרען אין די אויגען, ווי א טיעף בעליידיגטער אוועק צו זיך אין קאבינעט אריין, קלאפענדיג אונטער זיך שטארק און בייז מיט דער טיר.

5.

— באַלד איז ארויסגעגאַנגען צום טיר סאָפּיא מאַוועיעוונאַ — זי האָט געשפּיליעט דעם מאָרגענראָק אויף איהר הויך־געבוי־טער ברוסט מיט נערוועזע פינגער, די ברייטע נאָזלעכער פון איהר פּרעך פּעררײסענעם נאָז האָבען זיך צאָרניג בעוועגט. דער טאָג האָט זיך אָנגעהויבען ווי כסדר מיט קריעג...

זאָל ער קויפען... איך וועל זיי דורכ'ן פענסטער ארויס־שמייסען. — האָט געסטראַשעט די דאָקטערשע.

און דער בייזער קלאַנג פון די גלעזער האָט עדות געזאָגט, אז איצט איז זי זעהר קריעגסלוסטיג און פּעהיג אויף אַלעס...

זי האָט זיך אָנגעגאָסען טהעע. און די קריסטליכע דיענסט מיידעל, וועלכע האָט געהאַסט דעם אידישען און פרומען דאָק־טאָר ניט ווענינער פון איהר בעל־הבית'טע האָט זי אָנגעהויבען נאָך מעהר אויפצורייצען.

— געוויס, ארויסוואַרפען! דאָס איז א קאַרגער!.. דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען זעה איך אַזאַ קאַרגען מענשען... און נאָך א דאָקטאָר!

— איך לייד און לייד, נאָר אז איך וועל זיך צו איהם א מאָל צוכאַפּען מעגסטו איהם ניט מקנא זיין — האָט געפייערט די בעל־הבית'טע און האָט דעמאָנסטרירט מיט ענערגישע האַנד־בעוועגונגען ווי אַזוי זי וועט זיך צו איהם צוכאַפּען...

— האָבען א פרוי אַזאַ שעהנהייט און איהר קאַרגען א פּאָר אנשטענדיגע שיך... אז אנדערער וואָלט דאָך אין זייד און אין סאַמעט געקליידעט... און ווי א לאַילקע געהאַלטען.. און ווי קליי־דעט ער אייך? איהר האָט דאָך ניט אפילו קיין איין אנשטענדיג קלייד! — האָט זי געהעצט זינאַ, ראַמענדיג דאָס עס־צימער. — ווירקליך, וואָס שווייגט איהר איהם?

— איך זאָג דאָך דיר, אז איך וועל זיך צו איהם נעהמען וועלען פון איהם פונקען פליהען... גענוג האָב איך פון איהם

געליטען — „פּרינציפּען... פּרינציפּען!" — האָט זי נאָכגע־
קרומט דעם מאַן.

6.

— דאָניע, דאָניע! לערנען! הערסט? איך האָב ניט
ליעב צוויי מאָל צו זאָגען! — האָט שטרענג גערופען דער
דאָקטאָר זיין בן יחיד אין דער טיר פון קאבינעט.

דאָניע, וועלכער האָט גוט געוואוסט, אז דער פאָטער
האָט ניט ליעב צוויי מאָל רופען, איז געקומען האסטיג צו לויּ־
פען פון קיך, ווישענדיג אויפ'ן וועג דאָס מויל.

— אפילו אָבעסען לאָזט מען ניט! דאָס איז א לעבען!...
א קאַטאָרגע ניט קיין לעבען... — האָט זיך געקלאָגט דאָס קינד,
און איז פערשוואונדען אין פאָטער'ס קאָבינעט.

סאָפיא האָט זיך אויפגעהויבען פון אָרט און האָט פלוצים
אָנגעהויבען פאר זינא'ן קאָפּירען איהר מאַן:

„פּרינציפּען... פּרינציפּען!..." און האָט געמאַכט אַזאַ
קאָמישע גרימאַסע, אז זינא האָט זיך אָנגעהויבען צו קייקלען
פון געלעכטער.

דאָס האָט געבראַכט ביידען, די דיענסט און די באַלע־
באָסטע אין א גוטער שטימונג, און ביידע האָבען זיך געזעצט
געמיטליך, ווי צוויי חבר'טעס שמועסען און זיך דערצעהלען
איינע דער אנדערער זייערע אינטימסטע ווייבלישע סודות.

— און דער פּאָלקאָווניק האָט מיך ווידער אָפּגעשטעלט —
האָט דערצעהלט זינא מיט א געהיימניספולען צווייַדייטיגען
וואונק.

די דאָקטאָרשע האָט אויפגעשטראַהלט פון פרייד און נייַ־
געריגקייט.

— ס'קען ניט זיין ?!... וואס האט ער דיר געזאגט? האט זי געזאגט.

— וואס מאכט דיין שעהנע מאדאם? — און זינא האט דערביי מיט א קאקעטישען שמייכעל געפרואווט אויסדריקען די שעהנקייט פון איהר מאדאם.

— נו, דו לייגסט שוין, זינאקא! — האט איהר ניט גע־גלויבט די דאקטארשע.

— ווי מיר האבען א גאט אויף דער וועלט! איך שווער אייך ביים צלם, אז איך זאג דעם אמת! — און זינא האט זיך ברייט און פרום איבערגע'צלם'ט.

— וואס נאך האט ער דיך געפרעגט?

— פערשיעדענעס... ער האט מיך געפרעגט צי שפאצירט איהר... צי דער דאקטאר פאהרט אמאל אב... ס'הייסט אזוי ווי אויף פראקטיקע — האט א וואונק געטאן די דיענסט. — וואס איז דא צו ריידען, איהר זייט איהם שטארק, זעהר שטארק געפעלען!... — האט אליץ שעלמיש געוואונקען און געשמייכעלט דאס שטוב־מיידעל.

— אזוי האט ער דיר געזאגט? — האט מיסטרויאיש אי־בערגעפרעגט די באלעבאסטע. זי האט זיך אויפגעהויבען און זיך געשטעלט קוקען אין שפיעגעל, אזוי ווי זי וואלט געוואלט דארט ארויסקריגען דעם אמת, צי האט דער פאלקאווניק טאקע אזוי געקענט זאגען.

— זאגסטו, אז איך בין געפעלען? — האט געפרעגט נאך א מאל די באלעבאסטע, קאקעטירענדיג פאר'ן שפיעגעל מיט דעם גרויסען פעסט־געבויטען קערפער איהרען און מיט די שעהנע, דורכזיכטיגע הענד.

— איהר קענט יעדען געפעלען! — האט ניט אויפגעהערט זי צו חנפ'ענען זינא.

— וואס הערט זיך ביי דיר מיט פעדקען? — האט די צופריעדענע דאקטארשע זיך ערקונדיגט ביי איהר דיענסט, און

האָט זיך ווידער גענומען פאַר איהר טהעע.

— ער האָט ביי מיר נעכטען אונטער'ן פענסטער ווי א וואָלף געוואָיעט. — און זינא האָט זיך צולאַכט.

— אַז אידיאָטקע וואָס דו ביזט... ווארום האָסטו איהם נישט אריינגעלאָזט? — האָט איהר געפרעגט די באַלעבאָסטע מיט א געערגערטען טאָן.

— נו, איך ווייס זיך ווי אזוי זיך צו פיהרען... נאָך דאָס פעהלט מיר!... ווען דער דאָקטאָר דרעזעהט דאָס, וואָלט ער מיר אזוי געגעבען, אז איך וואָלט געמוזט פון שטוב אנטלויפען.

— וואָס איז זיין עסק? מיט איהם קעהרט זיך עס ניט אָן, ער קען דיר ניט פערוועהרען. — האָט געלערנט די מאַדאַם איהר דיענסט מיט אזא טאָן, אזוי ווי זי וואָלט געווען עמפערט איבער דעם וואָס זינא איז בעשרענקט אין איהרע רעכט...

דעם געמיטליכען געשפרעך פון די צוויי חבר'טעס האָט אונטערגעבראָכען דער דאָקטאָר.

— זינא איהר זאָלט ניט פערגעסען, אז אין דער פריה ווען איך בין בעשעפטיגט מיט דער ערציהונג פון מיין קינד, נעהם איך קיינעם ניט אויף. — האָט ער זיך געווענדעט אין דער טיר צום דיענסט־מיידעל, וואָרפענדיג ביי דער געלעגענהייט א קאַל־טען פעראַכטענדען בליק אויף זיין פרוי, אויף איהר אַבגעדעק־טער ווייסער און הויכער ברוסט און די נאַקעטע אויסגעפילטע הענד.

— איך ווייס... איך ווייס.. — האָט זיך אָנגערופען אונגעדולדיג די דיענסט, קוקענדיג אין א זייט.

— איהר ווייסט, פונדעסטוועגען האָט איהר נעכטען אריינגעלאָזט צו מיר דעם אָפיציער.

— ס'איז דאָך אַן אָפיציער! — האָט איהם בייז געענט־פערט די דיענסט, ניט אויפהויבענדיג צו איהם דעם קאָפּ.

— און אז אַן אָפיציער איז וואָס? איך אַלס מיליטער דאָקטאָר בין אַליין אַן אָפיציער... א גרויסע זאַך אַן אָפיציער!.

איידָ קען מען עס אין קאָפּ ניט אריינקלאַפּען... בעסער וועט זיין אויפקלעפּען דרויסען א צעטעל — און דאָקטאָר ראַפּאַפּאָרט איז אַבגעגאַנגען שרייבען דאָס צעטעל.

זינא האָט ווייטער געראַמט, סאָפּיא האָט געטרונקען טהעע ווייטער נייגעריג אויסגעפרעגט די דיענסט וועגען איהר ליעבע מיט פּעדקען...

— נאָט, קלעפּט עס אויף, דרויסען אויף דער טיר, — און דער דאָקטאָר האָט דערלאַנגט זינא׳ן א צעטעל.

זינא האָט עס גענומען פּויל און נאַכלעסיג פון זיין האַנד און האָט עס אוועקגעלעגט אויפ׳ן טיש

— ניין! איהר קלעפּט עס באַלד אויף! — האָט דרינגליך פערלאַנגט דער דאָקטאָר.

— איך וועל עס אויפקלעפּען... אויפקלעפּען! — האָט אויף איהם פרעך געשריען זיין ווייב׳ס לייב־מענש, פּונקט ווי ער וואָלט עס געווען די דיענסט.

דער דאָקטאָר איז אַבגעגאַנגען צוריק צו זיך אין קאַבינעט און זיין פרוי האָט זיך פּאַר א טשיקאַוואָסט גענומען אין דער הויך לייענען דאָס צעטעל, מאַכענדיג דערביי פערשיעדענע גרימאַסען, וועלכע האָבען קאַפּירט איהר מאַן:

„דאָקטאָר ראַפּאַפּאָרט לאָזט וויסען זיינע ווערטהע פּאַ־ציענטען, אַז זיינע מאָרגען־שטונדען ביז 11 אזייגער זיינער אויסשליסליך געווידמעט דער ערציהונג פון זיין איין־און־איינציגען זוהן און ער קאָן דערפאַר קיינעם ניט אויפנעהמען. ווער עס דאַרף דרינגליכע מעדיצינישע הילף, זאָל זיך ווענדען צו אַנדערע דאָקטוירים און איהם ניט שטערען און ניט אַבריי־סען פון זיין ערציהונג אלס פּאָטער און ערציהער.“

— אידיאָט! — האָט אַזוי ווי אויסגעשפּיגען מיט כעס און פּעראַכטונג די דאָקטאָרשע און האָט צוריסען מיט וואוט דעם צעטעל אויף פּיצלעך...

זינא האָט פערצווייפעלט זיך געכאַפּט ביים קאָפּ

— וואס האט איהר געטאן?

— ווי?... די גאנצע שטאדט דארף וויסען, אז ער איז אן אידיאט?... גענוג אז איך אליין ווייס! — און די נאכ־לעכער האבען ווידער אנגעהויבען ביי איהר קריעגס־לוסטיג און צארניג צו טאנצען.

דא האט זיך פון קאבינעט דערהערט דעם קינדס געשריי און א געוויין.. דער פאטער האט איהם, ווייזט אויס, ווידער געשלאגען... די מוטער האט א שליידער געטאן אויף דר'ערד די גלאז וועלכע זי האט געהאלטען אין איהר האנט און איז מיט א שפרונג פון א ווילדער פאנטיערע, צו צו דער טיר, גרייט אין איהר ווילדען כעס כאפען מיט איהרע נעגעל דעם מאן ביים גארגעל...

אבער דער דאקטאר האט פריהער געעפענט די טיר און מיט אזא אימפעט, אז זיין פרוי איז דערשראקען אבגעשפרונגען.

— זאג מיר, אין וועמען איז ער געראטען? וואו האט זיך גענומען צו איהם אזא גוי'שע קאפ? — האט ער געשריען אויף זיין ווייב, ציטערענדיג מיט זיין גאנצען קליינעם און דארען קערפער פון אויפרעגונג און פערצווייפלונג — די גימ־נאזיע האב איך געענדיגט מיט א גאלדענעם מעדאל, דעם אור־ניווערזיטעט מיט דעם בעסטען דיפלאם, צו 27 יאהר בין איך שוין געווען א פריוואט דאצענט און ווען איך בין ניט קיין איד, וואלט איך איצט, צו 40 יאהר געווען א בעריהמטער פראפע־סאר מיט א גרויסען אייראפעאישען נאמען.. אנדערש קען עס ניט זיין, ווארום אזוי איז שוין די גייסטיגע סטרוקטור פון אונזער משפחה, פון יעדען ראפאפארט... אלע מיינע עלטערען און אור־עלטערען זיינען געווען גאונים, רבנים, שרייבער, דיכ־טער, קורץ — מנעשען מיט גרויסע און רייכע אינטעלעקטען און יעדער האט פיעל בייגעטראגען צו דער גייסטיגער קולטור פון אונזער פאלק... ווי אזוי־זשע האט זיך אין דער בעגאבטער משפחה ארייגעכאפט אזא פויערשער קאפ, אזא פערשטאפ־

טער מוח? אין וועמען... אין וועמען זאג מיר, איז ער גע־ראטען? — האט דער פאטער פערצווייפעלט געקלאפט אין טיש, פערלאנגענדיג פון זיין פרוי דערויף אן ענטפער

דער פרעכער, ארויספאדערענדער און קריעגס־לוסטיגער אויסדרוק פון איהר פנים איז פלוצלונג אויסגעלאשען געווארען.

די פרוי איז געשטאנען פאר איהר מאן מיט אן אראפגע־לאזטען קאפ, א בלאסע, א ציטערנדע, ווי א פערברעכעריין אויפ׳ן פערהער פאר דעם פראקוראר.

— ער איז געראטען אין מיינע עלטערען... אין אונזער משפחה זיינען ניט געווען קיין בעריהמטהייטען, נאר פראסטע מענשען... — האט זי שטיל געענטפערט ווי א שולדיגע.

— סיידען אזוי..· — און דאקטאר ראפאפארט האט אויס־געמאסטען דעם שהענעם און רייצענדען קערפער פון זיין פרוי פון קאפ ביז די פיס מיט זיינע גרויסע, שווארצע און ברענענדע אויגען.

ער האט זיך געלאזט לויפען איבער׳ן גרויסען עס־צימער הין־און־צוריק מיט שנעלע און נערוועזע טריט, געיאגט און גע־שמיסען פון דער בייטש פון זיין טראגישען צווייפעל, וועלכער האט גענאגט און געפרעסען זיין הארץ, און געברענט שוין פון לאנג זיין מארך.

— ערשט נעכטען האסטו געזאגט, אז ער וועט זיין א בעריהמטער פילאלאג, א שפראכען־פארשער, א היסטאריקער. און היינט זאגסטו שוין, אז ער איז א פערשטאפטער מוח — האט שטיל און פארזיכטיג פערזוכט די מוטער ארויסצוטרייבען דעם ספק, דאס שרעקליכע געשפענסט פון דעם פאטער׳ס נשמה.

דאס האט געווירקט.

אזוי ווי א שטראהל פון האפנונג וואלט צוטריבען דעם גערדיכטען טומאן און דעם פרעסענדען צווייפעל און וואלט בע־רוהיגט זיינע צורודערטע, בלוטענדע וואונדען.

זיין קליינער, צוזאמענגעדרעהטער קערפער האט זיך אויס־געגלייכט.

— יא, צו שפראכען איז ער פעהיג. אפילו זעהר פעהיג!

— האט אזוי ווי זיך אליין געפרואווט טרייסטען און בערוהי־גען דער פאטער.

— גאט צו דאנקען! — האט אויפגעשטראהלט די מוטער.

— איז ער שוין ניט אזוי שטומפ..

— ווארום איז ער אין מאטעמאטיק אזוי שטומפ? אזוי שטומפ?... — האט ווידער שטרענג און פארשענד, און צו־גליידך פערצווייפעלט געפרעגט דער פראקוראר. — ביי אונז איז דער משפחה זיינען אלע געווען גוטע מאטעמאטיקער!...

— וועט ער זיין א גרויסער פילאלאג. איינער איז פעהיג צו איין זאך, דער אנדערער צו א צווייטער זאך — האט זיך אזוי ווי פערטיידיגט די אנגעקלאגטע.

דער פאטער האט זיך פערטראכט.

— ס'קען זיין דו האסט רעכט. יא, ריכטיג, איך גיב צו, אז אין שפראכען וועט ער זיין א פענאמען. דערפאר טאקע איז ער אזוי שטומפ אין מאטעמאטיקע. ביי בלינדע זיינען דערפאר שטארק ענטוויקעלט אנדערע חושים... גרויסע דיכטער און שרייבער זיינען אויך געווען שטומפ און אונפעהיג אין מאטעמאטיק.

און ראפאפארט האט זיך אנגעכאפט אן דעם נייעם גע־דאנק און איהם אנגעהויבען צו וויקלען אין זיין מוח אין א גאנצע טעאריע, אום צו רעטען זיך פון דעם שרעקליכען אבגרונד וועלכען ס'האט פאר איהם געעפענט דער שוידערליכער ספק.

אבער דא איז פון קאבינעט ארויסגעגאנגען דאס פער־וויינטע קינד.

אז סאפיא מאטוועיעוונא האט דערזעהן זיין רויטע אויער און זיינע פערוויינטע געשוואלענע אויגען, איז אין איהר דאס שולדיגקייטס־געפיהל פערשוואונדען געווארען.

די מוטער איז ווידער געשטאַנען בייז און ווילד ווי א טיגערין גרייט צו פערטיידיגען איהר קינד, און האָט געקלאַפּט אין טיש.

— איך וויל נישט קיין קינד קיין פּענאַמען! איך דאַרף עס ניט! הערסט?

— וואָס זשע אפשר א ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאט זאָל ער זיין, ווי דיין טאַטע איז געווען? — און ראַפּאַפּאָרט האָט זי אָבגעגאָסען מיט דער ברענענדער פּעראכטונג פון זיינע צוויי גרויסע פייערדיגע אויגען.

— יאָ, יאָ! זאָל ער זיין א ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאט! א פּראָסטער מענש, ווי מיין פאָטער איז געווען! — האָט די מוטער געקלאַפּט אין טיש.

— אָה, ניין, איך וויל ניט זיין קיין סאָלדאט! — האָט זיך איבערגעשראָקען דאָס קינד, און זיך ענגסטליך געטוליעט און געזוכט שוץ ביי דער מוטער.

— מיין קינד, מיין טייער קינד! — האָט זי איהם אָנגעהויבען צו גלעטען און צו דריקען צו זיך און האָט זיך צו־וויינט.

זינא וועלכע איז שוין געווען צוגעוועהנט צו אזוינע סצע־נעס, און האָט אַלעם ביז אהער שטום בייגעוואוינט, ניט אויפ־הערענדיג צו ראַמען, האָט איצט, אוים פּראָטעסט, א שליידער געטאָן די באַרשט מיט וועלכער זי האָט געקעהרט און איז אַוועק אין קיך אריין.

באַלד האָט פון דאָרט די אַלטע קעכין אריינגעשטעקט דעם קאָפּ, האָט איהם א שאָקעל געטאָן מיט מיטלייד און האָט איהם צוריק בעהאַלטען.

— איך וועל מיט איהם מעהר ניט לערנען... נאָר ער שלאָגט זיך! — האָט אויף ס'ניי זיך צוואוויינט דאָס קינד.

— קוק נור אָן! איך האָב איהם א ציה געטאָן אביסעל ביים אויער, ווי דער רוח נעהמט איהם שוין!...

— אביסעל... א שעהן ביסעל! דו זעהסט? ס'איז מיר אזש אין די אויגען פינסטער געוואָרען. — און דאָני האָט גע־וויזען דער מוטער דעם פייער־רויטען אויער. — דיר זאָל אזוי וועה טאָן ווי מיר וואָלסטו געוואוסט!... מעהר וועל איך מיט איהם ניט לערנען! דו וועסט מיר נעהמען א לעהרער, א יאָ, מאמע?

— יאָ, יאָ, מיין קינד! איך שיק דיר קיין מאָסקווא צו דער באָבע און א סוף וועט נעהמען צו דיינע צרות.

— און דו וועסט מיך דאָרט אריינגעבען אין גימנאזיע אריין, א יאָ, מאמע?

— יאָ, יאָ, מיין איין־און־איינציגער, טייערער זוהן, — האָט איהם געטרייסט די מוטער, ניט אויפהערענדיג צו וויי־נען און צו דריקען איהם צום הארץ.

— אין גימנאזיע נעהמט מען אָבער ניט צו קיין אידען — האָט א בורטשע געטאָן דער פאָטער.

— מיך וועט מען שוין צונעהמען! — האָט געזאָגט דאָניע מיט א זיכערען טאָן.

— ווארום וועט מען דיך יאָ צונעהמען? ביסט קיין איד ניט?

— ווייל איך בין ניט עהנליך צו א אידען! — האָט ער־קלערט דאָניע מיט א זיכערען טאָן.

דאָקטאָר ראפאָפּאָרט האָט אויפגעציטערט און האָט אָב־געשטעלט זיין האסטיגען, נערוועזען לויף איבער'ן צימער.

— ווער האָט עם דיר געזאָגט? — האָט ער געפרעגט שויז ווידער שטרענג און בייז ווי א פּראָקוראָר.

— מיר האָט עס דער פאָלקאָווניק געזאָגט.

— וואס פאר א פאָלקאָווניק?

— דער וואָס האָט אונז, מיך מיט זינא'ן, אָבגעשטעלט נעכטען אויף דער גאס... ער האָט אויף דער מאמא'ן געפרעגט..

דאקטאר ראפאפארט האט אנגעשטעלט זיינע פראגענדע, איבערגעקעהרטע אויגען אויף זיין פרוי.

— ווער איז דער פאלקאווניק? — האט ער זי שטרענג געפרעגט.

— וואס פאר א פאלקאווניק?... נא דיר גאר א פאלקאווניק!... איך האב קיין אהנונג! — האט אבגעלייקענט סאפיא מאוועיעוונא. זי האט אויסגעדרעהט איהר רויט געווארענעם פנים און איז שטיל ארויסגעגאנגען פון צימער.

די זשאבע, וועלכע איז אויף א מינוט אין דאקטאר פערטויבט געווארען האט ווידער גענומען נאגען און זויגען זיין הארץ. אבער מיט אזא וואוט, אז ראפאפארט האט געמיינט ס'וועט ניט אויסהאלטען און צוריסען ווערען.

7.

— האט ער דיר געזאגט, אז דו ביסט ניט עהנליך צו קיין אידען? — האט איבערגעפרעגט דער אונגליקליכער דאקטאר, און ער האט ארייגעשטעקט זיינע פארשענדע, פיעבעריגע בליקען אין זיינע געזיכטסציגע און אנגעהויבען דארט מיט זיי צו טאפען און צו זוכען דעם אמת... אזוי ווי ער פלעגט עס טאן כסדר, ווען דער שרעקליכער צווייפעל פלעגט אנהויבען איהם פייניגען און שמייסען זיין געוויסען.

און די פארשענדע בליקען פלעגען מאכען דאס קינד נערוועז און איהם תמיד אויפרעגען ביז צום וואהנזין.

— ווידער קוקסטו אויף מיר אט אזוי? איך וויל ניט! איך וויל ניט דו זאלסט אויף מיר אזוי קוקען!... — האט היסטעריש געשריען דאנקע, אזוי ווי א בייטש וואלט אונבארמהערציג געשמיסען זיין קערפער.

— דו... שריי ניט אזוי !... — און דער פאטער האט איהם א שליידער געטאן פון זיך צו דער וואנד און האט זיך ווייטער געלאזט לויפען היז־און־צוריק ווי א ווינד.

— ווען דו ביזט א קלוג, געראטען קינד, ווי אלע ראפאַ־פארטס זיינען געווען און ניט קיין שטומפער מוח, וואלסטו געזאגט אזא פאלקאווניק: ס'טוט מיר לייד, וואס איך בין ניט עהנליך צו קיין אידען !.. ס'מוז דאך די גרעסטע בעליי־דיגונג פאר א אידען זיין, ווען מען זאגט איהם, אז ער איז ניט עהנליך צו קיין אידען !... אז קוראפאטקין האט מיך הינטער ליאאן דעקארירט מיט אן ארדען פאר מיין בראווקייט, דערפאר וואס איך האב אונטער דעם פייער פון דער יאפאנישער אר־טילעריע צוזאמענגעקליבען און איבערגעבונדען די פערוואונדע־טע, און האט צו מיר געזאגט:

— דאקטאר ! איהר האט בעוויזען א גרויסע, גאר ניט קיין אידישע העלדישקייט — האב איך זיך באלד געפונען בע־ליידיגט און האב איהם פאר'ן גאנצען שטאב זיינעם געענטפערט:

— וואשע וויסאקאפרעוואסכאדיטעלסטווא ! אויב איך האב יא בעוויזען העלדישקייט האט דאס געקענט זיין נאר א אידישע העלדישקייט !

און ער האט פערביסען די ליפען און האט זיך אבגעטרא־גען און זיין שטאב האט מיר געוואלט מיט די אויגען אויפעסען..

— אט אזוי ענטפערט א איד, וואס שטאלצירט, ווי איך, מיט זיין אידישער אבשטאמונג ! און דו האסט אט דעם פאלקאוו־ניק גאר ניט געזאגט, ווייל דו ביזט א פויערשער, פערשטאפ־טער קאפ...

— איך בין א פערשטאפטער פויערשער קאפ...

— נו, קום לערנען.

ראפאפארט האט איהם גענומען ביי דער האנד און האט איהם געשלעפט מיט זיך אין קאבינעט אריין, פארטצוזעצען

די אינקוויזיציע איבער דעם אונגליקליכען קינד און איבער זיך אליין...

— דו וועסט זיך מעהר ניט שלאגען? — האט געפרעגט ציטערענד דאניע.

— קום! קום!

8.

אבער דא איז אנגעקומען דאני׳ס מלמד, א אלטער, איינ־געהויקערטער איד מיט א בלויער, אזוי ווי אבגעפרארענער נאז. זיין קאפ איז געווען ביי איהם איינגעהילט אין א ווייבערשער שאל און געבראכט האט ער מיט זיך א קאמפליצירטען גערוך פון שמעק טאבאק, ליאג און אלטע הינד...

אז דאני האט איהם דערזעהן האט ער געמאכט א קרומע, זויערע גרימאסע.

— אה... ער איז שוין דא דער פראפעסאר!.. איך וועל מיט איהם היינט ניט לערנען, — האט זיך אנגערופען דאס קינד.

א גוט מארגען, פאני דאקטאר — האט געגריסט דער מלמד און האט אנגעהויבען צו וויקלען זיין שאל.

— א גוט מארגען... א גוט מארגען, רבי... אזוי פריה?

— האט איהם געפרעגט דער דאקטאר.

— פערשטעהט איהר מיך... היינטיגע וואך איז א שווע־רע סדרה... בין איך געקומען אביסעלע פריהער — האט ער קלעהרט דער מלמד מיט א פערלעגענעם שמייכעל.

— וואס פאר א סדרה איז היינטיגע וואך? — האט זיך אינטערעסירט דער דאקטאר.

— וואס הייסט — מקץ!... ווי קומט עס, דאקטאר, אז

איהר זאָלט ניט ווייסען, אז היינטיגע וואָך געהט מקץ... איהר פערשטעהט דאָך עפּעס יאָ אין די קליינע אותיות'לעך.

— נאָך דאָס זאָל איך ווייסען. — און דער דאָקטאָר האָט זיך צולאַכט.

— סטייטש, איך האָב דאָך געהערט זאָגען, אַז ניט נאָר דאָקטאָריע, נאָר אפילו אַ שטיקעלע גמרא מיט תוספות קענט איהר אויך — האָט געפרעגט דער מלמד מיט אַ ניגון פון אַ קלאָץ־קשיא און ניט מיט אַ קליינעם שמאָלץ און פערגעניגען.

— ווער האָט עס אייך געזאָגט? — האָט צופריעדען געפרעגט ראַפּאָפּאָרט און איז אַליין שיעור ניט אריינגעפאַלען אין דעם זעלבען גמרא ניגון...

— מע זאָגט!... ווי שטעהט ביי אונז? עוף השמים הולך את הקול... וואָס־זשע מ'ווייסט ניט? מ'ווייסט אַלעס!... מיר האָט אונזער דין געזאָגט, אַז איהר האָט איהם אַמאָל פערטייטשט אַ שטיקעל אור החיים נאָר לעילה ולעילה... אויף דעם גרויסען שטייגער. — און דער מלמד האָט פערריסען זיין האַנד איבער'ן קאָפּ אויסצודריקען דעם גרויסען שטייגער...

קיין גרעסערען און אַנגענעהמערען קאָמפּלימענט האָט עס פאַר'ן דאָקטאָר ניט געקענט געבען. אַ שטראָם פון ליכט און וואַרימקייט איז אריין אין זיין פערצווייפעלטער נשמה.

מערקווירדיג! אזוי ווי ער פלעגט נאָר קומען אין בעריהרונג מיט אָט די שמוציגע און אָרימע אידען, ווי אָט דער מלמד מיט דעם גערוך פון ליאָג און שמעק־טאַבאַק, מיט זיין אייגענער און פערוואָנדעטער סביבה, פלעגט ער אזוי ווי אויפלעבען און בעפרייט ווערען... די זשאַבע פלעגט איהם אויפהערען צו עסען און צו נאָגען. ער פלעגט פערגעסען אַז זיין סאָפיאַ מאַטוועיוונאַ, דעם ניקאָלאַיעווסקען סאָלדאַט'ס טאָכטער, וואָס איז אויסגעוואַקסען אין מאָסקווע צווישען קאַצאַפּעס און איז מיט אַלעס, מיט דער גאַנצער נשמה איהרער געווען אַ קאַצאַפּקע, און איז אזוי פרעמד פאַר איהם! ער האָט פערגעסען אַז דעם

גיפטיגען ספק זיינעם, וועלכער האט געפייניגט און געפרעסען זיין גייסט די לעצטע יאהרען, און איז זיין אונגעלונגענעם צו־שמעטערטען לעבען פון א הויך בעגאבטען אידען, וואס איז געווען פון נאטור בערופען צו זיין א בעריהמטער געלערנטער און פראפעסאר, און פאר וועמען די אידישע אבשטאמונג איז געווען אן אמת'ע קאטאסטראפע, א טראגעדיע.

די אידען מיט דעם גרויסען רעספעקט, וואס זיי האבען געהאט פאר זיין לומדות און מיט דעם כבוד און פערעהרונג וואס זיי האבען איהם געצאהלט פאר זיין גרויסען יחוס און אידישקייט האבען איהם שעהן בעלוינט פאר אלע זיינע פערלוסטען אין לע־בען, וועלכע זיינען פעראורזאכט געווען פון דערזעלבער אידיש־קייט...

— יא... איך דערמאן מיך טאקע... איך האב מיט אייער דין אמאל פערבראכט א גאנצע נאכט... זיין אייניקעל האט נעהאט קרופ — האט זיך אנגערופען דער געשמייכעלטער דאקטאר.

— ניט דא געדאכט! — און דער מלמד האט ביים ווארט קרופ ווייט אויסגעשפיגען.

— א וואוילער, טייערער איד אייער דין — האט בעמערקט ראפאפארט.

— פסס... א כשר איד! א סך אזוינע אידען זיינען היינטיגע צייטען ניטא. — און דער מלמד האט אלס בעוויין ארייננעצויגען אין זיין בלויער אבגעפרוירענער נאז א טיעפען שמעק טאבאק.

— איהר וועט מיר גלויבען, רבי, אז איך געדענק נאך היינט דעם גאנצען משניות נזיקין אויסווייניג? — האט זיך אזוי ווי אביסעל בעריהמט דער געוועזענער פריוואט־דאצענט פון מאסקווער אוניווערזיטעט...

— דעם גאנצען דסר נזיקין? אוי־וואו! — האט אויס־

געשריען דער מלמד מיט גרויס התפעלות, אזוי ווי דער דאָקטאָר וואָלט אויסגעשאָסען פון אַ ביקס.

— און יורה דעה? — האָט שטאָלץ פעררייסען דער דאָק־טאָר זיין קאָפּ.

—יורה דעה אויך? — האָט אזש אונטערגעשפּרונגען דער מלמד פון איבערראַשונג. — דאָס הייסט תורה וגדולה במקום אחד... ניט אומזיסט זייט איהר ר׳ הירשעלע ראַפּאַפּאָרטס אַן אייניקעל. מי גדול כר׳ הירשעלע ראַפּאַפּאָרט? — האָט גע־קוועטשט דער מלמד מיט אַן ענטציקטען גמרא ניגון.

— דאָס איז פון טאַטענ׳ס צד... די מאַמע מיינע, זאָל לעבען, איז דעם מהרם׳ס אַן אייגען אור־אייניקעל — האָט גע־זאָגט דער דאָקטאָר ניט מיט קיין קליינעם שטאָלץ.

— מהרם׳ס אַן אייגען אור־אייניקעל? וואָס רעדט איהר — איז שוין איינפאַך ארויס פון די כלים דער מלמד — מי גדול כמהרם? דאָס איז דאָך דער אמת׳ער יחוס. וועה איז מיר! אַ קלייניגקייט! דער הייליגער מה...הרם! — און דער מלמד האָט זיך אזוי ווי פערכלינעט פון התפעלות און ענטצי־קונג, און פערהוסט מיט זיין יאַדישליווע ברוסט.

דער פּריוואַט־דאָצענט איז אזוי ווי צואווייקט געוואָרען פון דעם מלמד׳ס התפעלות און האָט שוין פערגעסען אַן דאַני׳ן, אַן דעם, אַז די ערשטע מאָרגען־שטונדען געהערען איהם און זיין ערציהונג.

דאַני איז געווען צופרידען וואָס מ׳דאַרף ניט לערנען און האָט זיי געלאָזט רעדען.

— אפשר וועט איהר טרינקען אַ גלעזעל טהעע, רבי? — האָט ער געפרעגט גאַסטפריינדליך דעם מלמד.

— מהיכי תיתי... זעהט איהר אַ גלעזעלע וואַרעמס איז ביי מיר זעהר אַנגעלייגט — האָט זיך ניט אָבגעזאָגט דער מלמד — דעם מהרם׳ס אַן אייגען אור־אייניקעל — האָט ער ניט אויפ־געהערט צו שטוינען — אור־וואַ! אור־וואַ! — און דער מלמד

האָט צוגעסמאַקעט מיט די ליפּען, אַזוי ווי ער וואָלט זיך גע־קוויקט מיט אַ זיסען איינגעמאַכץ.

פּלוצים האָט זיך דעם מלמד׳ס פּנים פערוואָלקענט.

— וואָס וואָלט איך אייך געוואָלט פרעגען, פּאַני דאָקטאָר. דער מאַגען איז עפּעס ווידער ביי מיר לאָ עליכם׳דיג — און דער מלמד האָט דערביי געמאַכט אַ לאָ עליכם׳דיג פּנים. דאַני האָט עס באַלד נאָכגעקרומט און האָט זיך צולאַכט.

— וואָס איז?

— פרעגט שוין גאָר ניט! און דער איד האָט זיך פער־צווייפעלט געכאַפּט פאַר׳ן בויך.

— מסתמא ווידער געגעסען טשאָלענט מיט רעטעך מיט פּאַסאָלעס... וויפיעל מאָל האָב איך אייך געזאָגט, אַז איהר טאָרט עס ניט עסען... ווייזט נור! — און דער דאָקטאָר האָט אריינגעקוקט דעם מלמד אין מויל אריין — יאָ, געוויס האָט איהר געגעסען, — האָט זיך כלומר׳שט געבייזערט דער דאָקטאָר.

— וואָס דען זאָל עסען אַזאַ איד ווי איך? — האָט גע־פרעגט דער מלמד.

— מ׳עסט אַ שטיקעל קאַלט עוף.

— וואָס פאַר אַן עונג שבת איז דאָ אין אַ קאַלט שטיקעל עוף? האָט געפרעגט דער מלמד און האָט ווידער געמאַכט אַ לאָ עליכם׳דיגען פּנים.

— נאָ, איך וויל אייך געבען שפּעטער פּילען... לע״ע טרינקט טהעע... זינאַ! זינאַ! גיסט אַן דאַני׳ס לעהרער טהעע· — האָט בעפוילען דער דאָקטאָר אין קיך אריין — איך האָב זיך דאָ מיט אייך פערערדט... קום! קום! — און ער איז אַבגעגאַנגען מיט׳ן קינד אין קאַבינעט אריין.

9.

אז זינא האָט דערזעהן אין עס־צימער ביים טיש דעם שמוציגען מלמד האָט זיך אין איהר אָנגעצונדען די גאַנצע גוי׳שע רציחה איהרע.

— אַה! ער איז שוין דאָ, דער פּראָפעסאָר! — האָט זי איהם אָבגעגעבען א ברוך הבא — חוואַראָבעס וועל איך איהם געבען ניט קיין טהעע! — און האָט זיך אויסגעדרעהט צוריק אין קיך אריין...

די אַלטע רחל, וועלכע איז אויך ארויסגעגאַנגען אין עס־צימער האָט עס שטאַרק פערדראָסען.

— קוק זי נאָר אָן. עשו׳טע! א גלאָז טהעע זשאַלעוועט זי א אידען!...

— וואָז, זשידאָווקא פּאַרכאַטאַ! — און זינא האָט זי מיט א שטויס אָבגעשליידערט צו דער וואַנד.

אין שטוב איז די גוי׳שע דיענסט געווען די באַלעבאַסטע און האָט געטאָן און געזאָגט וואס זי האָט געוואָלט. זי איז געווען דער מאַדאַמ׳ס א חבר׳טע און ניט קיין דיענסט.

נו, וואס זאָגט איהר צו דעם — האָט זיך די אַלטע קעכין געווענדעט צום מלמד מיט טרעהרען אין די אויגען — און אזא המן׳טע האַלט מען אין א אידישער שטוב!

— יאָ. ווי קומט עס? — האָט פערוואונדערט געפרעגט דער מלמד — ער אַליין איז דאָך עפּעס דעם מהרם׳ס אן איי־ניקעל. מי גדול כמהרם?

— וועמענס אן אייניקעל? — האָט איבערגעפרעגט רחל.

— וואס הייסט! דעם גרויסען מהרם׳ס! איהר האָט קיין מאָל ניט געהערט פון מהרם? ווי קומט עס? — האָט זיך געוואונדערט דער מלמד.

— פרעגט מיך בחרם. מהרם... טאַראַראַם... גלויבט מיר, אז איך האָב מיין אייגענעם טאַראַראַם... אַבזיין א טאָג דאָ

אין שטוב דאַרף מען ניט קיין בעסערן טאַראַראַם — האָט זיך אַזוי ווי פערענטפערט רחל און האָט זיך גענומען אָנצאַפּען טהעע פאַר דעם מלמד.

— אַזאַ שטוב... ס'איז דאָך אַן אמת אידישע שטוב! — האָט געגאַפּט דער מלמד, פערפאַלגענד צוגלייך מיט הונגעריגע בליקען דער קעכינס האַנד בעוועגונגען.

— יאָ, אַן אמת אידישע שטוב... צווישען אונז ריידענדיג.

— און רחל האָט אַראָבגעלאָזט איהר קול אויף עטליכע טענער — גיט איהר אַ גוי, איבערהויפּט אַן אָפיציער... איהר פערשטעהט? וועט זי אייך אָבגעבען דעם מאַן, מיט דעם טאַראַראַם, מיט הכל אשר בכל... יאָ, איך זאָל אַזוי לעבען!...

— וואָס רעדט איהר?! — האָט אויסגערופען דער מלמד און זיין פּנים האָט אויסגעדריקט אַ טיעפען פּיין און צוגלייך אַן עקעל — אַזאַ אידישע שטוב!... ר' משה'לע ראַפּאַפּאָרט'ס שנור... אונזער רב'ס שנור!... און וואו איז די אַלטע רביצין?

— וואָס זאָל איך אייך דערצעהלען?... אַן אַקס האָט אַ לאַנגען צונג און קען קיין שופר ניט בלאָזען... טאָ לאָם איך בעסער שווייגען... — האָט געגעבען אָנצוהערען רחל. — פרעגט מיך בעסער ניט! וואַרפט אַריין צוקער און טרינקט טהעע, רבי. דער אָקרעפּ וועט דאָרט ביי מיר אויסזידען...

און רחל איז שנעל אָבגעגאַנגען צו זיך אין קיך אַריין, צום אָקרעפּ.

דער מלמד איז געבליבען אַ ווייל'ע אַ צוטומעלטער פון רחל'ס מעשיות. ער האָט געקנייטשט מיט די פּלייצעס און האָט געגאַפּט.

די טהעע אָבער האָט אַזוי אַפּעטיטליך געשמעקט און גע־רופען... ער האָט געמאַכט אַ ברכה, האָט זיך אַריינגעגאָסען טהעע אין שאָל אַריין און האָט אָנגעהויבען צו טרינקען, כראָ־פּענדיג דערביי אַ גאַנץ פיין לידעלע מיט זיין פרישטשעוואַ־טער נאָז.

באלד איז אריינגעגאנגען די דאקטארשע. אז זי האט דערזעהן ביי איהר טיש דעם מלמד האט זי זיך אנגעצונדען ווי פון דער גרעסטער בעליידיגונג.

— קוק איהם נאר אן! האט זיך צולייגט און טרינקט טהעע ווי ביי זיך אין דער היים... וואס פאר א טשארט האט אייך געבראכט אזוי פריה? — האט זי זיך א ווארף געטאן אויף דעם מלמד ווי א בייזער הונד.

דער מלמד האט זיך אויפגעכאפט און איז פערציטערט געווארען. צוערשט פון דער נקבה מיט די נאקעטע און ניט־צנועה'דיגע ווייסע ארעמס אין מארגען־קלייד, פון איהר אפע־נער יצר־הרע'דיגער ברוסט, און דערנאך טאקע פון איהר בייזער קאצאפסקער שטמיע אליין.

— גוט מארגען, בעל־הבית'טע!... וואס איז שייך א טשארט... חס ושלום... נא דיר א טשארט!... — האט גע־שטאמעלט דער מלמד און האט זיך נאך מעהר איינגעהויקערט.

— וואס זייט איהר געקומען אזוי פריה? — האט אויף איהם געשריען די דאקטארשע.

— פערשטעהט איהר... א שווערע סדרה היינטיגע וואך... ס'געהט מקץ... נו, בין איך געקומען א ביסעל פריהער...

— מקץ? ווער זיינען עס די קעץ?... וואס פאר א קעץ?...

— חס ושלום, מקץ... די סדרה מקץ... איהר ווייסט ניט?

אבער דא האט סאפיא מאטוועיעוונא געכאפט א קוק אויף דעם מלמד'ס בלאטיגע שטיוועל, אויף דעם טעפיך, וועלכען ער האט אויסגעשמירט, און זי האט אויסגעשריען פונקט ווי מ'וואלט איהר אריינגעשטאכען א מעסער אין הארצען אריין.

— וואס? בלאטע?!... זינא, זינא!

זינא איז האסטיג געקומען צו לויפען אויף איהר רוף.

— זעה נור, זעה נור!... וואס פאר א בלאטע דער זשיד האט אנגעטראגען! — און די דאקטארשע האט געבראַ־

כען מיט די הענד, אזוי ווי דער מלמד וואלט איהר געבראכט א גרויס אונגליק אין שטוב אריין.

— דאס איז א פארכאטע זשיד! — האט געקרעכצט די דיענסט קריצענדיג מיט די צייהן פון כעס — ערשט האב איך אויפגעראמט!...

דער מלמד האט געקוקט אויף זיי, אויף זיינע שטיוועל און האט זיך געוואונשען דעם טויט, די ערד זאל איהם איינשלינגען.

— בלאטע?... ווי קומט צו מיר בלאטע?... דאכט זיך מיר אזוי גוט אויסגעווישט די שטיוועל... — האט געשטאמעלט דער ארימער איד.

דיאגאט! דזשענגעבץ! זיינע שטיוועל שטינקען מיט דזשענגעבץ! — האט אויסגעשריען זינא, און זיך געכאפט ביי דער נאז.

— דזשענגעבץ?... די שטיוועל אין דזשענגעבץ! — האט היסטעריש געשריען די דאקטארשע — ווי ערלויבט איהר זיך אריינגעהן צו מיר אין שטוב מיט א פאר שטיוואלעס און דזשענגעבץ?!

דער איד איז געשטאנען ניט טויט ניט לעבעדיג.

— דזשענגעבץ?... חס ושלום!... ווי קומט צו מיר דזשענגעבץ?.. דאס איז טראהן, פיש־טראהן...

אבער דאס האט געווירקט ווי בוימעל אויף פייער.

— הערסטו, פישטראהן?... נו, ווי געפעלט עס דיר? וואו פון דאנען! וואו!...

— פישטראהן זאל שטינקען... דאס ערשטע מאל הער איך עס... — האט געשטאמעלט דער פערטומעלטער מלמד. און האט געציטערט ווי א פיש פון אויפרעגונג און בעליידיגונג. און אין זיינע אויגען האבען זיך בעוויזען טרעהרען.

די דאקטארשע האט אבער איינגעזעהן, אז זי האט איבערגעכאפט די מאס, און האט געמילדערט אביסעל איהר בייזען טאן.

— געהט, וועט איהר אין קינדער־צימער ווארטען... איך האב דאך אייך תמיד געזאגט, אז איהר זאלט ווארטען אין קינדער־צימער און איהר קריכט אהער... איהר פערשטעהט דאך, אז ס'איז א דאקטאר'ס הויז... ס'קומען אהער מענשען. ווי זשע ערלויבט איהר זיך פערשטינקען א שטוב? — האט זי איהם גע'מוסר'ט, אבער שוין מילד און גאנץ געלאסען.

— יא... ווען איך זאל זיין א לעהרער, נישט קיין מלמד, וואלט איהר מיך ניט געטריבען... אוי, אוי! — און פון זיין ברוסט האט זיך ארויסגעריסען א טיעפער גלות־קרעכץ.

דער מלמד האט זיך נאך מעהר איינגעבויגען אונטער דער גרויסער גלות־לאסט און איז אבגעגאנגען אין קינדער־צימער.

— נעהמט מיט אייער טהעע! — האט שוין גאנץ ווייך איהם נאכגעשריען די דאקטארשע.

דער מלמד האט פערצווייפעלט א מאך געטאן מיט די הענד.

— זינא! טראג איהם נאך די טהעע! און וועסט איהם נאך אנגיסען! — האט בעפוילען די דאקטארשע, און איז אב־געגאנגען צו זיך.

דער יונגענד פריינד

צווייטער קאפיטעל

1.

מען האָט געקלונגען און זינא איז געלאָפען עפענען.

באלד איז זי געקומען צוריק מיט א הויכען, ברייט־פּליי־ציגען אָפיציער, מיט א גרויסען קאָפּ, רייכע, בלאָנדע האר, וועל־כע זיינען געווען ביי איהם אונטערגעשאָרען ווי ביי א קאזאק, און מיט א רויט־בלאָנדער באָרד, ברייט ווי א לאָפּאטע.

דער אָפיציער האָט גערעדט מיט א הויכען, קלינגענדיגען טענאָר און פון זיין גאנצער מעכטיגער, קאזאצקער פיגור האָט זיך געטראָגען אזוי ווי עפּעס רוהיג פעסטעס און ברייט־צוואָ־ווארפענעס ווי די קאָזאצקע סטעפּע און פריש געזונטעס ווי דער ווינד, וועלכער טראגט זיך ארום דאָרט אין דער סטעפּע.

— אָבער דער דאָקטאָר איז צו הויז? — האָט געפרעגט די קלינגענדע טענאָר שטימע.

— צו הויז... אין דער פריה אָבער נעהמט ער קיינעם ניט אויף... — האָט אזוי ווי נאָכדענקענד און אונענטשלאָסען געענטפערט זינא.

— דאן זאָגט איהם, אז סאָקאָלאָוו איז געקומען און ער וועט מיך אויפנעהמען... אָט האָט איהר מיין קארטע — און דער אָפיציער האָט איהר דערלאנגט זיין וויזיט קארטע און האָט א קלונג געטאָן מיט די שפּאָרען.

זינא האָט אויפגעציטערט פון דעם קלונג און האָט אונ־ענטשלאָסען גענומען ביי איהם די קארטע, האָט דאָרט דורכגע־לייענט: „עלצטער דאָקטאָר אלעקסעי פּעטראָוויטש סאָקאָ־לאָוו", האָט געוואָרפען אויף דעם אָפיציער א נייגעריגען בליק, אזוי ווי זי וואָלט זיך געוואָלט איבערצייגען, צי דאָס איז ווירק־ליך א סאָקאָלאָוו און א דאָקטאָר און האָט געזאָגט פארלעגען און אזוי ווי ענטשולדיגט:

— עס טוט מיר לייד... אין דער פריה, ווען דער דאקטאר לערנט מיט זיין אינגעל, נעהמט ער קיינעם ניט אויף... ער האט מיר פערבאטען איהם צו שטערען...

— אזוי גאר? הם... האט ער שוין אזא גרויס אינגעל?

— האט גאנץ נייגעריג געפרעגט סאקאלאוו.

יא, נישקשה'דיג, האט געענטפערט זינא.

סאקאלאוו האט זיך א ווייל'ע פערטראכט, אזוי ווי ער וואלט געוואלט זיך אין עפעס דערמאנען.

זינא האט איהם נייגעריג און בעוואונדערט בעטראכט פון קאפ ביז צו די פיס...

— וויפיעל יאהר איז אלט דאס קינד? — האט פלוצים סאקאלאוו געפרעגט און האט א טרייסעל געטאן מיט'ן קאפ רייכע, אבער שוין ערטער־ווייז געזילבערטע האר.

זינא האט אויף איהם געווארפען א פרעגענדען בליק און האט איהם געענטפערט קורץ:

— דאס דרייצעהנטע — און זי האט בעוואונדערט א קנייטש געטאן מיט די פלייצעס...

— אזוי גאר! האט אויסגעשריען דער אפיציער מיט א טאן פון א לייכטער בעוואונדערונג און האט זיך ווידער פער־טראכט, אזוי ווי ער וואלט געוואלט די צאהל 13 פערגלייכען מיט אנדערע דאטען אין זיין זכרון...

און אזוי זיינען זיי ביידע געשטאנען איינס פאר'ן אנדע־רען, סאקאלאוו מיט א ווייטען, בלאנזענדען בליק איבער זיין פערגאנגענהייט. זינא מיט בעוואונדערונג אין איהרע צוויי גרויע, שעלמישע אויגען איבער זיינע מערקווירדיגע פראגען און איבער זיין גאנץ מעכטיגער און גרויסער פיגור...

— דאן מעלדעט פון מיר אייער מאדאם — האט זיך אנ־גערופען סאקאלאוו.

די מאדאם איז שוין אבער געשטאנען אין טיר פון שלאפ־צימער און האט געקוקט אויף דעם גאסט מיט צוויי גרויסע,

איבערגעשראָקענע אויגען, זי איז געשטאַנען אַ פערשטיינערטע אויף איהר אָרט פון איבערראַשונג און פרייד...

2.

סאַקאַלאָוו האָט זי בעמערקט, האָט אויפגעציטערט מיט זיין גאַנצען, מעכטיגען, קאַזאַצקען קערפּער און האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו איהר מיט אָפענע און פון פרייד ציטערענדע הענד...

סאָפיא מאַטוועיעוונא איז איהם ארויפגעפאַלען אויפ'ן האַלז, האָט איהם געקושט און געשעפּטשעט אין וואַהנזיניגער פרייד און מיט אַ פערכאַפּטען אָטעם:

— ליאַלאַ אַלעקסעי פּעטראָוויטש! גאָט מיינער! ווי קומסטו אהער?

אָבער דאָ האָט זי דערהערט דעם מאַנ'ס שטימע פון קאַבינעט און זי האָט זיך ארויסגעריסען און אָבגעשפּרונגען פון דעם גאַסט ווי פון אַ פייער...

— וואָס? צופריעדען? — האָט זי געפרעגט סאַקאַלאָוו.

— נו. וואָס פאַר אַ פראַגע!... דאָס איז אַ סורפּריז... אין לעבען וואָלט איך עס מיר ניט פאָרגעשטעלט... — האָט קוים געקענט ארויסרעדען סאָפיא מאַטוועיעוונא פון גרויס פרייד און מיט אַ פערכאַפּטען אָטעם.

— אָבער ווי דו האָסט זיך געענדערט, סאָניטשקאַ! ווען איך דערזעה דיך אַזוי צופעליג אין גאַס, דערקען איך דיך ניט — האָט געזאָגט סאָקאָלאָוו מיט אַ לאַסקענדער שטימע, בעטראַכטענדיג די ליניען פון איהר עלאַסטישען און שעהנעם קערפּער מיט ענטציקטע און בליאַסקענדע אויגען.

— צו גוטען געענדערט, אָדער צום שלעכטען? — האָט

געפרעגט סאָפיאַ און אין איהרע אויגען האָט אויפגעפלאַקערט אַן אונרוהיגער און נייגעריגער פלאַם.

— נו, געווים צום בעסערען... האָסט זיך אויסגעגליכען. אויסגעפילט... ליניען! וואָס פאַר אַ פּרעכטיגע ליניען! — האָט אויסגערופען ענטציקט סאָקאָלאָוו, ניט ארונטערלאָזענדיג פון איהר זיינע צוויי הונגעריגע, בעגעהרענדע אויגען...

א שטראָם בלוט האָט פערגאָסען סאָפיאַ'ס גליליכען פּנים.

— איך בין דיקער געוואָרען? — האָט זי נייגעריג געפרעגט מיט פרייד.

— אָבער עס פּאַסט דיר... פּאַרטרעפליך! וואונדערבאַר!... — האָט ניט אויפגעהערט זי צו בעוואונדערען סאָקאָלאָוו. — אָבער וואו איז אונזער וואָלאָדיאַ? לאָז מיך אויך אויף איהם אַ קוק טאָן — האָט זיך אינפאָרמירט דער גאַסט וועגען דעם דאָקטאָר.

— וואָלאָדיאַ איז אין קאַבינעט... ער לערנט מיט אונזער אינגעל... מען דאַרף איהם אַנזאָגען די בשורה — נו, דאָס איז אַ פרייד!...

און סאָפיאַ איז צוגעגאַנגען צו דער טיר פון מאַנס קאַבינעט און האָט אויסגעשריען מיט אַ ציטערענדער, פון אויפרעגונג קלינגענדער שטימע.

— וואָלאָדיאַ! וואָלאָדיאַ! זעה נאָר וואָס פאַר אַ טייערען גאַסט מיר האָבען.

דאָקטאָר ראַפּאַפּאָרט האָט בייז געעפענט די טיר און האָט אויסגעשריען:

— ווידער לאָזט איהר מיך ניט צורוה! וויפיעל מאָל האָב איך אייך געזאָגט, אַז די מאָרגענשטונדען געהערען אויסשליסליך מיין קינד און ווייטער קיינעם ניט... איך בין בעשעפטיגט. סודאָר! — האָט ער כמעט אזוי ווי אַ געשריי געטאָן אויפ'ן גאַסט.

— וואָלאָדיאַ, דו ביזט פעררריקט?... דו דערקענסט מיך גאָר ניט? — האָט געפרעגט דער גאַסט מיט פריינדליך אויס־געשרעקטע אָרעמס.

— אָה, דאָס זייט איהר, גאַספּאַדין סאַקאַלאָוו? — האָט זיך געכאַפּט דער דאָקטאָר מיט אַן אונצופריעדענעם טאָן.

זיין פּנים האָט זיך פּלוצלונג פערוואָלקענט און ער האָט לאַנגזאַם און קאַלט דערלאַנגט דעם גאַסט די האַנד.

— בין איך פאַר דיר נאָר גאַספּאַדין סאַקאַלאָוו און ווייטער גאָר ניט? — האָט איהם געפרעגט דער גאַסט מיט דעם זעל־בען קאַלטען און פיינדליכען אָבער צו גלייך שטויגענדען טאָן.

— נו, זאָל זיין אַלעקסיי פּעטראָוויטש... ווי קומט איהר עס אַהער? — האָט אַנגעהויבען שוין אָביסעל פריינדליכער ראַפּאָפּאָרט.

אַלעקסיי פּעטראָוויטש האָט אָבער אָבגעשליידערט זיין האַנד פון זיך מיט כעס און האָט איהם געשיקט צום טייוועל.

— וואָס איז מיט איהם? וואָס שפּיעלט ער דער נאַר? — האָט ער זיך אויפגערעגט און בעליידיגט געווענדעט צו זיין חבר'ס פרוי.

דאָקטאָר ראַפּאָפּאָרט האָט אַ קנייטש געטאָן מיט די פּלייצעס.

סאָפיאַ'ס אויגען האָבען געשליידערט פון זיך בייזע בליקען...

— דו ביזט זיך כסדר אַזוי, אָריגינאַל מיינער, — האָט זי געזאָטען ווי אַ קעסעל, און איהרע נאָזלעכער האָבען געציטערט פון כעס.

— וואָס פאַר „איהר“? וואָס זשע ווילסטו שוין ניט אומאַרמען דעם אַלטען פריינד דיינעם? דיין בעסטען אוני־ווערזיטעטס חבר?

די חברים האָבען זיך אַרומגענומען און האָבען זיך צו־קושט...

— אָט אַזוי! — האָט צופריעדען אויסגערופען סאַקאַלאָוו

— וואס דען? צו וואס איז די קאלטע אפיציאליטעט? מ'קען מיינען, אז ס'שטעהט פאר דיר ניט קיין אלטער פריינד, נור עפּיס א שטאלצער, בייזער מיניסטער! האסט געהערט א גע־שיכטע! און פערענדערט האסטו זיך צום שווארצען יאהר! פערלאזט זיך א לאנגע זשידאווסקי בארד און זעהט אוים ווי א רב אדער גאר ווי א צדיק... כא־כא־כא — און דער קאזאק סאקאלאוו האט זיך הויך און גוטמוטהיג צולאכט מיט זיין קלינגענדען טענאר איבער דעם גאנצען צימער. ראפאפּארטען האט עם בעליידיגט און ער האט בעמערקט דערויף מיט שטאלץ:

— צווישען מיינע עלטערען זיינען געווען א סך צדיקים און רבנים.

— דיינקסטו אפשר אויך ווערען א צדיק? — האט איהם געפרעגט סאקאלאוו און האט זיך וויעדער קלינגענד צולאכט.
— יא, פערענדערט... שטארק פערענדערט זיך אונזער וואלאד־יא — און דער קאזאק האט ארײַבגעלאזט זיין מעכטיגע קאזאצקע לאפּע אויף די פּלייצעס פון דעם קליינעם, דארען אידעל און האט איהם גענעבען אוים ליעבע און אלטער פריינדשאפט אזא קלאפּ, אז דער קליינער ראפאפּארט האט זיך פערבויגט אין דרייען.

ראפאפּארט האט געענטפערט אויף אזא פריינדשאפט מיט א זויערע, קרומע גרימאסע, און האט בעמערקט אונצופריעדען:

— איצט בין איך שוין אוים וואלאדיא.

— וואס הייסט? — האט געפרעגט סאקאלאוו און האט בעוואונדערט א ציה געטאן מיט די אקסלען.

— איצט היים איך שוין וועלוועל, ניט וואלאדיא.

— וואס מיינסטו דערמיט? איך פערשטעה ניט!

— גאנץ איינפאך... ס'איז געווען א צייט ווען איך בין געווען דער פּריוואט דאצענט פון מאסקווער אוניווערזיטעט וולאדימיר סעמיאנאוויטש ראפאפּארט. היינט בין איך איינפאך

וועלוועל שמעון׳אוויטש ראפאפארט — א פשוט׳ער אידעל — האט איהם ערקלערט דער דאקטאר מיט א קרומען און אונ־אנגענעהמען שמייכעל אויף די ליפען.

סאקאלאוו האט ניט פארשטאנען דעם גאנצען זין און וויץ פון זיינע ווערטער און האט געקוקט פרעמד און פארוואונדערט אויף זיין אמאליגען חבר און אויף זיין פרוי...

— וואס פלוידערט ער ? — האט ער ביי איהם געפרעגט — איך הויב איהם ניט אן צו פערשטעהן.

— איהר וועט מיט איהם זיין א האלבע שטונדע און איהר וועט אלעס פערשטעהן — האט זיך אנגערופען סאפיא מאטוועיעוונא...

— דו אויך „איהר" ? וואס פאר א שוויינעריי איז דאס ? בעסער וואלט שוין געוועזן ווען איהר טרייבט מיך ארויס... אויף מיין עהרען ווארט — האט זיך געערגערט אלעקסיי פעטראוויטש — מיין גאט ! איך האב אזוי לאנג געטרוימט פון אט דעם צוזאמענקומען... איך בין געגאנגען צו אייך מיט מיט א שטראהלענדער נשמה, מיט א קלאפענדען הארץ און איהר בעגעגענט מיך אזוי קאלט... פונקט ווי איהר זאלט מיך אבגע־גאסען מיט א צובער קאלטע וואסער... איך פערשטעה עס ניט, גאספאדא ! פאר מיר איז דאס גאנץ אונערווארטעט. — און סאקאלאוו האט זיך געלאזט געהן פארטראכט און בע־טריעבט איבער׳ן צימער...

— — — — — — — — — — — — — — —

3.

די דריקענדע און אונאנגענעהמע פויזע האט אונטער־בראכען דאס ערשייגען פון קינד. סאקאלאוו האט אין איהם איינגעגראבען צוויי פארשענדע אויגען און האט אויסגערופען אין טיעפער בעוואונדערונג :

— אה! דאס איז אייער זוהן?

ראפאפארט איז געווען צופריעדען וואס דאניע האט אונ־טערבראכען דאס לעסטיגע שווייגען און די גאנצע שווע־רע שטימונג פון דעם צוזאמענקומען מיט דעם אמאליגען בעס־טען פריינד זיינעם און ער האט אויטאמאטיש און צושטרויט ארומגענומען דאס קינד און האט געענטפערט:

— יא, דאס איז מיין זוהן, מיין איינציגער יורש... מיין גייסטיגער יורש — און איז פון דער פראזע פארשעהמט געווארען...

סאקאלאוו האט אויף איהם געווארפען א סארקאסטישען בליק.

— ווי שעהן ער איז! ווי שעהן און פרעכטיג ער איז גע בויט! — האט סאקאלאוו בעוואונדערט דאנקע'ן און האט זיך אין דער בעוואונדערונג פערגעסען און האט אנגעהויבען מיט זיינע בליקען צו פארשען און אזוי ווי פערגלייכען דאס קינדס פנים מיט דעם פאטערס און מיט דער מוטערס...

ראפאפארט האט איבערגעכאפט זיינע בליקען. די זשאבע האט פלוצים זיך ווידער גענומען גאנען דעם הארץ... און אזוי שטארק און פיינליך זויגען...

באלד אבער האט זיך סאקאלאוו געכאפט, ער האט א טרייסעל געטאן מיט דעם הויפען געדיכטע קאזאצקע האר אויפ'ן קאפ און האט בעמערקט:

— יא, א פראכטפאלער אינגעל... און מעהר האט איהר נים?

— גאט צו דאנקען — האט געענטפערט ראפאפארט.

ראפאפארט האט אליין נים געוואוסט ווארום ער האט דאס געזאגט...

— עס איז איינם שווער צו ערציהען... פלאנטערסט זיך און פערלירסט דעם קאפ אין פערשיעדענע סיסטעמען — האט ער געזאגט גאנץ אויטאמאטיש און האט זיך אבגעווענדעט.

אזוי ווי ער וואָלט ניט געקענט אויסהאַלטען זיין הבר'ס איראָ־נישען בליק...

— דו ערציהסט איהם נאָך סיסטעמען? — האָט ער אזוי ווי שפּאָטיש געפרעגט און האָט זיך געווענדעט צו דער מוטער — האסט מעהר ניט געהאָט?

זי האָט אַ שאָקעל געטאָן מיט'ן קאָפּ אויף ניין און איז רויט געוואָרען...

— נו, מיר וועלען זיך בעקענען? — האָט געפרעגט סאַ־קאַלאָוו דאַנקען און האָט איהם דערלאַנגט זיין האַנט.

— זעהר אַנגענעהם — האָט געענטפערט דאַנקען מיט אַ פייערליכער און אונגעצוואונגענער פערבויגונג פון אַ דער־וואַקסענעם און אַ עכטען דזשענטעלמאַן.

סאַקאַלאָוו'ן איז דאָס שטאַרק געפעלען.

— אזוי גאַר! — האָט ער נייגעריג אויסגעשריען — און ווי אזוי איז דיין נאָמען?...

דניאל!... — האָט געענטפערט הויך און שטאָלץ דאַנקע.

— אַ אידישער נאָמען?

— יאָ, מיר האָבען געהאָט אַ נביא דניאל... האָט מיר דער פּאַפּא אויך געגעבען אזא נאָמען... עס איז פון דער בי־בעל... און אייך געפעלט אזא נאָמען? — האָט געקלונגען דאַנ־קע מיט זיין נאַאיוו קול'כעל.

סאַקאַלאָוו האָט אַ קרום געטאָן מיט דער נאָז, אזוי ווי פון אַן אונאַנגענעהמען גערוך.

— נישקשה... אַ נאָמען ווי אַלע נעמען... אַ נאָמען האָס־טו אַ אידישען, אַליין אָבער ביסטו ניט, עהנליך צו קיין אידען... און ער האָט זיך אויסגעדרעהט צום קינד מיט די פּלייצעס.

דאַנע האָט אויפגעציטערט ווי פון אַן עלעקטרישען שטראָם, האָט אויסגעצויגען זיינע הענטלעך איז דער לענג פון זיין קער־פּער און האָט אויסגעפּויקט ווי אַ סאָלדאַט פאַר זיין עלטסטען.

— עס טוהט מיר לייד, גאספאדין פאלקאווניק!

אז ערלייזענדע, היילענדע האנט האט זיך צוגעריהרט צו ראפאפארט'ס וואונד און האט פון דארט ארויסגעריסען דעם דארען, דעם שרעקליכען ספק... עס איז איהם גרינג און ליכטיג געווארען זיין לעבען און ער האט ארומגעכאפט זיין איין־און־איינציג, טייער קינד קושען און דריקען צו בעפרייטער ברוסט.

— בראווא! בראווא! מיין קינד! מיין זוהן — האט ער אויסגערופען אין א ווילדער פרייד.

סאקאלאוו האט זיך אויסגעדרעהט און האט געקוקט מיט גרויסע פערוואונדערטע אויגען...

— וואס האט ער געזאגט? איך האב ניט פערשטאנען?

— איך האב געזאגט: עס טהוט מיר לייד, גאספאדין פאלקאווניק! — האט דאס קינד שטאלץ איבערגע'חזר'ט זיין חכמה.

— וואס טהוט דיר לייד?

— איהר האט דאך מיך בעליידיגט — האט געפלאפעלט דאנקע.

— וואס בעליידיגט? האט אלץ ניט פערשטאנען סאקאלאוו.

— נו, געוויס... אז איהר זאגט מיר, אז איך בין ניט עהנליך צו קיין אידען, בעליידיגט איהר מיך דערמיט...

סאקאלאוו האט געקנייטשט מיט די פלייצעס.

— ווער האט עס איהם אלעם אויסגעלערנט? — האט אונצופריעדען און אייפערזיכטיג געפרעגט סאקאלאוו ביי דער מוטער.

ראפאפארט האט זיך איינפאך געווארגען פון פרייד און שטאלץ. ער האט ווידער גדריקט דאס קינד צו זיין געהייליגטער ברוסט און האט שוין ענטציקט געקוויטשעט:

— ווער האט עס איהם אויסגעלערענט? כא, כא, כא! אין איהם רעדט דאס בלוט פון דער אלטער משפחה ראפא־

פארט.... איך זאג דיר, אז פון דעם יונגאטש וועט אויסוואקסען אן עכטער ראפאפארט... בלוט! א קליינינקייט וואס בלוט איז?... בלוט רעדט... עס לאזט זיך הערען!...

— און דו גערענקסט ווי איך האב אונטער ליאיאן אב־געפארעט קוראפאטקינ׳ען? — האט זיך ראפאפארט אין גרוים התלהבות געווענדעט צו זיין אמאליגען חבר, שוין אויף „דו“.

— וואשע וויסאקאפרעוואסכאדיטעלסווא! אויב איך האב בעוויזען העלדישקייט האט דאס געקענט זיין נאר אידישע העל־דישקייט, האט אויסגעפויקט ווי א באראבאנשטשיק דאניע, פאר׳ן פאטער...

— הער נאר! הער נאר... איך זאג דיר דעם אמת... מיין קינד! ווי האט זיך עס צו דיר גענומען? — איז ווי א וואהנ־זיניגער געשפרונגען דאס קליין, דאר אידעל און האט זיך ווי־דער גענומען קושען דאס קינד...

— אין סאקאלאוו׳ס אויגען האט אויפגעפלאקערט א בייזער און האסענדער פלאם... זיינע ליפען האט געקרימט אן אינעווענינסטער טייוולישער געלעכטער... פאר די ראפאפארטס איז שוין ניט געשטאנען זייער אלטער און בעסטער פריינד. דער ליבעראלער און אידענפריינדליכער דאקטאר סאקאלאוו, וועלכער האט תמיד שטאלצירט מיט זיין פריינדשאפט צו אי־דען... אין זיינע שטאלענע, קאלטע אויגען האט שוין געלויכטען דער קאזאק, און עס האט שוין דארט געפלאקערט די שנאת עולם לעם עולם...

— איך גערענק... איך גערענק... געוויס גערענק איך עס — האט ער זיך אנגערופען מיט א בייז און גיפטיג שמייכעלע אונטער זיינע געדיכטע, רויטע וואנצעס.

— און ווייסטו מיין פריינד וואלאדיא, ווארום איך גע־דענק עס אין דער צייט וואס איך האב אזוי פיעל וויכטיגערעס פערגעסען? — האט געפרעגט סאקאלאוו, זיך אבשטעלענדיג

פאר־זיין פריינד מיט דער ברייטער ברוסט און אריינקוקענדיג איהם טיעף אין פנים אריין מיט א בייזען, לאבעדיגען בליק.

— ווארום ?

— איינפאך דארום, ווייל... ווייל נארישקייטען געדענקען זיך... כא, כא, כא! און דאס וואס דו האסט דאן געזאגט קוראפאטקינ׳ען איז געווען א גרויס נארישקייט... איך האף אז דו וועסט אויף מיר ניט פאראיבעל האבען...

— געוויס האט עס א רוסישען ניט געקענט געפעלען... — האט זיך אנגערופען ראפאפארט און האט בייז א בלאסקע געטאן מיט זיינע שווארצע אויגען.

— אט האסטו דיר ! וואס האט דאס צו טאן מיט א רוסישען, אדער ניט קיין רוסישען ? „וואשע פרעוואסכאדיטעלסווא !“ אויב איהר געפינט, אז איך האב בעוויזען העלישקייט האט דאס געקענט זיין נאר א אידישע העלדישקייט ! וואו עקזיסטירט זי אט די אידישע העלדישקייט ? איהר האט דאך שוין מעהר ווי צוויי טויזענד יאהר ניט מלחמה געהאלטען... ווען האט אהר בעוויזען אייער העלדישקייט ?

— מען האט דאך מיך דעם אידען אבער דאך אויסגעצייכענט פאר מיין טאפפערקייט — האט בעמערקט ראפאפארט מיט א בייזען פלאם אין די אויגען..

— מיין פאפא האט אלע מיליטערישע ארדענס — האט זיך אריינגעמישט דאנקע — זאל איך זיי ווייזען ?

— אך וואס פאר א טאפפערקייט! — האט מיט פעראכטונג א מאך געטאן מיט דער האנט סאקאלאוו.

ראפאפארט׳ס שטימע האט שוין געציטערט פון פערדרוס און בעליידיגונג.

— מיר האבען דאך קאלעגע געדינט צוזאמען... אין איין פאלק און איין לאזארעט און איהר וועט דאך ניט אבלייקענען געוויסע פאסירונגען און פאקטען... ס׳קען זיין, אז איהר, אלס א רוס, האט בעוויזען מעהר טאפפערקייט פון מיר, דעם אי־

דען, אבער קיינער וועט מיר ניט פארוואַרפען, אַז איך האב זיך בענומען פייג — האט געפּרוּאווט שפּאַטען ראַפּאַפּאָרט מיט אַ קרומען אונאַנגענעהמען שמייכעל אויף די ליפּען, אַ שמייכעל אונטער וועלכען עס האט שוין געקאכט אַ ים פון האס...

— אומגעקעהרט... איך אליין וועל עדות זאגען, אַז דאָק־טאָר ראַפּאַפּאָרט איז געווען טאַפּפערער פון מיר, אַז ער איז געקראכען אהין, וואו איך וואלט בשום אופן ניט געגאַנגען, אַז ער האט אונטער דעם מערדערישען, אונאויפהערליכען פייער פון פיינד׳ס ארטילעריע צונויפגענומען און איבערגעבונדען די פערוואונדעטע. מיט איין ווארט, אַז זיין בענעמען פערדינט דעם גרעסטען לויב. — עס איז אבער ניט קיין טאַפּפערקייט — האט פערביסען געזאגט סאַקאַלאָוו, שפּאַנענדיג הין און צו־ריק איבער׳ן צימער אונטער דעם קלאַנג פון זיינע שפּאָרען.

— וואס דען איז דאס געווען? — האט געפרעגט ראַ־פּאַפּאָרט, מיט אַן אונהיימליכער, געדעמפּפטער שטימע, וועל־כע האט פאראויסגעזאגט אַ שטורמישען אויסברוך...

— עס איז געווען טאַפּפערהייט אויס פייגהייט...

— טאַפּפערהייט אויס פייגהייט? דאס איז אונזין, קאַ־לעגע! — האט כלומרשט רוהיג בעמערקט ראַפּאַפּאָרט.

— דאס איז טיעפזין, וולאדימיר סעמיאנאוויטש!... איך האב פון אייך אידען געזעהן אין דעם קריעג פיעל טאַפּפערקייט. דאס איז אבער אַלץ אויס פייגהייט, איהר האט מורא געהאט אַז מען זאל ניט זאגען אַז איהר אידען זייט פייגלינגע... דאס איז ניט קיין עכטע רוסישע טאַפּפערקייט...

דער גרויסער און מעכטיגער קאזאק און דאס קליין דאָר אידעל, זיינען איצט געשטאַנען און האבען געקוקט איינער אויף דעם צווייטען מיט געפיהלען, וועלכע זיינען געווען זעהר ווייט פון די, וועלכע האבען זיי אַמאל פערבונדען אין צוויי טרייע און אונשעצבאַרע חברים...

סאָפיא מאַטוועיעוונא האט זיך ניט בעטייליגט אין דעם

גאַנצען געשפּרעך. זי איז געזעסען פון וויטענס, פערטיעפט אין גערדאַנקען אין ענטציקטער און בעגערענדער בעאָבאַכטונג פון סאַקאַלאָוו'ס שעהנע און מעכטיגע בעוועגונגען און די ליניען פון זיין געזונטען און ענערגישען קערפּער האָבען זיך אין זיין מיליטערישער קליידונג, אין די שמאָלע, בלויע רייט־הויזען וואָס האָבען ענג און פעסט אַרומגעכאַפּט זיינע פיס אין די לאַק־שטיוועל מיט די קלינגענדע שפּאָרען אויסגעזעהן מעכטיג ווי אויסגעגאָסענע פון שטאָהל...

סאָפיא מאַטוועיעוונא איז געזעסען און האָט געמאַכט פערגלייכע צווישען אָט דעם הויכען, געזונטען, ברייט־פּלייציגען קאַזאַק, וועלכער האָט געבראַכט מיט זיך די פרישע לופט און דאָס פרייע ברייטקייט פון זיינע וויט צוואָוואָרפענע קאַזאַצקע סטעפּעס און איהר מאַן, דעם קליין, דאַר אידעל, מיט אַ לאַנגער, שוואַרצער באָרד און נאַקעטען שאַרבען.

און ווי אַרעם דעם אידעלס קערפּער איז געוועזען אין איהרע אויגען אַנטקעגען אָט דעם געזונטען און גרויסען סאַקאַלאָוו!

און ווי אונגליקליך האָט איצט ערשינען אין איהרע אויגען איהר לעבען מיט אָט דעם געוועזענעם פּריוואַטדאָצענט, וואָס פלעגט נאָך אַלץ ריידען מיט די הענט ווי אַ ישיבה בחור און מיט אַ קוויטש ווען ער פלעגט אויפגערעגט ווערען און ווען ער איז ניט געווען אויפגערעגט.

אָבוואָהל זי האָט זיך ניט צוגעהערט צו זייער געשפּרעך האָט זי אָבער אינסטינקטיוו דערפיהלט, אַז די אַמאָליגע צוויי חברים זיינען וויט אָוועקגעגאַנגען אין זייער געשפּרעך און אַז עס נעהמט אָן אַן אונגעוויינשטע ווענדונג.

זי האָט זיך דערפאַר אויפגעכאַפּט און האָט געזאָגט:

— וואָס פאַר אַ דיספּוט האָט איהר דאָס פאַרפיהרט? פעררייקט זיינט איהר? גענוג, גענוג לערנען מיט דיין בן־יחיד, מיט דיין איינציגען יורש. — און סאָפיא מאַטוועיעוונא האָט אויס פאַרזיכט אַרויסגעשטופּט דעם מאַן מיט'ן קינד צוריק אין קאַבינעט אריין...

4

— נו, אלעקסיי פעטראָוויטש, איהר זעצט זיך מיט מיר דאָ אויפ׳ן דיוואַן און דערצעהלט מיר אַלעס פון אָנהויב — האָט אָנגעהויבען סאָפיא מאַטוויעוונא, מאַכענדיג פּלאַץ אויפ׳ן דיוואַן פאַר איהר גאַסט.

— דו אויך „איהר“? נאָך איין מאָל „איהר“ און איך געה אוועק פון אייך אויף אייביג, האָט זיך אויפרכיטיג געבייזערט דער גאַסט.

— נו, זאָל זיין „דו“.. פאַר אזא צייט קען מען זיך אָבגעוועהנען.

— אָט האָב איך זיך דאָך ניט אָבגעוועהנט. דער־הרג׳ע מיך, וועל איך ניט זאָגען: „גאַספּאַדין ראַפּאָפּאָרט“ אָדער „איהר גאַספּאַדין ראַפּאָפּאָרט“... און ווי אזוי האָט מיך דיין העכט עמפּפאַנגען? דאָס ליגט ניט אין געוועהנהייט.

סאָקאָלאָוו האָט זיך נאָך אַלץ ניט געקענט בעפרייען פון דעם שווערען איינדרוק וואָס עס האָט געמאַכט אויף איהם די קאַלטע אויפנאַהמע פון זיין אַמאָליגען בעסטען חבר...

— נו, זעץ זיך דאָ, אלעקסיי פעטראָוויטש! ווי אזוי זשע זייט איהר... איך מיין דו, געקומען אהער? — האָט געפרעגט סאָפיא מאַטוועיעוונא.

— איך האָב מיך איבערגעקליבען אהער אַלס עלצטער דאָקטאָר אין אייער אולאַנען רעגימענט.

— ביזטו אויף תמיד געקומען צו אונז? — האָט מיט פרייד אויסגעשריען סאָפיא.

— אויף תמיד ניט... ווייניגסטענס אויף לאַנג... וואָס? צופריעדען? — האָט דער גאַסט זי געפרעגט.

— וואָס פאַר א פראַגע דאָס איז? געווים בין איך צופריעדען! — און זי האָט איהם צוגעוואָרפען א צווייידייטיג

רופענדען וואונק און שמייכעל — ווי־זשע האסטו געלעבט די גאנצע צייט?... ווארט נאר האסט שוין חתונה געהאט?

— ניין, — האט דער גאסט זי בערוהיגט און האט זיך נאך אמאל גענומען צו קוקען צו דעם פראכט פון איהר רייכען און פעסט־געבויטען קערפער...

— וואס הייסט? וואס־זשע? דו ווילסט שוין אזוי פערזיצען אן אלטער בחור?

— איך וויל פערזיצען... נאר ביי אייך אידען מוז מען אונבעדינגט חתונה האבען.

— ביי אונז איז שוין אויך דא געגוג אלטע, פערזעסענע בחורים... אבער ווארום האסטו נאך ניט חתונה געהאט? נאך ניט ליעב געקראגען?... — האט איהם סאפיא געפרעגט פארזיכטיג און איז פערשעהמט רויט געווארען.

— וואס קומט ארויס דערפון, וואס איך האב יא ליעב געקראגען אדער ניט ליעב געקראגען? אט האב איך דיר דאך ליעב געהאט, פונדעסטוועגען האסטו מיט מיר ניט חתונה גע־האט — האט געזאגט מיט א בעטריעבטען טאן סאקאלאוו.

— ווי אזוי האב איך געקענט פאר דיר חתונה האבען? דו ביזט א רוסישער און איך א אידישע? — און זי האט ארונטערגעלאזען די אויגען אויף איהרע שעהנע הענד.

— וואס פאר אן אונטערשיעד? — איך פערשטעה ניט... איך האב דיך דאך געליעבט... — און זיין שטימע האט זיך דערביי טרויעריג אבגעריסען.

— הויב זיך אן א געשיכטע! ליעבע איז איין זאך, און הייראט איז א צווייטע זאך — האט געענטפערט סאפיא מיט בעדוי'ערען און אויך בעטריעבט. אבער באלד האט זי זיך פרעהליך צולאכט און האט געזאגט מיט א חנפ'ענדען און צוויי־דייטיגען טאן:

— דאס זיינען צוויי פערשיעדענע, גאנץ פערשיעדענע זאכען, כא, כא, כא!

סאקאלאוו׳ן האט דער טאן, וועלכען ער האט איז איהר פריהער ניט געקענט, שאקירט און געערגערט... און איהם האט געקלונגען עפעס אויסגעלאסענעס און פרעך רופענדעס.

— דאס איז דאך דער אומגליק מיט אייך אידען: תמיד מאכט איהר חשבונות... אפילו אין ליעבע... און איך האב געוואלט אלעס צוליעב דיר אפפערען... מיין פאטערלאנד, מיינע אייגענע, מיין קאריערע. איך האב געוואלט איינשטע־לען מיין גאנצע צוקונפט... איך בין גרייט געוועזן צו זיין ער־גענץ וואו אין אמעריקא א קוילענגרעבער, אן איינפאכער אר־בייטער, אבי דו זאלסט געהערען צו מיר — האט שפאנענדיג היין און צוריק איבער׳ן ציהער גערעדט סאקאלאוו.

און דער ביטערער, טרויעריגער טאן פון זיינע ווערטער האט זיך צוזאמענגעגאסען מיט דעם קלאנג פון זיינע שפארען, און האט סאפיא׳ן פערקלעמט דאס הארץ.

טרעהרען זיינען ארויסגעטראטען אין איהרע גרויסע, גרויע אויגען. זי האט זיך אויפגעהויבען פון איהר פלאץ אן אויפ־גערעגטע.

— ווי האב איך געקענט? מיין פאטער איז געוועזן א פראסטער, אבער זעהר א פרומער איד. ער איז געוועזן א קאנ־טאניסט און איז אזוי פיעל אויסגעשטאנען פאר זיין גלויבען... ס׳וואלט געוועזן א הריגה פאר מיינע עלטערען — האט זי זיך אזוי ווי פערענטפערט. — ווייטער וואלט עס געוועזן א נוצ־לאזער קרבן, דו וואלסט זיך געוועזן נאך דעם ענטוישט און מיר ביידע וואלטען געוועזן זעהר אונגליקליך.

— דאס הייסט דאך חשבונות... מ י ר מאכען ניט קיין חשבונות אין ליעבע. אז מ י ר ליעבען חשבונ׳ען מיר ניט — האט איהר פארגעווארפען סאקאלאוו.

— זאל זיין אזוי. מיר, אידען, מוזען לעבען מיט חשבון... אז מיר וועלען ניט חשבונ׳ען וועלען מיר אונטערגעהן — האט איהם צוגעגעבען סאפיא.

5.

אויב ס'איז דא אין רוסלאנד אויפריכטיגע, אמת'ע ליבע־ראלען, איז סאקאלאוו געווען איינער פון די ווייניגע. ער האט זיך פערהאלטען צו אידען ליבעראל, ווי צו גלייכע, אבער אויף אזוי לאנג ביז ער איד האט ניט ארויסגעשטעלט פאר איהם זיין אייגענטימליכקייט, זיין אידיש פנים, די שארפע שטריכען פון זיין נאציאנאלען וועזען.

די שארפע שטריכען פלעגען איהם באלד פערטשעפען און אין איהם פלעגט אויפפלאקערען באלד אן אונרוהיגעס געפיהל, א סארט פראטעסט און צוגלייך אויך אייפערזוכט און שנאה צו אידען.

דאן איז ער געווארען אן אנטיסעמיט, אן אונבעוואוסטער, א שונא ישראל.

און איצט, ווי אין די ערשטע מינוטען פון זיין בעגעגעניש מיט דעם נאציאנאליסט ראפאפארט, האט דאס זעלבע געפיהל אין איהם אויפגעוועקט דעם אנטיסעמיטישען ווארעם... סאפיא אלס אידיש קינד האט פלוצים פערלוירען איהר רייץ, און ער האט זיך אליין געוואונדערט, ווי אזוי האט ער געקענט וועלען מקריב זיין זיין גאנצע צוקונפט, דאס טייערסטע אין לעבען צוליעב דער זשידאווקע.

— נא, לאמיר עס אוועקווארפען — האט ער געזאגט אונ־צופריעדען — זאג נאר מיר, וואס טהוט זיך מיט דיין וואלא־דיא'ן אדער ווי ער רופט זיך... מיט דיין... וואלקען... עפעס געפעלט ער מיר ניט...

סאפיא'ן האט עס פערדראסען. צוערשט דער נאמען וואל־קע... זי האט אזש א ציטער געטאן... ווייטער האט זי געוואלט בעסער ריידען מיט איהם פון זייער ליעבע און ניט פון איהר מאן... וואס פאר אן אינטערעס איז דאס פאר איהר?

— וואס מיינסטו? — האט זי איהם געפרעגט אונגערן.

— ער געפעלט מיר ניט... ס'איז ניט דער וואלאדיא, וועלכען איך האב געקענט...

סאפיא האט געטראכט א ווײלע און האט בעמערקט גלייכ־גילטיג, אזוי ווי די רייד וואלט געווען פון א גאנץ פרעמדען אונבעקאנטען מענשען.

— די מלחמה האט איהם פערענדערט... זייט ער איז פון דארטען געקומען איז ער געווארען א גאנץ אנדערער מענש... שטעל דיר פאר, אז ער איז געווארען פרום... דאוונט אלע פריהמארגען און געהט אין סינאגאגע אריין — זי האט עס גע־זאגט און באלד זיך פערשעהמט פאר איהר מאנ'ס אידישקייט און האט חרטה געקראגען....

— ס'קען ניט זיין! — האט אויסגערופען סאקאלאוו און איז געבליבען שטעהן ווי פערשטיינערט פון איבערראשונג — ראפאפארט, דער נאטור־פארשרע, דער פריידענקער, דאוונט? טהוט אן דעם ליילעך מיט פאסען, די „באנאמאליע" אויפ'ן קאפ ווי א פראסטער איד און דאוונט?

— יא... יא... ס'וואונדערט דיך? וואס?

— דאס איז א קוריאז! — און סאקאלאוו האט זיך אזש א קלאפ געטאן אין די ענג פערצוויגענע ליטקעס און די בלויע רויטע הויזען, פון וועלכע סאפיא מאטוועיעוונא האט די גאנצע צייט ניט אראבגענומען איהרע הונגעריגע, בעגעהרענדע בלי־קען — ס'ווערט אזש קאלעמוטנע!

סאקאלאוו איז געווען אויפריכטיג בעטריעבט און ענט־ריסטעט פון דער ענדערונג וואס איז פארגעקומען אין זיין חבר'ס גייסט...

די שטריכען פון ראפאפארט'ס אידישער נשמה זיינען גע־ווען שניידענד שארף, און האבען דעם רוסישען ליבעראל אנגע־גרייפט ביז'ן לעבער...

— ס'ווייזט אויס, דאס האבען די שרעקען פון דער מלחמה

אזוי געווירקט אויף איהם — האט זיך אנגערופען גלייכגילטיג סאפיא, שפיעלענדיג זיך מיט די נאקעטע הענד...

— אך, וואס!... ס'האט ניט צו טון מיט מלחמה... אט בין איך אויך געווען אויף דער מלחמה; דעם פערשטאנד אבער האב איך ניט פערלוירען.

— מיט וואס דען האט עס צו טון?

— ניט די שרעקען פון דער מלחמה האבען פערפינסטערט זיין פערשטאנד, נאר עפעס אנדערש — האט געזאגט סאקא־לאוו, שפאנענדיג הין און צוריק איבער'ן צימער און קלינגענ־דיג מיט די שפארען, און דער קלאנג האט זיך אזוי אנגענעהם און זיס אבגערופען אין איהרע אויערען און אין איהר הארץ...

אייביג וואלט זי געזעסען אזוי און פערפאלגט זיין גע־זונטעם מעכטיגעם שפאנען איבער'ן שטוב און זיך צוגעהערט צו דער מוזיק פון זיינע שפארען...

ראפאפארט פלעגט לויפען מיט קליינע, אונזיכערע טריט און זיין גאנצער קליינער און ארעמער קערפער פלעגט אזוי ווי נערוועז אונטערשפרינגען, זיך הוידען ווי אויף שפרונזינעס... איבערהויפט האט זי געהאסט אין איהם דאס מאכען מיט די הענד... און ער שטעלט אזוינע מעכטיגע ווי פון שטאהל גע־גאסענע פיס.

— „קאקאי קראסאוועץ"! (וואס פאר א שעהנער מאן דו ביזט!) — האט זיך שיער ניט ארויסגעכאפט פון איהר האלז... זי האט אבער עס איינגעשלונגען צוריק און אנשטאט דעם געפרעגט:

— וואס דען?

— דאס איז די שווארץ־מאה'דיגע מאדערנע רוסישע קראנקהייט... יא, ער האט זיך דערמיט אויך אנגעשטעקט — האט גע'פסק'ענט דער רוסישער ליבעראל.

— נו, דאס איז אן אבסורד, אלעקסעי פעטראוויטש!... וואלאדיא א שווארץ־מאה'ניק... כא, כא, כא, וואס דיר קען

איינפאלען! — און סאפיא מאטוועיעוונא האט זיך קאקעטיש צולאכט.

— דאס איז א פאקט! ס'גיט רוסישע שווארצע מאה'ניקעס און אידישע, דאס איז דאס זעלבע, דיזעלבע פינסטערלינגע און פאנאטיקער! דארט זאגט דער רוסישער, איך בין דאס בעסטע און אויסדערוועהלטסטע בעשעפעניש אויף דער וועלט און דערפאר געהערט אלעס צו מיר און דעם אנדערען גארנישט, און דא זאגט עס דער אידישער נאציאנאליסט... אבער ס'איז דיזעלבע געמיינהייט, דערזעלבער גראבער עגאאיזם, וואס טרעט מיט זיינע שמוציגע שטיוועל די שעהנסטע און צארטסטע בלומען פון דער מענשליכער קולטור, פון הומאניטעט. דער פאליטישער ריח, וואס הייסט נאציאנאליזמוס, האט איצט פערטשאדעט און פערפעסטעט גאנץ רוסלאנד. אין וואגאן — נאציאנאליזם, אין קלוב — נאציאנאליזם, אין שוהל דאס זעלבע, חברים און קאלעגען נאציאנאליסטען. מיט איין ווארט, וואו דו שטעהסט און געהסט דערזעלבער טשאד פון מענשענהאס און מענשענפרעסעריי. מ'קען דערשטיקט ווערען! איך האב געמיינט אז מיין נשמה וועט זיך וויינעגסטענס ביי אייך קענען אויסרוהען פון דעם ווילדען הינטישען בילען און פון דעם קריצען פון די וועלפישע צייהן... ווייזט זיך ארויס, אז וולאדימיר סעמיאנאוויטש ראפאפארט איז שוין אויך געווארען אן עכטער אידישער, ווי ער רופט זיך... נו, וואלף שעמאנאוויטש ראפאפארט, אויך פון איהם טראגט זיך דער שלעכטער נאציאנאליסטישער גערוך, פונקט ווי פון די עכט רוסישע.

סאקאלאוו האט זיך בעקלאגט מיט אן אויפריכטיג בעטריעבטען און געערגערטען טאן...

דער ליבעראל און מענשען-פריינד איז געווען אין איהם אויפריכטיג עמפערט און בעליידיגט...

— וואס דיר קען איינפאלען!... דו האסט א טעות, אלעקסעי פעטראוויטש!

סאפיא האט איהם ווייטער שארף בעאבאכטעט, פער־פאלגט יעדע בעוועגונג זיינע און האט איהם בעוואונדערט, אבער ניט זיין אינטערעסאנטען און אויפריכטיגען גדאנקענלויף...

זי איז געווען פון דעם זעהר ווייט! איהר קערפער איז שוין געלעגען פויל צוזאווארפען אויף דעם דיוואן, זי האט קא־קעטיש געוויעגט א ראזע טופלע אויף איהר קליין שעהן פיסעל, אין א ראזע, דורכזיכטיגע זאק, האט זיך געשפיעלט מיט די ווייסע, פוכלע ווי טייג און נאקעטע הענד און האט ליידענשאפט־ליך געציטערט מיט די נאזלעכער, ווי א ווילד פערד פון סטעפ און האט זיך געטראכט: „ווי דום אט דער געזונטער קאזאק איז! וואצו די פילאזאפיע און די אויפרעגונג? א נפקא מינה, דאס איז וואס ראפאפארט איז! ווארום בעמערקט ער ניט בעסער איהר גראציעזע, קליין פיסעל אין דער זיידענער טופלע? זי האט דאך אבזיכטליך פעריסען איהר פעניואר? ווארום בעמערקט ער ניט די נאקעטע ווייסע הענד מיט די לויפענדע בלויע אדערלעך אונטער דער דורכזיכטיגער הויט, איהר רייכע אטלאסענע ברוסט? האט ער שוין אלץ פערגעסען? ער האט עס דאך תמיד פערגעטערט אין איהר“...

יא, ער איז דום, אט דער קאזאק מיט דער ברייטער רויט־בלאנדער בארד. וואלט דען ניט גלייכער געווען, אז דער מעכטיגער רוסישער בער זאל זיך לאזען אומארמען פון איהרע נאקעטע הענד, ער זאל צופאלען צו איהר ברוסט?

ווען ער ווייסט, וויפיעל דערשטיקטע ליידענשאפט ס'האט זיך דארט אנגעזאמעלט זייט ער האט זי אוועקגעווארפען און איז אנטלאפען פון איהר! וואס פאר א וואולקאן ס'איז דארט איינגעשלאפען! אבער וואס פאר א זודיגע לאווע ס'קאכט און ס'ברויזט אין דער טיעפעניש פון דעם וואולקאן!...

— איך האב א טעות? פארדאן מאדאם! — האט פראָ־טעסטירט סאקאלאוו — איך האב שוין גאר קיין טעות ניט...

מיר האט עס באלד איבער דער נאז דערלאנגט... אזוי ווי איך בין נאר צו אייך אין שטוב אריין...

.6

דא איז פון קאבינעט ארויסגעלאפען ראפאפארט, ער איז געווען אנגעטהאן און האט געטראגען זיי סאקוואיאזשיק מיט די אינסטרומענטען און האט זיך געאיילט.

— וואוהין איז עס? אינמיטען לערנען? — האט איהם פויל און גלייכגילטיג געפרעגט זיין ווייב, זיך אויפהויבענדיג פון דעם דיוואן... אין זיין געגענוואַרט האט זי זיך ניט ער־לויבט אזא צוווארפענע און פערשייטע פאזע.

— מ'רופט מיך אויפ'ן טעלעפאן צום פאלקאווניק. דעם איינגעל איז שלעכט — האט האסטיג אויפ'ן וועג א ווארף גע־טאן ראפאפארט.

— וואס איז איהם? — האט זיך אינטערעסירט סאקא־לאוו אלס דאקטאר.

— ער האט דיפטעריט. איך האב איהם שוין אריינגע־גאסען א פלעשעלע, ס'העלפט אבער ניט. ווייזט אוים מ'וועט איהם מוזען אויסשניידען. די צייט געהערט אפילו צו מיין קינד, כ'וועל אבער מוזען מאכען אן אויסנאהמע. א געפעהר־ליכער קראנקער און דערצו נאך א קריסטליך קינד — האט גע־זאגט ראפאפארט און האט א קנייטש געטאן מיט דעם הויכען שטערען, ווי איבער א שווער שטיקעל מהרש"א.

— וואס האט עס צו טון מיט א קריסטליך קינד? וואַ־רום מאכסטו אן אויסנאהם פאר א קריסטליך קינד? — האט איהם שטערנג געפרעגט סאקאלאוו.

— אויף דעם האב איך, קאלעגע, מיינע אייגענע השערות... אזוי צו זאגען נאציאנאליסטישע פרינציפען — האט איהם גע־ענטפערט זיך איילענדיג ראפאפארט מיט א קרומען שמייכעל.

— דערהביי אויך? ביי דער פליכט פון א דאקטאר אויך נאציאנאלע פרינציפען... ווי געמיין דאס איז! — האט שוין ביינ געדונערט דער גרויסער קאזאק איבער דעם קליין שוואך אידעל.

ראפאפארט האט שוין קאלטבלוטיג געשמייכעלט און גע־בליצט מיט זיינע צוויי גרויסע פלאמענדע אויגען...

בערוהיגט אייך, קאלעגע! איך מאך דאך די אויסנאהם פאר א רוסיש און ניט פאר קיין אידיש קינד. וואס ערהגערט איהר זיך אזוי?

— דאס אזי א דאפעלטע געמיינהייט! דאס איז א ניעדע־ריגע חניפה! א געמיינע אונטערלעקעריי! — האט געשריען ער קאזאק רויט פון כעס.

די פרוי האט גענומען דעם גאסט'ס צד.

— אלעקסעי פעטראוויטש זאגט, אז דו ביזט א אידישער שווארץ־מאה'ניק.

— אונבעדינגט! אן עכטער שווארץ־מאה'ניק. דזיעלבע פילאזאפיע אדער דערזועלבער גערוך. דאס זעהט מען דאך פון די אידעען, אין וועלכע דו ערציהסט דאס קינד.

ראפאפארט האט זיך א ווײלע פערטראכט. דער געדאנק אז ער איז א אידישער שווארץ־מאה'ניק איז געווען אריגינעל און פאראדאקסאל. און ער האט ליעב געהאט אריגינעלע גע־דאנקען און פאראדאקסען.

— יא... ס'קען זיין אז ער האט רעכט, און איך בין א שווארצ'מאה'ניק... — האט צוגעגעבען ראפאפארט.

— זעהסט? וואס האב איך געזאגט? — האט טריאומ־פירט סאקאלאוו.

— לײדער אײל איך מיך. איך האב קיין צייט ניט. אבער מיר וועלען נאך ריידען וועגען דעם אן אנדערש מאל. — האט געזאגט ראפאפארט מיט דעם זעלבען קרומען שמייכעל און איז ארויסגעגאנגען אין פאדער־צימער, פערגעסענדיג אויפ'ן טיש

זיינע אינסטרומענטען. אין דער טיר האט ער זיך אויסגעדרעהט. אזוי ווי ער וואלט פערגעסען צו זאגען עפּעס זעהר וויכטיגעס און האט צוגעווארפען זיין חבר מיט א בייזען איראנישען בליאסק אין די אויגען:

— פונדעסטוועגען קען איך אייך בערוהיגען, קאלעגע, אז מיר, די אידישע שווארצ־מאה׳ניקעס, וועלען אייך רוסען קיין פאגראם ניט מאכען. איך גיב אייך מיין עהרענווארט! איך קען אייך מיט דעם קאפּ גאראנטירען. כע, כע, כע!

סאקראלאוו האט אויפגעציטערט ווי פון טיעפער בעליידי־גונג, אזוי ווי ער וואלט געקראגען א פּאטש און ער האט אינ־סטינקטיוו צונויפגעלייגט די פינגער פון זיין האנד אין א שווע־רען קולאק.

ראפּאפּארט האט שוין אבער פערמאכט הינטער זיך די טיר און איז פערשוואונדען.

אלעקסעי פּעטראוויטש האט זיך אראפּגעלאזט אויף א שטוהל און האט פערדעקט זיין פּנים...

— ווי עקעלהאפט דאס איז! — האט ער אויסגערופען מיט א ציטער און האט זיך טיעף פערטראכט.

— נו, כדאי זיך צו ערגערען פון זיינע נארישקייטען! — האט זיך אנגערופען סאפיא א צופרידענע וואס דער מאן איז אוועק פון שטוב און זי האט ווידער פערשייט און רופענד צו־ווארפען איהר קערפּער אויפ׳ן דיוואן.

סאקאלאוו איז אויפגעשפּרונגען פון זיין ארט.

— דאס איז נארישקייטען? גאט איז מיט דיר, סאפיא מאטוועיעווונא! דא איז די רייד וועגען די גרונדלאגען פון מענשליכען צוזאמענלעבען און דו רופסט עס נארישקייטען. ניין, דאס איז שוין גאר ניט קיין נארישקייטען! און איך בין געגאנגען צו אייך מיט א העלער, לייכטענדער נשמה. אין איהר האט זיך אויפ׳ן וועג אנגעצונדען די זכרונות פון אונזער יוגענד, פון אונזער פריינדשאפט... ס׳איז מיר געווארען אזויווארעם און ליכטיג אויפ׳ן הארצען... און איצט איז אלעס אויסגעלא־

שען... ס'איז פינסטער און טרויעריג! — האט סאקאלאוו געענ־דיגט מיט א מעלאנכאלישען אקארד אין זיין קלינגענדער שטימע.

סאפיא האט ניט פערשטאנען זיין ערגערניש און זיי בע־טריבטען מעלאנכאלישען טאן.

וואס קימערט ער זיך וועגען די גרונדלאגען פון מענשליכען צוזאמענשטעלען? און וואו איז זי? ווארום אינטערעסירט ער זיך ניט איצט מיט איהר? בעמערקט ער שוין ניט איהר שעהנ־הייט, די רופענדע פערשייטע ליניען פון איהר קערפער? און זי ווארט אויף איהם אזוי אונגעדולדיג און ציטערענד! דער מאן איז דאך שוין אוועקגעגאנגען...

אבער דא איז אריינגעגאנגען דאנקע.

7.

— מאמע! איך וויל עסען — האט זיך געווענדעט צו איהר דאס קינד.

— געה צו זינא'ן וועט זי דיר געבען א קאטלעט — האט פערזוכט איהם אוועקשיקען די מוטער.

— דער פאפא האט געזאגט, אז קאטלעטען פערדארבען דעם כארקטער — האט זיך אנגערופען דאנקע מיט אן ערנסטען טאן פון א גרויסען מענשען.

סאקאלאוו האט זיך הויך צולאכט.

— קאטלעטען פערדארבען דעם כאראקטער? כא, כא, כא!

— וואס דיין טאטע קען זאגען! — האט אונגעדולדיג און מיט פעראכטונג געזאגט די מוטער.

— דער טאטע ווייסט שוין גוט וואס ער זאגט. ער איז געווען א פראפעסאר! — האט זיך בעליידיגט דאנקע.

סאקאלוו האט גענומען דעם שעהנעם בלאנדען אינגעל צווישען זיינע קניעס.

— קומט אהער, איהר קליין עכט־אידישער יונגאטש, צו מיר! האט איהר זיך בעליידיגט דערפאר וואס איך האב געזאגט, אז איהר זייט ניט עהנליך צו קיין אידען? — האט איהם געפרעגט, לאסקענד זיינע בלאנדע לאקען, סאקאלאוו.

— נו, געוויס...

— רעכענט איהר פיליכט מיך ארויסרופען אויף א דועל פאר דער בעליידיגונג? פיליכט דענקט איהר אבוואשען די בעליידיגונג אין בלוט? — האט געשפאסט דער גאסט.

דאנקע האט זיך בעפרייט פון זיינע ארעמס, האט זיך געשטעלט אין א טעאטראלישער פאזע און געזאגט:

— מיר, אידען, דועלירען זיך ניט. מיר פערגיסען ניט קיין בלוט! אונזער תורה האט אונז עס פערבאטען. ביי אייך, וואס עפעס, און איהר שלאגט זיך באלד. פאפא זאגט, אז מיר האבען שוין מעהר ווי 2000 יאהר ניט מלחמה געהאלטען, ניט געטויטעט און ניט פערגאסען קיין בלוט — האט געענדיגט דאנקע זיין טעאטראלישען מאנאלאג מיט ניט ווייניג שטאלץ.

אלעקסעי פעטראוויטש איז ענטציקט געווארען.

— וואס פאר א פראכטפולער אינגעל דאס איז! האט ער אויסגערופען מיט קנאה. ער האט איהם ווידער צוגעצויגען צו זיך, האט איהם ארומגענומען, עטליכע מאל היים געקושט און זיך גענומען בעטראכטען דער בוי פון זיין קערפער, די געזיכטסציגע, מיט דיזעלבע פארשענדע און טאפענדע בליקען, ווי ראפאפארט פלעגט עס טאן.

דאס קינד איז געווארען פלוצים אונרוהיג און נערוועז און האט זיך אונהעפליך אויסגעדרעהט צום גאסט מיט די פלייצעס.

— ווי שטעהסטו? וואס פאר א מאניערען האסטו עס?

מ'טאר ניט שטעהן צו אן עלטערען מיט די פלייצעס — האט איהם געלערנט די מוטער.

— איך ליעב ניט אז מ'קוקט אויף מיר אט אזוי... דער פאפא קוקט אויף מיר כסדר אזוי... און איצט איז דער געקומען... עס האט זיך מיר שוין צוגעגעסען — האט אויפגע־

רעגט און היסטעריש אויסגעשריען דאָס קינד, זיך צואוויינט און איז אוועק אין קיך אריין.

סאָקאָלאָוו און סאָפּיא מאַטוועיעוונאַ האָבען זיך צוגעוואָר־פען לאַנגע, שטומע, אָבער פיעל ריידענדע בליקען...

זיי האָבען שוין ניט בעדאַרפט ריידען...

8.

אַלעקסעי פּעטראָוויטש איז לאַנג אַרומגעגאַנגען איבער'ן צימער, פערכאַפּט און געטראָגען פון זיינע געדאַנקען.

סאָפּיא מאַטוועיעוונאַ האָט איהם ניט געשטערט און ווי־דער פערפאָלגט פון דעם דיוואַן מיט איהרע בעגעהרענדע אויגען. זי איז אָבער ענדליך געוואָרען אונגעדולדיג.

— האָבען מיר זיך גאָר ניט וואָס צו זאָגען, נאָך אַזאַ לאַנגען צושיידען? זאָג זשע מיר, וואו ביסטו געוועזען די גאַנצע 6 יאָהר? היינט די גאַנצע צייט ניט שרייבען?... אַך, דו, אונפערשעמטער! און זאָגסט נאָך אַז דו האָסט מיך ליעב געהאַט!

זי האָט געכאַפּט אויפ'ן וועג זיין האַנד, האָט איהם אָבגע־שטעלט און גענומען זי גלעטען און לאַסקען.

— געוויס האָב איך דיך ליעב געהאַט... און האָב דיך נאָך איצט אויך ליעב, זאָגסט וואָלט איך ניט געקומען אַהער — איז געוועזען סאָקאָלאָוו'ס ענטפער אויף איהרע לאַסקעס.

אַ שטראָם פון פרייד און גליקליכער אויפרעגונג האָט פער־פלייצט איהר האַרץ און האָט זי אויפגעהויבען פון דיוואַן.

— נאָך איצט האָסטו מיך ליעב? הא? פאַר וואָס־זשע ביסטו געלאָפען פון מיר? אַך, דו קראַסאַוועץ מיינער! — און זי איז איהם געפאַלען אויפ'ן האַלז און האָט איהם אָנגע־הויבען צו קושען מיט דער גאַנצער גלוט פון אַ פרוי וועלכע האָט געוואַרט און געטרוימט גאַנצע 6 יאָהר.

— דו ביסט דאך מיין בעסטען פריינד'ס פרוי — האט ער בעמערקט צווישען די ציינער, אזוי ווי ער וואלט דערשטיקט א וועהטאג.

— נור דערפאר? כא, כא, כא! אך, דו דומקאפף! ווערזשע לויפט עם פון א חבר'ס פרוי?... — זי האט ציניש און אויסגעלאסען געלאכט און איהם ווידער היים און ליידענשאפטליך געקושט.

פלוצים האט זי דערזעהן אין דער טיר דעם מלמד, און זי איז אפגעשפרונגען פון סאקאלאוו'ן מיט א געשריי.

דער מלמד איז געשטאנען פערשעהמט און האט ניט געוואוסט וואס צו טאן מיט זיך: זאל ער אריין אין דר'ערד אדער אוועקגעהן.

— וואס דארפט איהר שוין ווידער? הא? וואס דרעהט איהר זיך דא ארום? — האט געשריען צארנדיג די דאקטארשע.

— גאר נישט... הע... גאר נישט... איך מיין מקין איז דאך א שווערע סדרה... — האט געשטאמעלט דער ארעמער איד.

— איך האב דאך אייך געזאגט איהר זאלט ווארטען אין צימער ביים קינד?! — האט געדונערט די דאקטארשע אזוי הויך, אז דאני האט דערהערט איהר שטימע אין קיך און איז געקומען דעם מלמד צו הילף.

— קומט... קומט! — און דאס קינד קייענדיג נאך דעם פריהשטיק אין מויל, האט ארויסגעראטעוועט דעם אידען פון זיין מוטער'ס הענד און האט איהם אבגעפיהרט צו זיך אין צימער.

9.

ווער איז דער סוביעקט? — האט מיט פערדרוס געפרעגט סאקאלאוו.

דער אינצידענט איז איהם געווען זעהר אונאנגענעהם, און ער איז געווען ברוגז אויף סאפיא'ן ווארום זי איז ניט איינגע־

האלטען און אזוי אונפארזיכטיג. ווייטער האט איהם שאקירט דאס, וואס זי דרינגט זיך אליין אויף. מענער ליעבען דאס ניט. ס'איז זיי געשמאקער ווען זיי אטאקירען די פרוי און מוזען קעמפפען פאר איהר בעזיץ.

ס'איז איהם אויך ניט געפעלען איהר פערשייטער און ארויסרופענדער בענעהמען. פאר איהם איז דאס געווען פאל־שטענדיג ניי און אונבעקאנט אין איהר. דאן איז זי געווען אזוי צנועה'דיג און האט זיך געשעהמט, און דערפאר האט זי געהאט אזא רייץ, אזא חן אין זיינע אויגען.

זי האט פערשטאנען וואס ער טראכט. טראצדעם האט זי זיך אנגערופען מיט א כוואטסקע טאן:

— נאפּלעוואט! דאס איז מיין זוהן'ס גאווערניאר! — און זי האט זיך הויך צולאכט.

— וואס רעדסטו?

— גלויבסט ניט? כא, כא, כא!...

— גאט מיינער! אזא שמוציגער איד ערציהט דאס קינד?

אן עקעל ווי א טיעפער ציטער איז דורך זיין לייב.

— ווי דו זעהסט! דאס איז נאך א קלייניגקייט! דו זאלסט ווייסען וואס דאס קינד האט פון איהם, פון וואלאדיא'ן ארויסצושטעהן! — זי האט געוואלט זאגען פון פאטער, זי האט זיך אבער פערכאפּט. — טאג ווי נאכט... מיין גאנץ לע־בען האט ער מיר פערדארבען, און איצט דאס קינד... א פּענאַ־מען וויל ער פון איהם מאכען! אַה, דאס צוצוקוקען... מיין הארץ ווערט צוריסען...

סאפיא האט פערדעקט דאס פנים און האט זיך צעוויינט מיט פאלשע טרעהרען. דאס שפּיעלען פון דער אונגליקליכער מוטער איז געווען א נייע ערפינדענדע קאקעטעריי, ווי דאס וויגען פון דער זיידענער טופליע אויף איהר קליין פרויען־פיסעל.

דורך דעם איז געווען לייכטער צו געווינען דעם ליעבהאַ־

בער און איהם כאפּען אין איהר נעץ. סאַקאָלאָוו'ן האָט אָבער די געשיכטע אויפגעבראַכט.

— וואָס? ער שלאָגט איהם אודאי?... — האָט ער איבערגעפרעגט אַן אויפגעבראַכטער.

— וואָס איז דאָס קינד שולדיג? מיט וואָס האָט עס געזינדיגט? טאָג ווי נאַכט מוטשעט ער איהם... אַן אינקוויזיציע, אַן אמת'ע אינקוויזיציע... — האָט כלומרשט ביטער געוויינט די אונגליקליכע מוטער.

— דאָס איז געמיין! דער מאַן איז אַ פּסיכאָפּאַט... איך וועל מאַכען אַן ענדע דערפון! נאָך היינט וועל איך מיט איהם ריידען. איך וועל עס ביי איהם צונעהמען!

דער קאַזאַק סאַקאָלאָוו האָט שוין געקלאַפּט מיט זיינע פויסטען אין טיש און האָט ווילד געדעוועט ווי אַ בער.

סאָפיא האָט זיך איבערגעשראָקען אויף טויט... צו וואָס האָט זי עס געטאָן?

נאָך אַזאַ קלאַפּ אין טיש און דאָס גאַנצע הויז איהרס, דאָס פערזאָרגטע און זאַטע פאַמיליען-לעבען פאַלט איין... דאָס האָט זי ניט געוואָלט. גאָט בעהיט!... זי וואָלט געוואָלט האָבען דעם געזונטען גוי פאַר אַ ליעבהאָבער, אָבער ניט פאַר קיין מאַן. טרינקט ער זיך אָן, וועט ער זי אויספּאַטשען ווי אַ זשידאָווקע און זי ארויסטרייבען. זי ווייסט עס גוט!

זי האָט גוט געקענט אַט דעם סאַקאָלאָוו'ן,ביידע זיינען זיי געוואַקסען פון קינדווייז אין איין הויף, אין מאַסקווע. און האָבען זיך געליעבט פון קינדווייז אָן. זי פלעגט מעהר פערברייינגען אין זייער הויז, דאָס הויז פון אַ קאַזאַצקען פּאָלקאָווניק, מיט זיינע שוועסטער, אַלס ביים פאָטער, אַ רייכען קאָנטאָניסט. איהר ערציהונג און איהר נשמה איז געווען מעהר רוסיש ווי אידיש. אָבער זי איז דאָך געווען אַ זשידאָווקע... און דערפאַר האָט זי בעסער חתונה געהאַט מיט דעם קליינעם ראַפּאָפּאָרט איידער מיט אַט דעם שעהנעם סאַקאָלאָוו'ן.

דאָ איז אריינגעלאָפען דאָני אין בעגלייטונג פון מלמד.

דאָס קינד האָט געטראָגען פון אויבען, איבער דער קורטקע, א נייעם טלית־קטן און האָט זיך געקאַטשעט פון געלעכטער.

— זעה נור, זעה נור, מאמע, וואס דער רבי האָט מיר גע־בראַכט? דאָס וועל איך אָנטהון, רבי?

דער מוטער איז פינסטער און ווייסט געוואָרען אין די אויגען. דאָס בלוט איז אריין און פערפלייצט איהר פּנים.

— א שעהנע פראגע דאס איז... א איד דאַרף טראגען ציצית! — האָט געזאָגט דער מלמד מיט א שטאָלצען בליק פון א מאן וואָס האָט געשאָסען א פויגעל.

אזוי ווי דאנקע האָט איהם געזאָגט, אז דער אָפיציער איז א דיאַדיא, דאָס הייסט, א פעטער, האָט דער מלמד עס אויס־געטייטשט, אז ער איז סאָפּיאַ'ס א ברודער און די שווערע קשיא וועגען די אומאַרמונגען זיינען איהם שוין געווען אין גאַנצען פערענטפערט...

ער איז צוגעגאַנגען צו סאָקאָלאָוו'ן און האָט איהם דער־לאַנגט, ווי א אידען א ברייטען שלום עליכם. סאָקאָלאָוו האָט איהם דערלאַנגט צוויי פינגער און האָט זיי באַלד אָבגעטריי־סעלט, אזוי ווי ער וואָלט זיך צוגעריהרט צו א שמוציגער זאַך.

סאָפּיאַ'ס אויגען האָבען זיך אָנגעצונדען.

— וואָס זאָגט איהר צו איהם, הא?

— זאָל דער פעטער אויך קלייבען נחת... דאָס זיינען ציצית פון גאָלע תכלת... זיידענע ציצית — האָט אויסגע־טייטשט דער נאַאיווער מלמד דעם קאָזאַק אויף אידיש.

סאָקאָלאָוו האָט געקוקט אויף איהם מיט צוויי גרויסע אויגען.

— זעהסט מאמע? — האָט ניט אויפגעהערט צו קוועלען און זיך אַמוזירען דאָס קינד — וואָס פאַר א ברכה מאַכט מען, רבי?

— על מצות ציצית... וואָס פערשטעהסט דו ניט? — האָט איהם געלערנט דער מלמד.

דאַני האָט אָנגעהויבען שפּאַציערען איבער'ן שטוב און קאַ־

קעטירען מיט דעם נייעם טלית קטן... קיין בעסערען שפּאַס האָט מען ניט בעדאַרפט. דערווייל האָט ער פערשפּאַרט לערנען.

דער מלמד האָט זיך געפרעהט און געשטאַלצירט מיט זיין פרומען תלמוד.

— זעהט נור... זעהט נור ווי דאָס קינד פרעהט זיך... ניט אומזיסט ביסטו דעם מהרמ'ס אן אייניקעל.. מי גדול כמהר"ם? דאָס איז דאָך דער אמת'ער יחוס, א קלייניגקייט דער מהר"ם? — האָט זיך געווענדעט דער מלמד צום גוי ענט־ציקט איבער דעם וואָס זיין תלמיד איז אן אייניקעל פון היילי־גען מהר"ם.

— וואָס? וואָס? — האָט איבערגעפרעגט סאַקאַלאָוו. וועלכער האָט געוועהנליך איהם ניט געקענט פערשטעהן און האָט געקוקט אויף דער גאַנצער געשיכטע ווי אויף א מיאוס'ע קאָמעדיע.

סאָפיא איז אָבער געקומען צו זיך...

זי האָט אראָבגעריסען פון איהר קינד דעם לייפסערדאַק, האָט איהם אין ווילדער וואוטה צוריסען אויף שטיקלעך, גע־טראָטען מיט די פיס און אָנגעהויבען שרייען און טופּען אויפ'ן מלמד:

— וואָן! וואָן פון דאַנעט, פערשטונקענער איד! אייער זוואַניע זאָל זיך דאָ ניט געפינען!

— וועה איז מיר! גאָט איז מיט אייך! ציצית?... אידישקייט טרעטען מיט די פיס?... מהר"ם! ר' הירשעלע ראַפּאַפּאָרט! — האָט זיך דער מלמד געוואָרפען און געדרעהט ווי אין בויך קרעמפען.

— וואָן! וואָן! — האָט געשריען די דאָקטאָרשע.

אין טיר איז געשטאַנען ראַפּאַפּאָרט.

ער האָט זיך אומגעקעהרט נאָך די פערגעסענע אינסטרו־מענטען.

— וואָס קומט דאָ פאָר? — האָט ער געפרעגט מיט א

טומפער אונהיימליכער שטימע, וועלכע האט קיין גוטס ניט פערשפראכען.

— הער איך זאל זיך ביי מיר אין שטוב ניט געפינען! הערסט? א ניט וועל איך אלעס צושמעטערען, צוברעכען. — האט זי געפאכעט פאר'ן מאנס געזיכט מיט איהרע צוויי נאקעטע פערשאַרטע הענד...

א צעפאטעלטע מיט די ציטערענדע נאזלעכער איז זי פאר איהם ערשיענען ווי א בייזע, עקעלהאפטע פוריע.

— זעהט, זעהט! אידישקייט... די ציצית טרעטען מיט די פיס!... א גרויס חילול השם... גאטעניו, זיי מיר מוחל!— און דער מלמד האט מיט טרעהרען אין די אויגען געכאפט קושען די שטיקער פון דער צוריסענער קדושה.

— איך זאל עס מעהר ניט זעהן! דאס לעצטע מאל זאל עס מיר זיין! — האט געזאגט ראפאפארט מיט א ווילדען קריץ פון זיינע צייהן, און האט אזוי פערקלעמט מיט דער האנד די האנד פון זיין פרוי, ביים נאקעטען עלעבויגען, אז זי האט אויסגעשריען פון וועהטאג.

סאקאלאוו האט זיך א ווארף געטאן איהר צו הילף.

— וואלאדיא! וואס, דו ביסט פון זינען אראפ?

— איך בין א איד! ביי מיר איז א אידישע שטוב, סודאר! ביי מיר טרעט מען ניט אויף אידישקייט, אויף דעם שעהנסטען און הייליגסטען סימבאל פון אידישען גלויבען, מיט די פיס! הערסט? — האט געשריען מיט א קוויטש דאס קליין, דאר אידעל אויף זיין גרויסען חבר און אויף זיין פרוי.

און זיינע גרויסע שווארצע אידישע אויגען האבען געפלאקערט מיט דעם זעלבען הייליגען פלאם פון זיינע עלטערען, ווען זיי האבען בעטרעטען דעם שייטער-הויפען און האבען זיך געלאזט פערברענען פאר די הייליגע סימבאלען פון דעם אידישען גלויבען.

דער בן הרב

דריטער קאפיטעל.

1.

אויף מאָרגען איז געווען דער ערשטער טאָג חנוכה און דער יאָהרצייט פון ראפּאפּאָרט'ס פאָטער.

דער דאָקטאָר איז אויפגעשטאנען נאָך פריהער ווי תמיד. ער איז איינגעשלאָפען שפּעט און געשלאָפען איז ער די נאכט קורץ און שווער.

אלעקסעי פּעטראָוויטש איז איהם די גאנצע נאכט פון קאָפּ ניט ארויסגעגאנגען. זייער פריינדשאפט פון ערשטען מאָמענט אן, דאָס סטודענטען־און־פאמיליען־לעבען איז מאסקווע. די גאנצע פערגאנגענהייט פון 20 יאָהר איז טויזענד מאָל דורכ־געבלעטערט געוואָרען אין דער שלאָפלאָזער נאָכט.

און קליינע אונבעדייטענדע אינצידענטען, וועלכע זיינען שוין לאנג צוריק אויסגעלאָשען געוואָרען און האָבען ניט גע־לאָזט קיין שפּורען הינטער זיך אין זיין גייסט, האָבען איצט צוריק אויפגעלעבט און זיינען אויסגעוואקסען אין זיין קראנקען מוח ווי שרעקעדיגע געשפּענסטער.

און די זשאבע האָט איהם אזוי שטארק גענאָגט יענע נאכט, אז דאָס הארץ איז שיער צוריסען געוואָרען פון ברענענדען וועהטאָג.

ראפּאפּאָרט האָט זיך געפיהלט מיעד און צובראָכען ווי נאָך א לאנגען און שווערען וועג. דער געדאנק אָבער, אז היינט איז דעם פאָטער'ס יאָהרצייט, אז ער וועט דאַווענען פאר'ן עמוד און וועט פאָהרען אויפ'ן הייליגען אָרט, האָט איהם באלד ער־מונטערט און האָט איהם געבראכט דעם פיבערהאַפטען זיסען ציטער פון א מענשען, וואס געהט זיך זעהן מיט דעם טייערסטען אין לעבען נאָך א לאנגען צושיידען זיך.

ר' משה'לע, דער פאָטער זיינער, איז געווען רב אין דער־זעלבער שטאָדט, און איינער פון די לעצטע ראפּאפּאָרטס, וועל־

כע זיינען דריי דורות איינער נאכ'ן אנדערען געזעסען אויף דעם כסא הרבנות, וואס איז געווען אנגעגרייט אויך פאר איהם. איז אבער דער 17־יעהריגער וועלוועלע אוועק קיין סלאבאדקע לערנען. דארט איז ער באלד נכשל געווארען און איז אריין אין קאוונע אין 7טען קלאס גימנאזיע, צוערשט מיט דעם צוועק צו קענען זיין א דאפעלטער רב, א קאזיאנער און אן אמת'ער. אז ער האט אבער געענדיגט די גימנאזיע, האט ער זיך אין גאנצען באטראכט און איז בעסער אריין אין דער מעדיצינישער אקא־דעמיע שטודירען אויף א מיליטער־ארצט.

די שטאדט האט דערפון צוערשט ניט געוואוסט. זי האט אלץ געדענקט, אז איהר וועלוועלע לערנט נאך ביי ר' יצחק אלחנן אליין.

האט אבער מלך דער פאווערענע געהאט א פראצעס אין סענאט, און אז ער איז געקומען פון פעטערבורג האט ער גע־בראכט די וואונדערבארע נייעס, אז ער האט בעגעגענט וועל־וועלע'ן אויפ'ן ניעווסקי פראספעקט אנגעטאן ווי אן אפיציער. און וועלוועלע האט איהם געזאגט, אז ער שטודירט אויף א וואיענע דאקטאר.

די שטאדט האט אויפגערודערט פון דער נייעס, און ס'הא־בען זיך פערשפרייט מיאוסע קלאנגען.

דער רב איז קראנק געווארען פאר יסורים און איז אין גיכען געשטארבען.

פונדעסטוועגען האט די שטאדט בעשלאסען, אז דער כסא הרבנות אויף וועלכע ס'זיינען געזעסען די ראפאפארטס, זאל ניט בעזעצט ווערען און דער ממלא מקומו זאל הייסען דיין.

און אז איהר וועלוועלע איז נאכ'ן יאפאנישען קריעג און נאך די פאגראמען געקומען פלוצלונג צו זיך אין געבורטס־שטאדט, צו זיין פאלק, האט זיך בעזעצט אלס דאקטאר, און איז דעם ערשטען שבת געגאנגען אין רב'ס קלויז, האט זיך איינגע־וויקעלט אין פאטער'ס טלית מיט דער שווערער זילבערנער עטרה, האט זיך אוועקגעשטעלט אין א ווינקעלע אין מזרח און

איז פערגליווערט געווארען אין א טיעפער תפילה צום גאט פון די פערפאלגטע און בעליידיגטע, איז א שוידער דורכגעלאפען דורך אלע נשמות, און ביים עולם זיינען ארויסגעטראטען הייסע, ברענענדע טרעהרען אויף די אויגען, די טרעהרען, וואס דאס פאלק קען ניט אויסוויינען, ווייל צו גרויס איז זיין אונגליק און די בעליידיגונג איז צו טיעף.

די שטאדט האט זיך דעם שבת געקאכט ווי אין א קעסעל. יעדער איז געלאפען שיקען וויין דער אלטער, בלינדער רביצין און דעם שבת־צו־נאכט האבען די סטאלענער חסידים שיער ניט צוטראגען איהר שטוב מיט זייער הוליען.

די אינטעליגענטען פון שטאדט האט עס פערדראסען, זיי האבען געזאגט, אז ס'איז נור א רעקלאמע און דער נייער פרומער דאקטאר איז א שארלאטאן.

אבער זיין אפפערוויליגע און אונערמיעדליכע ארבייט צווי־שער דער ארעמער און עלענדער בעפעלקערונג פון שטאדט און דאס וואס ער האט זיי אויך געהאלפען מיט דעם געלד, וואס ער האט גענומען ביי די רייכע, האט פערשטאפט אלע מיילער און דער דאקטאר איז געווארען אלעמענס אן אבגאט...

און אז ער פלעגט לויפען צו פוס מיט זיינע קליינע נערוועז־זע טריט איבער די ענגע, שמוציגע געסלעך און די איינגעהוי־קערטע הייזער מיט דעם אבגעריסענעם רענצעלע אין דער האנד און יעדען ארעמען אידען אדער אידענע האסטיג בעגריסט אויפ'ן וועג ביים נאמען, פלעגט בעריל אדער שמעריל בלייבען שטעהן א פערציטערטער, אראבנעהמען די היטעל, זי אנהויבען קנייטשען אין דער האנד און אונבעהאלפען טרייסלען מיט די ליפען, אזוי ווי ער וואלט ניט געקאנט געפינען די ריכטיגע ווערטער אויסצודריקען זיינע געפיהלען צו דעם קליין, דאר מענשעלע מיט די צוויי גרויסע פלאקערענדע שווארצע אויגען...

אבער דער דאקטאר איז שוין פערשוואונדען ערגעץ וואו אין אן איינגעהויקערט, קליין הייזעל, קליין און איינגעהויקערט ווי ער אליין איז געוועז.

דער איד אָדער די אידענע פלעגט נאָך לאנג שטעהן אויפ'ן אָרט און איהם נאָכקוקען און שאָקלען מיט דעם קאָפּ און שטיל אין הארצען בענשען די כשר'ע בלינדע רביצין, וואס האָט איהם געבראכט אויף דער וועלט.

און נאָך מעהר האָט איהם געליעבט און פערגעטערט די קריסטליכע בעפעלקערונג פון שטאָדט.

ראפּאפּאָרט איז געווען א גרויסער כירורג, אין נויט האט מען פון וויט פון ארום און ארום געמוזט אָנקומען צו איהם. און זיי, די גוים, די פייניגער פון זיין פאָלק, האָט ער תמיד גע־שטרעבט צו בעווייזען ווי גוט און אָפּפערווילּיג א איד קען זיין. אז ער, דער איד קען זיין מעהר קריסט פון זיי, די נאָכפאָלגער פון קריסטען.

2.

דער ווינטער האָט זיך געשטעלט פריה. אונבעמערקט האט זיך ביינאכט ארייגע'גנב'עט די קעלט, א פרעסטעל האָט שטי־לערהייד, אונטער דער דעק פון דער נאכט־פינסטערנים, פערצוי־גען און פערשמידט די ערד; א ווינד האָט פון ערגעץ גע־בראכט א טיעפען און ווייכען שנעע, האָט איהם איבערנאכט בעשאָטען אויף די הייזער און די דעכער און איינגעהילט די שטאָדט אין א ווייסען פוכאָווען מאנטעל.

אז ראפּאפּאָרט איז אין דער פריה ארויסגעגאנגען מיט דעם טלית ותפילין אונטער'ן האנד און זיך געלאָזט געהן אין טיעפען שנעע אין קלויז אריין, האָט זיך די פרישע און ריינע לופט ארייגעגאָסען אין הארצען ווי א פרישער און היילענדער געטראנק...

אלעס איז געלעגען ארום און ארום אזוי אונשולדיג, ווייס און ריין.

דער „גוט מאָרגען, פּאַני דאָקטאָר” האָט אזוי זיס און פריש

געקלונגען אנטקעגען פון אלע זייטען אין דער קאלטער ווינטער לופט, האט איהם אזוי טיעף געריהרט מיט זיין איבערגעבענהייט און ליעבע, אז אלע בעליידיגונגען זיינען אנשוויגען געווארען און די געשפענסטער, וואס האבען איהם געפלאגט די שלאפלאזע נאכט זיינען אין דעם ליכט פון דעם ריינעם, טיעפען הימעל צורונען געווארען ווי א בייזער חלום...

אין קלויז האט שוין געווארט אויף איהם זיין מנין סטאלענער חסידים און עטליכע פראמינענטע בעלי־בתים, וואס האבען געפראוועט דעם רב'ס יאהרצייט. מ'האט אביסעל געשמועסט, דער שמש האט איהם דערלאנגט זיין פושקעלע טאבאק, פריהער געלאזט נעהמען א שמעק טאבאק דעם דאקטאר. — דאס איינציגע וואס דער ארימער איד האט איהם תמיד געקענט געבען.

ער פלעגט עס אבער טאן מיט אזא ליעבע און פרייד, אז ס'פלעגט דעם דאקטאר ריהרען ביז צו טרעהרען... דער דאקטאר האט געלייגט טלית ותפילין, צוגעגאנגען צום עמוד און האט זיך געשטעלט דאוונען...

אין מיטען דער היכער שמונה עשרה איז אין קלויז אריינגעגאנגען א לאנגער סאלדאט, ארומגעבונדען מיט א באשליק און איז געבליבען שטעהן ביי דער טיר, זוכענדיג עמיצען מיט די אויגען.

דער שמש האט איהם דערזעהן און צו איהם צוגעגאנגען.

דער סאלדאט האט געזאגט, אז ער דארף דעם דאקטאר.

דער שמש האט איהם געענטפערט, אז דער דאקטאר דאוונט, און אז נאך דעם דאוונען מוז ער פאהרען אויפ'ן הייליגען ארט, און קען איצט צו קיינעם ניט געהן. דער סאלדאט איז אוועקגעגאנגען, אבער אין קלויז איז באלד אריינגעקומען א פאלקאווניק, א בעוואוסטער כוליגאן און פאגראמשטשיק, וועלכער האט מיט זיינע סאלדאטען געהעצט און דירעקט זיך בעטייליגט אין פאגראם.

דער פאלקאווניק איז אויך געבליבען שטעהן ביי דער טיר.

האט אנגעבלאזט זיינע באקען מיט די גרויסע רויטע וואנצעס און אנגעהויבען ווארפען ארום זיך זוכענדע, בייזע בליקען...

אז דער עולם האט בעמערקט דא אין קלויז אט דעם צורר היהודים, איז ער געקומען אין אן ענגסטליכער פערלעגענהייט.

ראפאפארט האט עם דערפיהלט און האט אומגעדרעהט דעם קאפ אין מיטען שמונה עשרה.

דער פאלקאווניק אבער האט איהם ניט איבערראשט. ער האט איהם געלאזט ווארטען עטליכע מינוט ביז ער האט גע־ענדיגט די שמונה עשרה און ערשט דערנאך איז ער צו איהם צוגעגאנגען.

דער פאלקאווניק האט איהם מיליטעריש געגריסט מיט דעם גרעסטען רעספעקט.

דער דאקטאר, אין טלית ותפילין, האט, ווייזט אויס, גע־מאכט אויף איהם א שטארקען איינדרוק.

— דאקטאר, מיין קינד שטארבט! — האט ער זיך גע־ווענדעט צו ראפאפאט'ען.

— איך בין שוין פארטיג, פאלקאווניק!

ראפאפארט איז צוגעלאפען צוריק צום עמוד, האט געזאגט א געאיילטען שטילען קדיש, האט פון זיך אראבגעווארפען דעם טלית און תפילין אויף דעם שמש'ס הענד, מיט די ווער־טער: „פיקוח נפש", מיט האסט איהם געלאזט א קערבעל אויף תקון, און איז ארויס מיט דעם פאלקאווניק פון קלויז.

די אידען האבען איהם בעגלייט מיט שטאלצע, גליקליכע בליקען...

דרויסען זיינען אונגעדולדיג געשטאנען דעם פאלקאווניק'ס צוויי שווארצע פערד, געשפאנט אין א ברייטען שליטען, אין וועלכען ס'איז געזעסען אלעקסעי פעטראוויטש.

אז ראפאפארט האט איהם דערזעהן, האט איהם ווידער פערכאפט אן אונרוהיגע, נערוועזע שטימונג, פון וועלכער ס'האט איהם פריהער בעפרייט דער פרישער שנעע און די אלטע קלויז...

ער האָט די אָפּעראַציע געוואָלט מאַכן מיט א ציווילן דאָקטאָר אָבער ניט מיט איהם.

ער האָט פּלוצלונג דערפּיהלט צום רוסישען ליבעראַל און געוועזענעם חבר א גרעסערע און ביטערע שנאה ווי צו דעם כו־ליגאַנסקען פאָלקאָווניק.

מיט דעם האָט זיין פערביטערט הארץ איצט אין זיין נויט שלום געמאַכט.

— מאַליעסט זיך, וולאַדימיר סעמיאָנאָוויטש? — האָט זיך געווענדעט צו איהם סאַקאָלאָוו מיט א שפּאָטישען, פער־עכטליכען שמייכעל. — דאַוונען, דאַוונען! דאַוועך שוין פאַר מיין זינדיגער נשמה אויך! — און דער רוסישער ליבעראַל האָט זיך גיפטיג צולאַכט.

ראַפּאַפּאָרט האָט אָנגערוקט זיינע געדיכטע, שוואַרצע ברע־מען, האָט איהם אָבגעגאָסען מיט א פלאַמענדען האָס און איז אריינגעקראָכען אין שליטען. און אז דעם פאָלקאָווניק'ס פערד האָבען איהם א טראָג געטאָן איבער די גאַסען, שליידערענדיג אין אלע זייטען דעם ווייסען שנעע מיט די פיס, האָבען די קרעמערס אויף די טראָטואַרען בעגלייט זייער דאָקטאָר מיט אזא שטאָלץ און מיט אזא פערגעניגען געריבען די קאַלטע הענד און צוגעקלאַפּט פרעהליך מיט די שנעע־בעדעקטע שטי־וועל, אזוי ווי זיי וואָלטען אין דעם כוליגאַנסקי פאָלקאָווניק דערלעבט די גרעסטע נקמה.

3.

דער פאָלקאָווניק האָט געוואוינט וויט הינטער'ן שטאָדט, ביי די קאַזאַרמעס.

זיי זיינען געפאָהרען שטיל און די גאַנצע וועג האָבען זיי קיין וואָרט ניט אויסגערעדט.

אין גרויסען, גלעזערנעם קאָרידאָר האָט זיי בעגעגענט א

הויכע, מאגערע פרוי, א טיפ פון אן אויסשטארבענדען אריס־טאקראטישען דור.

איהרע אויגען זיינען געווען רויט און פערוויינט, און גע־טראגען האט זיך פון איהר א ריח פון אונבעשטימטע פארפיו־מען.

— דאקטאר, ראטעוועט איהם! אין האב מעהר נישט! — האט זי פערצווייפעלט אויסגעשטרעקט איהרע הענד מיט לאנגע, דארע און וואקסענדע פינגער און האט זיך היסטעריש צעוויינט.

דער געוויין און די פערצווייפלונג פון דער פאלקאווניצע האבען אויסגעגלייכט דעם איינגעהויקערטען און קליינעם אי־דעל, און ער איז פלוצים אויסגעוואקסען אין א גרויסען, מעכ־טיגען מאן.

— ס'וועט איהם גאר ניט זיין... איך גיב אייך מיין קאפ, מאדאם! — האט זי בערוהיגט דער דאקטאר — באלד שניי־דען מיר עס אלעס אויס און דער חברה־מאן וועט אין א פאר טעג ארום ארומלויפען ווי פריהער.

און ראפאפארט האט זיך דערביי שיער ניט צעוויינט פון פרייד, וואס ער קען העלפען און רעטען דאס קינד.

אין א קינדערש בעטעל איז געלעגען א 10־יעהריגער געלער און קלייענדיגער אינגעל, וועלכער איז געווען ווי צוויי טראָ־פען וואסער עהנליך צום פאטער. זיינע צוויי קאלעמוטנע, גרויע און בייזע אויגען זיינען געווען בולט ווי צוויי גלעזערנע באנקעס און פון זיין שווער ארבייטענדע ברוסט האט זיך גע־טראגען א הייזעריגער כראפ און א שווערער פייף ווי פון א בלאז־זאק.

דאס קינד האט שווער געאטעמט, מען האט קיין איין מינוט ניט געטארט פערלירען.

ביידע דאקטוירים האבען זיך שנעל איבערגעטאן אין ווייסען און האבען איבערגעטראגען דאס קינד אין זאל אריין אויף א גרויסען טיש... א פעלשער און בארעמהערציגע שוועס־טער האבען זיי געהאלפען...

די עלטערן זיינען ניט אבגעטראטען. ראפאפארט האט אויך ניט שטארק פראטעסטירט... פאר זיינע געשיקטע הענד איז דאס געווען א קלייניגקייט. א פאר האנד־בעוועגונגען און דער האלז איז געווען אפען און האט צוגעלאזט א שטראם פון פרישער לופט און דאס ערלייזט קינדיש ברוסטיל האט פריי אויפגעאטהעמט...

— שטעקט אריין שנעל דאס רעהריל! — האט בעפוילען ראפאפארט זיין קאלעגע.

אלעקסעי פעטראוויטש האט זיך אנגעהויבען צו פארען ביים קינד'ס העלזיל מיט ציטערנדע הענט, פארשטעלענדיג די וואונד מיט דעם קאפ... עפיס האט געדויערט מעהר ווי ס'האט בעדארפט געדויערען, ראפאפארט האט דערוייל בעפרייט זיי־נע הענט און האט שוין געמאכט אן אונגעדולדיגע בעוועגונג.

פלוצים... א שטילער קנאק פון צובראכענעם גלאז און דאס רעהרעל איז צובראכען געווארען...

— טרובקע! אן אנדער רעהרעל! — האט אויסגעשריען ראפאפארט מיט אזא שטימע, אז אלע זיינען פערשטיינערט געווארען פון שרעק. ער און דער פעלשער האבען זיך אווארף געטאן צום צווייטען טיש זוכען צווישען די מעדיקאמענ־טען און אינסטרומענטען אן אנדער רעהרעל...

— קיין רעהרעל! מ'האט זיך ניט פערזארגט!

ראפאפארט האט זיך געכאפט פאר'ן קאפ.

דער טויט האט אויסגעשטרעקט זיינע נעגעל.

די מוטער, וועלכע האט אלע זייערע בעוועגונגען פערפאלגט מיט פיבערהאפטע בליקען האט אויסגעשריען ווי א פערוואונ־דעטע, האט אנגעהויבען צו וואקלען און איז געפאלען אין די ארעמס פון דעם אונטערגעלאפענעם פאלקאווניק.

דאקטאר סאקאלאוו איז געשטאנען איבער'ן קינד בלייך ווי דער טויט. ראפאפארט האט איהם אבער אבגעשטופט, איז צוגעפאלען צום אפענעם האלז און האט אנגעהויבען פון דאר־טען צו זויגען דעם געפעהרליכען גיפט מיט די ליפען ווי א קאלב

פון אן אייטער, געזויגעו, געשפיגען, און ווייטער געזויגען ביז דאָס קינד איז געווען אויסער געפאהר און געראטעט...

ס'האָט געדויערט נור איינינע מינוטען.

פאר די פערגליווערטע און טויט־בלייכע צושויער האָט עס געדויערט אן אייביגקייט...

אז דער טויט־בלייכער ראפאפאָרט האָט זיך געהייסען דער־לאנגען א פאפיראָס, האָט איהם פעררויכערט מיט ציטערנדע הענד און האָט געזאָגט מיט א שמייכעל:

— אלעס איז אין אָרדנונג... איצט קען מען אויך פער־רויכערען — האָט די מוטער העסטעריש אויסגעשריען און איז געפאלען ערשעפט אין א שטוהל.

דער פאָלקאָווניק האָט זיך אויסגעדרעהט צום פענסטער און האָט זיך אזוי ווי מיט פערדרוס געשטעלט פויקען אין דער טאפלי א מארש...

ביי אלעקסעי פעטראָוויטשען האָבען זיך די אויגען אָנגע־צונדען מיט אן אונהיימליך בייז פייערעל...

4.

מ'האָט דאָס קינד איבערגעטראָגען צוריק אין זיין בעטעל. ראפאפאָרט האָט אָבגעגעבען אלע נויטיגע בעפעהלען, האָט זיך אָבגעוואשען, זיך איבערגעטאָן, האָט זיך געהייסען מעלדען ווי אזוי דאָס קינד וועט זיך פיהלען און האָט געבעטען מען זאָל איהם אָבפיהרען אויף דעם אידישען הייליגען אָרט.

ערשט דאן איז דער איבערראשענדער פאָלקאָווניק געקו־מען צו זיך.

דער אלטער צורר היהודים האָט זיך אָנגעהויבען וואָרפען און טרייסלען פאר'ן קליין אידעל ווי פאר א גענעראל אויף א סמאָטר און האָט א קאָמאנדעווע געטאָן צום קוטשער: „וועזי דאָקטאָרא נא קלאָדבישטשע אי קוּדא זאכאָטשעט" (פיהרט דעם

דאָקטאָר אויפ׳ן בית עולם און וואוהין ער וועט וועלען) מיט אזא געמבע, אזוי ווי ער פלעגט שרייען אין פראָנט ווען ער פלעגט קאָמאַנדעווען מיט׳ן פאָלק.

ראַפּאָפּאָרט האָט פערלאָזט דעם פאָלקאָווניק׳ס הויז מיט א קאַלטער און לייכטער קאָפּ־בעוועגונג.

בעגלייט האָט איהם דער פאָלקאָווניק און דער פעלדשער. דער פאָלקאָווניק האָט איהם אליין אריינגעזעצט אין שליטען, האָט איהם פערדעקט מיט דער דעק און האָט זיך אויסגעצויגען פאר איהם ווי פאר א גענעראל.

ראַפּאָפּאָרט האָט נאָך עטוואס אָנגעזאָגט דעם פעלדשער. פּלוצים האָט איהם דער פאָלקאָווניק געפרעגט:

— זאָגט נור מיר, גאָספּאָדין דאָקטאָר, זייט איהר ניט קיין ציוניסט?

די פראַגע איז געווען אזוי אונערוואַרטעט פאר ראַפּאָפּאָרט׳ן און אזוי ניט אם פּלאַץ, אז ער האָט א ווײַלע איהם אָנגעקוקט מיט בעוואונדערטע אויגען...

באַלד אָבער האָט ער געכאַפּט דעם פּסיכאָלאָגישען זין פון דער פראַגע, ער האָט א שמייכעל געטאָן און בעמערקט:

— ניין, פאָלקאָווניק!... איך בין בלויז א זשיד... א זשיד! איהר פערשטעהט? — און האָט א גלאַנץ געטאָן מיט זיינע צוויי אידישע אויגען און האָט בעפוילען דעם קוטשער:

— טראָגאַי! אדיע, פאָלקאָווניק!

און דער שליטען האָט זיך א ריס געטאָן פון אָרט.

דער פאָלקאָווניק האָט אויפגעציטערט ווי א בעליידיגטער, האָט ארויסגעכאַפּט פון זיין בוזעמקעשענע דעם טייסטער מיט געלד און האָט אָנגעהויבען שרייען צום קוטשער: „סטאָי! סטאָי!“

דער קוטשער האָט ניט געהערט איבער׳ן ווינד, וועלכער האָט געבלאָזען אנטקעגען...

נור ראַפּאָפּאָרט האָט אויסגעדרעהט דעם קאָפּ.

דער פאַלקאָווניק האָט צו איהם א ווינק געטאָן מיט דעם טייסטער אין דער לופטען.

ראַפּאַפּאָרט האָט מיט פעראכטונג א מאַך געטאָן מיט דער האַנד.

דער שליטען האָט זיך פערקירעוועט אונטער די קאַזאַרמעס און איז פערשוואונדען...

דער פאַלקאָווניק איז נאָך געשטאַנען איינינע מינוטען, אזוי ווי פערזונקען אין א טיעפען נאַכדענקען און האָט זיך גע־לאָזט געהן צום גלעזערנעם גאַניק מיט א געבויגטען קאָפּ, בע־גלייט פון פעלדשער.

5.

און ווידער איז דער שליטען געלאָפען און ארום און ארום איז ווידער אלץ געלעגען איינגעהילט אין פרישען ווייכען שנעע... אזוי אונשולדיג ריין און אזוי ווייס...

פריש און ריין האָט זיך אויך געפיהלט ראַפּאַפּאָרט, אזוי ווי די נשמה זיינע וואָלט ערשט געבאָרען און זיך ערשט גע־טובל'ט אין א פרישען און הייליגען קוואַל...

א לייכטער הונגער געפיהל האָט אָנגעהויבען צו קלעמען זיין הארץ, אָבער דאָס געפיהל איז גראָדע געווען שמערצליך זיס און אזוי אַנגענעהם, אז דאָס לעבען לאַנג וואָלט ער אזוי גע־הונגערט, געפּייניגט זיין גוף מיט אָט דעם זיסען שמערץ...

דער אסקעט אין איהם האָט זיך אזוי געפרעהט!

געפרעהט און גליקליך געוויינט איבער'ן זיעג...

איז דען דאָ א שעהנערעס און זיסערעס אין לעבען ווי זעלבסט־אָפּפער?

מיט וואָס פאַר א פרייד וואָלט ער איצט אומארעמט די גאַנצע שנעע־בעדעקטע, אונשולדיגע ריינע ערד!...

די גאנצע וועלט וואָלט ער איצט אומאַרעמט און געדריקט צו זיין געהיילטער ברוסט, אפילו דעם כוליגאַן־פאַלקאָווניק!

דער וועג צום פאָטער'ס קבר איז שוין געווען אויסגעטראָטען אין טיעפען שנעע.. א גרויסער עולם איז שוין וואָהשיינליך היינט דורכגעגאנגען... דער קבר פון דעם ווייט בעריהמטען רב איז געוואָרען דער שטאָדט נאָך טייערער זייט ער, דער דאָקטאָר, האָט זיך אין איהר בעזעצט...

טייערער איז אויך איהר געוואָרען די אלטע בלינדע רביצין.

דער דאָקטאָר האָט עס געוואוסט און איצט, ביי דעם אַנבליק פון דער טיעף אויסגעטראָטענער סטעזשקע האָט איהם אָנגעכאפט אן אונרוהיגעם געפיהל...

ס'האָט זיך איהם אויסגעוויזען, אז ער האָט די ליעבע אין דעם כבוד ניט פערדיענט, אז ער איז דער שטאָדט נאָך אזוי פיעל שולדיג און מוז נאָך פאר איהר אזוי פיעל טאָן!...

ביי די שטיבלעך, וואו ס'זיינען געלעגען די ראפאפארטס, האָט דער דאָקטאָר שוין קיינעם ניט געטראָפען.

ווייזט אוים שוין געווען שפעט... ראפאָפאָרט האָט ארויסגענומען זיין זייגער און האָט א קוק געטאָן.

באלד 2..

ווי אזוי די צייט איז אזוי שנעל פערלאָפען!

דער הונגער האָט שטארק גענומען זויגען דאָס הארץ...

דאָס הייליגע אָרט אָבער מיט זיינע צווייגרייכע הונדערטיעהריגע בוימער איז געשטאַנען אזוי שעהן פערפוצט אין בליאַסקענדען פרישען שנעע, ס'האָט זיך געגאָסען פון די שטילע חברים אזאַ זיסער טרויער און אזא הייליגע שטומע רוה, אז עס האָט זיך איהם פערוואָלט צונויפגיסען זיך מיט אָט דער טויטער און רוהיגער וועלט, זיך איינהילען אין דעם קאַלטען און ווייסען שנעע און אנשלאָפען ווערען דאָ שטיל און אויף אייביג אנשלאָפען ווערען.

ראפאָפאָרט האָט זיך אָנגעשפאָרט אן אַ אלטען בוים.

א וואָראָנע האָט זיך אויפגעהויבען פון א צווייג, האָט א

קראַקע געטאָן און איז איבערגעפלויגען איבער זיין קאָפּ צו א צווייטען בוים. א שטיק שנעע איז איהם אריינגעפאלען אונ־טער'ן קאָלנער און האָט זיך אָנגעהויבען צו גליטשען אונטער'ן העמד מיט א קאַלטען און שוידערענד זיסען קיצעל...

און ראַפּאָפּאָרט האָט זיך פערטראַכט...

דער פאטער

פערטער קאפיטעל.

1.

דאנקע איז געזעסען איינער אליין ביים פענסטער אין דעם דונקעלען עסצימער און האט געגודיעט...

און געדאנקען דונקעלע, ווי די אוועגד דעמערונג, האבען ווי פליגען בעפאלען זיין אונבעהאלפענעם קינדישען מוח, האבען איהם געפלאגט און אנגעפילט מיט טרויער און אן אונבעשטימטען אנגסט...

מ'האט געקלונגען...

דאס קינד האט זיך אויפגעכאפט ווי א בעפרייטער און איז געלאפען עפענען און אז ער האט דערזעהן דעם פאטער איז ער ארויפגעשפרונגען איהם אויפ'ן האלז און האט אנגעהויבען אזוי שטארק און ליידענשאפטליך צו קושען, אז דער פאטער האט זיך איבערגעשראקען...

אזא ליעבע האט ער פון קינד נאך ניט געזעהן און זיין צוריסענע נשמה האט ווידער אנגעהויבען זיך צוצוהערען, צו שפראנירען... און זיך פלאגען...

— פאפא, פאפא, פאפאטשקא! — האט ניט אויפגעהערט זיך צו לאשטשען דאס קינד

ראפאפארט האט זיך אויסגעטאן און ביידע זיינען אריינגעגאנגען אין עס־צימער.

— איינער אליין ביסטו אין דער פינסטערניש?

— יא, פאפאטשקא! די מאמע איז אוועקגעגאנגען, זינא איז ביי דער שכנה און מיר איז אזוי אומעטיג — האט זיך געקלאגט דאנקע.

דאס ווארט „מאמא" האט א שטאך געטאן ראאפפארט'ן ווי א בייזע פליג. דאנקעס קול־כעל האט אבער אזוי זיס געקלונגען, אזוי געלאסקעט זיין געהער און אזוי געווארעמט דאס הארץ...

דער פאטער האט איהם צערטליך ארומגענומען און האט איהם צוגעדריקט צו זיין ברוסט:

— קינד מיינס, טייערס! איין־איינציגער יורש מיינער! איינער אליין האבען זיי דיר געלאזען? ווי גרויזאם זיי זיינען!

— יא, יא, פאפאטשקע! איך זיץ מיר דא איינער אליין און דענק מיר...

דעם פאטער האט עס ענטציקט...

די טאטשענדע ווערים זיינען אנשוויגען געווארען... אזוי ווי זיי וואלטען זיך איינגעהערט וואס וועט דאס קינד ווייטער זאגען...

— דו זיצסט איינער אליין און דענקסט? ווי שעהן דאס איז געזאגט! גרויסארטיג!... אז איך בין געווען אין דיינע יאהרען בין איך אויך געווען איינזאם... און פלעג מיר דענקען און דענקען... און ווען דו זאלסט וויסען פון וואס איך האב שוין דאן גערענקט! טא! טא!

דאנקע איז ארויפגעקראכען צום פאטער אויף די הענד.

— פון וואס, פאפאטשקא?

— הע, הע, הע! אין דיינע יאהרען בין איך שוין געווען א גאנצער פילאזאף. פארשטעהסט? אז איך בין אלט געווען דרייצעהן יאהר בין איך שוין געווען א תלמוד'יסט... אין דיינע יאהרען האב איך שוין געלערענט מורא נבוכים און דעם כוזרי... יא, ניט אומזיסט האט מען געזאגט, אז איך וועל אויפוואקסען א גאון, א גרויסער רב. און איך האב שטארק, שטארק חרטה, וואס איך בין ניט געווארען קיין רב... איך וואלט מיין פאלק געווען געבראכט א גרעסערען נוצען ווי מיט מיין מעדיצין...

ראפאפארט האט זיך באפרייט פון קינד און האט זיך פאר־קלערט געלאזט שפאנען הין און צוריק איבער'ן דונקעלען צימער.

דאנקע האט איהם פארפאלגט מיט אנגעשטרענגטע אויגען...

אין דער אוועגד־דעמערונג האט דער פאטער איהם אויס־געזעהן אזוי קליין, שוואך און אונבעהאלפען, אזוי מיטליידס־ווערטה...

און נעבען דער קליינער פיגור איז ווידער אויסגעוואקסען דער גרויסער און ברייטפלייציגער אלעקסעי פעטראוויטש... און פונקט ווי אלעקסעי פעטראוויטש וואלט דעם קליינעם ראפאפארט באליידיגט... דאס קינד האט געוואלט גלעטען, טרייסטען דעם פאטער.

— געגוג, פאפא, ארומגעהן... זעץ זיך דא... מיט מיר — האט ער איהם איינגעלאדען צו זיך אויף דער סאפע.

ראפאפארט האט זיך צוגעזעצט, און האט איהם צוגעצויגען צו זיך.

— פון וואס־זשע האסטו געדענקט, דאנקע, בן־יחיד מיינער?

— איז ער דען ניט זיין קינד? ווארום ציהט ער זיך צו איהם אזוי און לאסקעט איהם אזוי היינט? בלאנדזשעט דען די נאטור אויך און טאפט פונקט ווי ער אין דער פינסטערניש פון זיין לעבען? ניין!

— פון וואס האסטו געדענקט? — האט איהם איבערגע־פרעגט ראפאפארט שוין שטרענג און אונגעדולדיג.

— פארוואס, פאפאטשקא, קוקט אזוי אויף מיר אלעקסעי פעטראוויטש?

ראפאפארט'ס הארץ האט זיך אויפגעהערט צו קלאפען... א בליץ האט צוריסען די פינסטערקייט פון זיין לעבען... אט, אט וועט ער ביי דעם בליץ דערזעהען, וואס טהוט זיך דארט... אין דעם שרעקליכען אבגרונד... ער האט דאס קינד ארויסגע־לאזט פון די הענד...

— ווי אזוי קוקט ער אויף דיר?

דער קלאנג פון פאטער'ס שטימע האט איבערגעשראקען דאס קינד און ער האט זיך אבגעווענדעט...

— אזוי... דערהווידערליך... נו, אזוי ווי דו קוקסט אויף מיר... בר־ר! ווי איך קען דאס ניט ליידען, פאפאטשקא! א לאנגע, שרעקליכע פויזע...

— דערנאך האב איך געדענקט... פאפא! גאט האט א ווייב?

דער פאטער ענטפערט ניט... אזוי ווי דער אבגרונד וואלט איהם שוין פערשלונגען. דאס קינד האט איהם אנגעהויבען צו מינטערען.

— פאפא! גאט האט א ווייב? א? ענטפער מיר, פאפא!

— אך, דער רוח ווייסט וואס דו פרעגסט!

ראפאפארט איז אויפגעשפרונגען און האט ווידער אנגע־הויבען לויפען איבער'ן דונקעלען צימער...

— וואס? גאט האט גארניט קיין ווייב? — האט ענ־טוישט אויסגערופען דאס קינד.

— אך, ווי דום דו ביסט! — האט ראפאפארט א קריץ געטאן דערביי מיט די צייהן...

— קען דען א ראפאפארט זיין אזוי דום, אזוי פער־שטאפט?

— זאג, אלעקסעי פעטראוויטש געפעלט דיר? — און זיין שטימע האט זיך אבגעבראכען אין דער אוועגד־דעמערונג, ווי א ווארנונג, ווי א דראהונג...

דאס קינד איז פארציטערט געווארען...

— פוי, ער געפעלט מיר ניט... איך האב איהם פיינד! — האט ער געענטפערט שנעל, ווי איילענדיג.

ראפאפארט האט זיך אנגעכאפט אן דעם ווי אן א ווער־צעל וואס שטעקט אין א פעלז ביים אבגרונד: אט וועט ער צוריק ארויסקריכען...

— ער געפעלט דיר ניט? פאר וואס־זשע געפעלט ער דיר ניט? — און מיט זיינע פיעבעריגע בליקען האט ער אנגע־אנגעהויבען צו טאפען אין דער פינסטערניש דעם קינד'ס גע־זיכטסציגע.

— אזוי, ער געפעלט מיר ניט... ווער איז ער, דער אלעק־סעי פעטראוויטש? אויך א פאלקאווניק?

— ניין, ניין, א וואיענער דאקטאר — האט געענטפערט ראפאפארט פיעבערהאפט.

— פאַר וואָס־זשע זאָגט ער דער מאַמען „דו“ און רופט זי סאַניטשקאַ?

— ווייל זיי זיינען געוואַקסען צוזאַמען און קענען זיך פון קינדווייז אָן.

— אין מאָסקווע? ביי דער באַבושקאַ? פאַר וואָס־זשע זאָגט ער זי „דו“?

— מיר האָבען שטודירט צוזאַמען אין פעטערסבורג, אין דער מעדיצינישער אַקאַדעמיע.

— און דיר געפעלט ער, פאַפאַ? ער איז ניט קיין כוליגאַן?

— ווער ווייסט וואָס ביי איהם אין האַרצען איז... ריידען רעדט ער שעהן, זיס...

— ניין, ניין, איך וועל איהם בעסער פערלוימדען — האָט אַ טראַכט געטאָן ראַפּאַפּאָרט. איך וועל נאָך דאָס אויספּרובירען...

— ער איז מסתמא ווי זיי אַלע... יאָ, יאָ, אָהן צווייפעל. אַ כוליגאַן, אַ פּאָגראָמסטשיק.

און דאַני רעאַגירט ניט דאַרויף, פאַרטיידיגט איהם ניט...

און ער היינגט ווידער איבער אַן אַבגרונד! ניט אַהין און ניט אַהער...

אַ קאַלטער שוויים האָט באַדעקט זיין לייב.

— ער מוז אָנצינדען ליכט... ביים ליכט, וועט ער זעהן וואו ער איז אין דער וועלט.

און ראַפּאַפּאָרט האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אָנצינדען דעם לאָמפּ.

דאַנקע האָט אָבער אָנגעהויבען אַזוי שטאַרק צו פּראָטעסטירען, אַזוי ווי דאָס ליכט וואָלט געווען פאַר איהם די גרעסטע געפאַהר.

— ניין, ניין, מ׳דאַרף ניט! מ׳דאַרף ניט! איך וויל ניט!

— וואָרום? וואָרום? — האָט געשריען דער פאָטער פאַר׳ן אַבגרונד אין אַ טויט־שוויים...

— מיר וועלען בעסער זיצען אין דער פינסטער און אַזוי

שמועסן. איך האב אזוי ליעב מיט דיר צו זיצען און הערען ווי דו רעדסט. אך, פאפאטשקא! — האט זיך געבעטען דאס קינד.

ראפאפארט האט באפרייט אויפגעאטעמט, איז צוגעפאלען צו איהם אויף דער סאפע און האט איהם גענומען אזוי שטארק לאסקען און קושען!...

— דו האט עס ליעב? מאלאדיעץ! מאלאדיעץ! בן־יחיד! קינד! אייגען קינד! איך זעה, אז פון דיר וועט אויסוואקסען א ריכטיגער ראפאפארט! א טיף פיהלענדער און טיעף־דענקענדער מענש... יא, ביזט א ראפאפארט! אן עכטער, אמת'ער ראפאפארט! קיין צווייפעל! קיין צווייפעל מעהר! איך פלעג אויך ליעב האבען די פינסטערניש אין אווענד... די גערדאנקען צושפרייטען זיך דאן ברייט, ברייט אין אלע זייטען, אונגעשטערט פון דער עקעלהאפטער ווירקליכ־קייט... בעזאנדערס פלעג איך ליעב האבען אין מיין קינדהייט די שבת־צו־נאכטיגע פינסטערקייט... ליכט ווערען שפעט אנ־געצונדען... ארום און ארום איז פינסטער און דער הייליגער שבת, קעמפפט מיט דער פינסטערניש, מיט דעם אנקומענדער וועכענטליכקייט.. טרעט איהר אב ביסלעכווייז דעם פלאץ.. געהט אוועק... געזעגענט זיך און ס'איז אזוי שווער זיך אומצוקעהרען צו דעם וואכעדיגען לעבען — האט גערעדט דער פאטער אין א קראנקען עקסטאז, ווי אין פיעבער.

פלוצים איז דאנקע פון איהם אבגעשפרונגען.

— פאפא! דו האסט זיך פערגעסען צו דיזענפעקצירען און דו האסט מיך ארומגענומען.

— ניין, איך האב ניט פערגעסען, מיין קינד. איך האב מיך ביים פאלקאווניק דיזענפעקצירט.

די אויסגעלאשענע געשיכטע מיט דער אפעראציע האט ווידער אויפגעלויכטען אין זיין מח... א שטראם פון ליכט און גליק האט ווידער פערפלייצט זיין נשמה.

— יא, איך האב דיר פערגעסען צו דערצעהלען א וויכטיגע

זאך, מיין קינד! איך האב דאך דעם פאלקאווניק׳ם אינגעל געמאכט אן אפעראציע.

— אין האלז? — האט געפרעגט דאניע.

יא, אין האלז... צוזאמען אט מיט דעם אלעקסעי פעט־ראוויטש האבען מיר איהם געעפענט דעם האלז און אויס־געשניטען דעם דיפטעריט; פלוצים האט דאס רעריל וואס מיר האבען איהם אריינגעשטעלט געפלאצט, קיין אנדער רעריל אונטער׳ן האנד איז ניט געווען אוןווארטען האט מען קיין מינוט ניט געקענט... וואס־זשע האב איך געטאן? ניט לאנג טראכטענדיג האב איך מיך אנגעבויגען, האב אויסגעזויגען די גאנצע פאסקודסטווע מיט די ליפען און האב עס אויסגע־שפיגען...

— דיפטעריט? פי, ווי עקעלהאפט! — האט אויסגע־שריען דאס קינד און איז אבגעשפרונגען פון פאטער אין שרעק.

— וויניג וואס איז עקעלהאפט, מיין קינד! עס איז נאך צום טייוועל זעהר געפעהרליך. ס׳איז דאך גיפט... אמת׳ער גיפט.

ער האט אבער באלד רחמנות געקראגען מיט׳ן קינדס אנגסט און שרעק און האט זיך גענומען איהם טרייסטען און בערוהיגען!

גאט מיינער! און דו קענסט דערפון שטארבען? האט אין גרויסער אנגסט געבראכען דאנקע די הענטלעך.

דאס לעבען איז איהם פלוצים טייער געווארען... צוליעב דעם קינד... צוליעב זיין קינד... ער איז דאך זיין קינד!... ברעכט ער דען ניט די הענד אין אנגסט פאר זיין לעבען? איז דען דאס ניט די שטימע פון דער נאטור, וועלכע שרייט צו איהם, אז ער זאל אבטרייבען פון איהם די וואהנזיניגע גע־דאנקען? ניין! ניין! ער לאזט זיי מעהר ניט אריין אין מח...

ראפאפארט האט ווידער שטארק צוגעדריקט דאס קינד

צו זיין ברוסט אזוי ווי ער וואלט געוואלט מיט איהם זיך פאר־באריקאדירען, פארשטעלען פאר די געדאנקען.

— שרעק זיך ניט מיין קינד! גאט וועט מיר העלפען און עס וועט אפלויפען בשלום. — און ראפאפארט האט זיך געלאזט לויפען מיט זיינע נערוועזע טריט איבער'ן דונקעלען צימער.— ניין! ניין! איך האב אויף מיין טהאט קיין חרטה ניט! — האט ער געשריען. — פערקעהרט! איך בין העכסט צופרידען און קיינמאל איז מיר ניט געווען אזוי גוט און אזוי ליכטיג אין מיין נשמה ווי איצט! יא, ס'איז א העלדענטהאט, מיין זון! אבער א נויטיגע העלדענטהאט. דער פאלקאווניק איז א כוליגאן און א פאגראמשטשיק. איבעראל און תמיד שמוצט ער און טרעט מיט די פיס דעם אידישען נאמען און דו, מיין קינד, וואלסט בעדארפט זעהען זייער איבערראשונג. זיי אלע, אפילו דער אלעקסעי פעטראוויטש, זיינען געווען בלייך ווי דער טויט... דאס וועט זיין אן עפעקט! אלע צייטונגען וועלען מארגען ריידען פון דעם אידישען דאקטאר, פון אט דעם זשיד, וועלכער האט מיט זיין העלדענטהאט גערעטעט דאס לעבען פון א קריסטליך קינד. יא, מיין זוהן דניאל! דער אידישער נאמען וועט דורך דעם געהויבען ווערען! דאס איז געווען א פאטש! כא, כא, כא, דער פאלקאווניק וועט ערשט שפעטער פערשטעהן דעם זין פון דעם פאטש... פון דער בע־ליידיגונג... כא, כא, כא.

אין דעם פאלשטענדיג דונקעלען צימער האט דאס קליין ארומלויפענדע און ווילד לאכענדעס אידעל שוין אויסגעזעהען ווי געשפענסט פון די פארמוטשעטע אנוסים וואס איז געקומען פון יענער וועלט צו זיי... צו די די גוים נאך נקמה...

— און איך האף מיין קינד — האט ראפאפארט פארטגע־זעצט — אז דו וועסט זיך אין לעבען אויך אזוי אויפפיהרען, ווי א ריכטיגער ראפאפארט... דו וועסט אויך טראגען דיין אידישען קאפ הויך און שטאלץ און וועסט מיט דיינע מעשיב

ברייננגען דעם אידישען פאָלק עהרע און רוהם. — האָט איז א וואהנזיניגער פרייד געקווויטשעט ראַפאַפּאָרט.

— יא, יא פאַפּעטשקע! איך וויל אויך זיין א דאָקטאָר און וועל אויך טרינקען דעם עקעלהאַפטען דיפטעריט מיט די ליפּען. א יא, פּאַפּאַטשקע? — האָט זיך באַגייסטער דאַנקע און האָט זיך גענומען לויפען נעבען דעם פאָטער איבער׳ן עס־צימער.

— ניין, מיר געפעהלט, אז דו וועסט גיכער זיין א היס־טאָריקער, א פילאָלאָג. יא, יא, אזוי ווייזט זיך מיר אויס. דו וועסט זיך אין דעם פאַך אויסצייכנען.

— ניין, איך וויל ניט. איך וויל בעסער זיין א דאָק־טאָר — האָט זיך דאַנקע גע׳עקשנ׳ט.

— יא, מיר וועלען שוין זעהען. דו וועסט ווערען דאָס וואָס דו וועסט וועלען. לויט דיינע פעהיגקייטען און נייגונגען. נייטען וועל איך דיר ניט... אין דיזען הינזיכט... קענסטו שוין רוהיג און זיכער זיין... וואָס דו זאָלסט דאָרט ניט זיין אין לעבען... איינס גלויב איך, אז דו וועסט דער משפחה ראַפּאַ־פּאָרט און דעם אידישען פאָלק קיין אומ׳כבוד ניט ברייננגען, דו וועסט זיין דער ווירדיגער זוהן פון דיין פאָטער, ווייטער בע־רעכע נור וואָס פאַר א נאָמען דו טראָגסט... דניאל! דער נביא דניאל! כאַ, כאַ, כאַ, וואָס פאַר א שעהנער און קלינ־גענדער נאָמען... איך האָב דיר בכיון געגעבען אזא גרויסען נאָמען... — האָט געפלאַקערט דער דאָקטאָר אין זיין פיבער־האַפטען קראַנקען עקסטאַז. — אה, אזא נאָמען פערפליכטעט דיר צו גרויסע זאכען!

ער איז מיעד געוואָרען אַרומלויפען און האָט זיך צוגע־זעצט אויף דער סאָפע און ווידער צו זיך צוגעצויגען דאָס קינד.

— ווייסטו מיין קינד, אז איך האָב שוין געשפּאָרט אויף דיין נאָמען אין באַנק 20,135 רובל? פערשטעהסט? 20,135 רובל! און ווי שווער איז דאָס מיר אָנגעקומען! איך האָב מיר פון אַלעס ענטזאָגט. איך האָב אויפגעהערט צו רויכערען און

טרינק ניט קיין זיסע טהעע, און זשאַלעווע דיין מאַמען אַ פּאָר נייע שיך. דיין מאַמע האַלט מיך פאַר אַ קמצן. וואָס פאַר אַ טעות זי האָט, דיין מאַמע! דיין מוטער פאַרשטעהט מיך איבערהויפּט ניט און גיט זיך אַפילו קיין מיה ניט מיך צו פערשטעהן, דו אָבער, בן־יחיד מיינער, וועסט מיך פערשטעהן. אַ יאַ?

— יאָ, יאָ, פּאַפּאַטשקע! איך וועל דיך תמיד פערשטעהן! — האָט איהם געגלעט און געלאַסקעט דאָס קינד.

— דיין מאַמע מיינט, אַז איך קלייב געלד פון קאַרגקייט, אויס ליעבע צו געלד. ס'הויבט זיך גאָר ניט אָן! ווער האָט נאָך אַזוי פיינד געלד ווי איך? איך קלייב דאָס געלד פון דיינטוועגען, פאַר מיין איינציגען זוהן. אַז איך וועל אָנקלייבען 30,000 רובל וועסטו זיין אויף דיין גאַנצעס לעבען פערזאָרגט, און דו וועסט זיך קענען פאַרבערייטען צו דיין לעבענס בערוף. איך וועל דיר דאַן אוועקפיהרען קיין דייטשלאַנד און דיר אריינגעבען אין אַ גוטע אידישע גימנאַזיע.

— דו האָסט דאָך אָבער, פּאַפּאַ, געזאָגט קיין יפו? — האָט זיך אָנגערופען דאַנקע זיך שפּיעלענדיג מיט דעם פּאַטערס באָאָרד.

— ס'קען זיין קיין יפו. מיר וועלען שוין זעהען. קיין יפו אָדער קיין פראַנקפורט אַם מיין. ניין, גיכער קיין דייטשלאַנד — האָט בעשלאָסען דער פאָטער. — אַ גרינדליכע בילדונג קען מען נאָר ביי די דייטשען קריגען. ווייטער האָב איך נאָך אַז אַנדער געדאַנק. דאָרט וועל איך קענען ענדיגען מיין גרויס בוך.

— וועלכען? דעם דיקען?

— יאָ, יאָ! די פּסיכאָלאָגיע פון אידישען פאָלק. דאָס וועט מיר געבען אַ נאָמען און געלד. גאָר אַ גרויסען נאָמען! דערנאָך וועל איך זיך אומקעהרען צו מיין מעדיציז. אפשר וועט מיר געלינגען ווידער צו קריגען אַ פּראָפעסאָר־שטול אין דייטשלאַנד אָדער אין דער שווייץ. דערווייל וועסטו ענדיגען

דאס גימנאזיאום און אריין אין אוניווערזיטעט. דו וועסט שטודירען און איך וועל שטודירען. אז מיר וועלען זיין פער־זארגט וועלען מיר דאס גאנצע לעבען קענען אזוי שטודירען. און אויב דו וועסט אויסקלייבען מיינע וויסענשאפטען, וועלען מיר דאן צוזאמען שטודירען, צוזאמען ארבייטען. דער פאטער און דער זוהן. כא, כא, כא! צוזאמען שרייבען, פאלעמיזירען איינער מיט דעם צווייטען. — דער פאטער און דער זוהן. כא, כא, כא!

— פולוועזירען? וואס הייסט פולוועזירען, פאפא?

— ניט פולוועזירען, נור פאלעמיזירען... דאס הייסט, למשל, זיך קריגען...

— זיך קריגען? מיט א טאטען זיך קריגען? — האט געשטוינט דאס קינד.

— ניין! ניט זיך קריגען, נור ניט מסכים זיין... און ווי שעהן! ווי עהרליך דאס וועט זיין! ראפאפארט דער פאטער וועט זאגען אזוי, וועט קומען דער יונגער ראפאפארט, ראפא־פארט־זוהן, און וועט זאגען: „פארדאן, פאפא! דו האסט ניט רעכט. ס'איז פונקט פארקעהרט.“ און וועט דעם פאפא זיינעם צוקלאפען אויף ברעקלאך. כא, כא, כא! דאס וועט זיין א שפאס! א געטליכער שפאס. כא, כא, כא.

— דו ביסט דאך עלטער, פאפא! מעג מען דען אזוי?

— אין וויסענשאפט, מיין קינד איז ניטא קיין עלטערם... קומט אזא יונגער צאציק... דאס מילך איז נאך ביי איהם אויף די ליפען, און נעהמט אז אלטען פראפעסאר, הויבט איהם אויף אין דער לופטען... טראך, טאראראך... גיט איהם א שליידער אין ד'ערד און צושמעטערט איהם אויף ברעקלאך... פאר־שטעהסט?

און ראפאפארט איז אזוי ענטציקט געווארען פון דעם געדאנק, ווי אזוי זיין זוהן וועט איהם, דעם אלטען פראפעסאר, אויפהויבען אין דער לופטען און — וועט איהם צושמעטערען

אויף שטיקלאך, אז ער איז ווידער אויפגעשפרונגען פון דער סאפע און איז אריינגעפאלען אין נאך א ווילדערען עקסטאז:

— אך. דאנקע! דאנקע! דאניאל דער נביא! מיר וועלען עס לעבען א גוטען טאג מיט דיר! מיר וועלען אוועק־ווארפען דאס כוליגאנסקע לאנד און זיך באזעצען אין היידעל־בערג... פארשטעהסט וואס דאס באדייטעט? היידעלבערג! היידעלבערג! די שטאדט פון גרויסע מוחות און גרויסע פילא־סאפען! ראפאפארט פאטער און ראפאפארט זוהן! פונקט אזוי ווי דיומא פאטער און דיומא זוהן! ווי הערליך! ווי שעהן! — איז געשפרונגען דאס קליין אידעל ווי א פרומער איד אין אן ענטציקטער און אונבעוואוסטער קדושה, ביז ער האט אין מיטען דעם רעליגעזען עקסטאז, אויסגעבראכען אין א געוויין..

— וואס־זשע וויינסטו, פאפאטשקא? וויין ניט!

דאס קליין קינדערש הערציל האט זיך צוזאמענגעקלעמט פון דעם געוויין... אזוי אונהיימליך איז דאס געווען... אין דער דונקעלהייט...

— גאר נישט... גאר נישט, מיין קינד! מיר איז גוט... מיר איז איצט אזוי גוט... — האט פערזיכערט דאס גרויסע קינד דאס קלענערע, בליאסקענדיג אויף איהם אין דער פינסטערניש מיט זיינע צוויי שווארצע אויגען ווי מיט צוויי גרויסע דימענ־טען.

— פאר וואס־זשע וויינסטו? וויין ניט פאפא! — האט זיך געבעטען דאס קליינע קינד מיט טרעהרען אין זיין קליי־נענדער שטימע.

— פון פרייד... פון פרייד וויין איך, מיין קינד!

— און דו האסט זיך ניט פארגיפטינגט מיט דעם דיפ־טעריט? — האט געפרעגט דאנקע און האט ווידער געציטערט פון אנגסט.

— ס'מאכט מיר ניט קאליע... דאן וועט וועט מיין העל־דענטאט זיין נאך שעהנער און גרעסער...

— איך וויל ניט... איך וויל ניט אז דו זאלסט שטארבען!
— האט זיך היסטעריש צוגעוויינט דאס קינד.
— אך! ווי גליקליך ער איז... ווי א באלזאם גיסען זיך זיין קינדס טרעהרען אויף זיינע אלטע וואונדען... אזוי קיהל... אזוי היילענד פריש...

און ער דריקט איהם ווידער צו זיין ברוסט... אזוי שטארק,ליידענשאפטליך שטארק... קיין מאל איז איהם זיין לעבען ניט געווען אזוי טייער... קיין מאל איז ער ניט געווען אזוי לעבענס־דורשטיג ווי איצט!

פאר וואס זאל איך שטארבען? ניין מיין קינד! מיר דארפען נאך פיעל אויפטאן אין לעבען... אה, אה, אה! וואס מיר וועלען נאך צוזאמען אויפטאן!

— וועסטו ניט שטארבען? — האט זיך געקלעמט אין איהם דאנקע.

— געוויס ניט. ווער וועט דיך דאן ערציהען, אז איך וועל שטארבען? איך דארף צוליעב דיר לעבען... אייגענטליך לעב איך דאך צוליעב דיר — האט היסטעריש געשריען דער פאטער, אזוי ווי א גרויזאמע אונזעהבארע האנט וואלט געוואלט ביי איהם ארויסרייסען אט דאס קינד, זיין נשמה.

— ווען ניט מיין קינד, וואס טויג מיר מיין לעבען? וואס האט מיר מיין לעבען געגעבען?

און ביידע וויינען...

אומארעמט און געקלעמט איינער צום צווייטען, צוזאמענגעגאסען אין דער אבענד־דונקעלהייט אין איין שטיק לעבען. אין איין לעבענס אטעם שטעהען זיי, פאטער און קינד, און וויינען...

— פון פרייד? אדער פון אנגסט?

— נו, געגנוג! הער אויף, מיין קינד! רעג מיך ניט אויף: איך בין אהן דיר גענוג אויפגערעגט...

און ראפאפארט לאזט זיך ערשעפט ארונטער אויף דער סאפע...

דאָס קלינגען פון גלעקעל האָט פּלוצים אונטערבראָכען ראַפּאַפּאָרטס טרוימען.

און אַלעס ווערט אויסגעלאָשען, דער טרויעריג זיסער עקסטאַז, די אַנגסט, די שמערצליכע פרייד... דער גאַנצער קראַנקער היסטערישער פלאַם פון זיין נשמה!

די נשמה איז צוריק פינסטער ווי דאָס צימער אין דער אבענד דעמערונג!....

— געה עפען זיי, מיין קינד! איך געה צו זיך אין קאַבינעט אריין און וועל זיך צולייגען אביסעל. זאָלען זיי מיך ניט שטערען.

דאַנקע איז געלאָפען עפענען. ראַפּאַפּאָרט איז אריינגעגאַנגען צו זיך איז קאַבינעט אריין.

— איך געה, פּאַפּאַטשקאַ!... איך וועל ניט לאָזען דיך שטערען!...

2.

— דו זיצט גאָר אַליין אין דער פינסטער? וואו איז זינאַ? — האָט געפרעגט מאַדאַם ראַפּאַפּאָרט מיט אַ בייזער און קאַלטער שטימע.

— זינאַ איז ביי דער שכנה... דער פּאַפּאַ ליעגט אין קאַבינעט — האָט געענטפערט דאַנקע.

סאָפיאַ האָט זיך גענומען אָנצינדען דעם לאָמפּ.

— דער משוגענער פּאַפּאַ ליגט שוין? ווי געפעלט עס דיר, אַלעקסעי פּעטראָוויטש? — האָט זי זיך געווענדעט צו סאַקאַלאָוו'ן, וועלכער האָט איהר אויפ'ן וועג דערצעהלט די גאַנצע געשיכטע מיט דער אָפּעראַציע.

— ביזט אַליין אַ משוגענער! — האָט איהר דערויף געענטפערט דאַנקע.

שווייג דו, ניעגאָדאַי! — האָט אַ טופּע געטאָן אויף איהם

סאפיא — ס'איז דיין גליק וואס איך האלט דעם לאמפ אין האנד. איך וואלט דיר געוויזען ווי אזוי צו זיין פרעך געגעז א מוטער.

— פאר וואס־זשע זאגסטו, אז מיין פאפא איז א משוגע־נער? — האט זיך אנגענומען דאס קינד פאר'ן פאטער.

— וואס זשע, ער איז אפשר ניט קיין משוגענער?

יא, א משוגענער! דו גיבסט דאך זיך אפילו ניט קיין מיה צו פארשטעהן מיין פאפא. מ'דארף דאך איהם פאר־שטעהן.

די מוטער האט אנגעשטעלט מויל און אויערען...

— וואס? וואס? ווי געפעלט עס דיר, אלעקסעי פעטראוויטש?

— יא, מיר געפעלט עס זעהר! האט זיך אנגערופען איי־פערזיכטיג סאקאלאוו צווישען די צייהן.

— ווער האט דיר אויסגעלערענט? — האט סאפיא ביין געפרעגט.

דאנקע האט אריינגעלעגט שטאלץ די הענד אין די קע־שענים.

— מ'דארף מיך ניט לערנען... איך פערשטעה אליין... איך בין שוין ניט קיין קינד...

— דאס האט דיר געוויס דער פאפא געזאגט? וואו איז ער דער פאפא דיינער? — און די קריעגס־לוסטיגע מוטער האט זיך געלאזט געהן אין קאבינעט אריין... דאנקע האט איהר פערשטעלט דעם וועג...

— דער פאפא האט זיך צוגעלייגט... און איך וועל קיינעם ניט ערלויבען איהם צו בעאונרוהיגען — האט געזאגט דאנקע פעסט און ענטשלאסען און האט זיך געשטעלט צו דער טהיר מיט די פלייצעס.

— לאז דו!...

די מוטער האט איהם אבגעשטויסען.

— ניין, איך וועל ניט לאזען! — האט זיך געאמפערט דאנקע.

— אך, לאז איהם דארט... זאל ער זיך דארט ליגען — האט זיך אנגערופען מיט פעראכטונג און פערדרוס אלעקסעי פעטראוויטש און האט זיך געווענדעט צום קינד מיט אן איי־פערזיכטיגען טאן.

— אזוי האסטו ליעב דיין פאפא ?

— געוויס האב איך איהם ליעב און וועל איהם תמיד, תמיד פארשטעהן... דו פארשטעהסט איהם ניט און איך יא ! — האט זיך בעריהמט דאנקע.

— דו זעהסט ווי אזוי ער העצט דאס קינד געגען מיר ?... ער טהוט עס סיסטעמאטיש... סיסטעמאטיש פערגיפטעט ער איהם און רייסט איהם פון מיר אפ !

— איהרע אויגען האבען בייז און אייפערזיכטיג גע־פינקעלט.

— נייז, דאס קינד וועט ער גאנץ פערקריפלען און רו־אינירען — און אלעקסעי פעטראוויטש האט גענומען אויפ־גערעגט שפאנען היז און צוריק און קלינגען מיט די שפארען...

— געוויס, געוויס, איך זאג עס פון לאנג... וואס־זשע טהוט מען ?

— וואס מ'טהוט ? דאס קינד דארפסטו פון איהם צו־נעמען און אוועקשיקען אין מאסקווע צו דיין מוטער און איהם ארייגעבען אין א רוסישער גימנאזיע... דער אינגעל דארף צו ערשט קריגען אן אלגעמיינע מענשליכע און נאך דעם א רוסישע ערציהונג. ווייל מיר לעבען אין רוסלאנד און זיינען רוסישע.

— און ווייטער — שלאגען ? ווער שלאגט עס א קינד ? וואס איז א קינד שולדיג ? — האט סאקאלאוו געפרואווט פארענטפערען ביי זיך אליין מיט אן הומאניטארישען צוועק זיין טייוועלשען פלאן : ארויסצוכאפען דאס קינד פון האפא־פארטס האנד.

דער פלאן האט זי אבער ווידער אבגעשראקען... פון דעם איז זי נאך געווען גאנץ וועיט...

— פּאַלאַזשים, ער האָט איהם גראָד געגוג ליעב — האָט זי געפּרואווט פאַרענטפערען איהר מאַן...

— ליעבע... שעהנע ליעבע! וועט מען אין גאַנץ רוס־לאַנד געפינען אַזאַ דאָקטאָר אָדער איבערהויפּט אַ אידישען אינטעליגענט, וועלכער זאָל ערציהען זיין קינד ביי אַזאַ שמוציגען פאַנאַטישען מלמד? ס'איז דאָך אַ שאַנדע... אַן עקעל... ניין, איך קען דאָס ניט ערלויבען... איך מוז מיט איהם באַלד דאַריבער ריידען...

סאָפיא איז פערציטערט געוואָרען.

— גאָט איז מיט דיר, אַלעקסעי פּעטראָוויטש! לאָז איהם צורוה, איך וועל שוין אַליין מיט איהם ריידען... וואָס הער איך איהם! איך וועל נעמען דאָס קינד און אוועקפאָהרען קיין מאָסקווע... נאָך היינטיגע וואָך! הערסט? — האָט זי געסטראַשעט דאַנקען און האָט אַליין ניט געגלויבט אין איהר סטראַשונעק...

— איזווינִיטע פּאַזשאַלוסטאַ! איך וויל מיט אייך, מאַמאַ, קיין מאָסקווע ניט פאָהרען...

— וואָס־זשע? אָט אין דעם חדר... צוזאַמען מיט די אַלע אָבגעריסענע, שמוציגע זשידינאַטיעס וועסטו זיך ערציהען?

— איזווינִיטיע פּאַזשאַלוסטאַ! איך פּראָטעסטיר! צו־ערשט זיינען זיי ניט קיין זשידיניאָטעס נאָר אידען... צווייטענס פאָהר איך מיט דעם טאַטען קיין דייטשלאַנד אין דער שטאָדט פראַנקפורט, אָט וואָס! ער וועט מיך דאָרט אָפּגעבען אין אַ אידישער גימנאַזיע, איך וועל דאָרט לערנען און פּאַפּאַ וועט שרייבען זיין בוך: „די פּסיכאָלאָגיע פון אידישען פאָלק“. ווען ער וועט אָנשרייבען דעם בוך וועט מען איהם געבען אַ סך געלד, ווייל עס וועט זיין אַזוי־אַ דיק און מ'וועט שרייבען פון פּאַפּאַ אין אַלע צייטונגען און אַז איך וועל ענדיגען די גימ־נאַזיע וועל איך פאָהרען קיין הײדעלבערג, איך וועל אריין אין אוניווערזיטעט, פּאַפּאַ וועט ווערען אַ גרויסער פּראָפעסאָר... מיר וועלען האָבען 30,000 רובעל... מיר וועלען זיין רייך און

צוזאַמען שטודירען: מיר וועלען צוזאַמען שרייבען נאָך אַזאַ דיק בוך און איך און פּאַפּאַ וועלעןביידע פּולוועזירען — האָט אַרויסגעשאָסען מיט האַסט דאַנקע אַלעס וואָס ראַפּאַ־פּאָרט האָט איהם איינגערעדט.

סאַקאַלוו און די מוטער האָבען זיך האַרצליך צולאַכט.

— וואָס ווערסטו מיט דעם פּאַפּאַ? — האָט איהם איצער־געפרעגט די מוטער. דאַנקע האָט זיך באַליידיגט וואָרום זיי לאַכען פון איהם.

— אַך, געה דיר! — און ער האָט זיך אויסגעדרעהט צו זיי מיט פערדרוס מיט די פּלייצעס.

— דו מיינסט געווים פּאַלעמיזירען? — האָט איהם פאַרריכט אַלעקסעי פּעטראָוויטש.

— געהט אייך! ס'איז ניט אייער געשעפט! — האָט אויף איהם געשריען דאַנקע... ער האָט זיך אָבער ניט געקענט איינהאַלטען און האָט אָנגעהויבען ווייטער אַרויסצורעדען פון זיך:

— איך וועל זיין ראַפּאַפּאָרט זוהן און פּאַפּאַ וועט זיין ראַפּאַפּאָרט פאָטער... פּאַפּאַ וועט זאָגען אַזוי, וועל איך זאָגען: ניין, פּאַפּאַ, שאַליש! פּאַרקערט... איך בין מיט דיר ניט איינשטימיג — האָט זיך בעריהמט דאַנקע מיט די הענד אין די קעשענעס, ווי אַ גרויסער מאַן.

— מעג מען אַזוי זאָגען אַ פּאַפּאַ? — האָט איהם גע־שטראָפט די מאַמאַ.

— נישקשה... פּאַפּאַ זאָגט מע מעג...

די נאַאיוויטעט פון קינד איז געווען אַזוי זיס, זיין קול האָט אַזוי ענטציקט געקלונגען, אַז סאַקאָלאָוו איז צוגעלאָפען, האָט איהם אַרויפגעכאַפּט אויף די הענד און האָט איהם אָנגע־הויבען ליידענשאַפטליך צו קושען.

דאַנקע האָט זיך אָנגעהויבען צו רייסען פון זיינע הענד.

— געהט אייך!... געהט אייך!... איך האָב אייך ניט ליעב — האָט ער היסטעריש געשריען

אַלעקסעי פּעטראָוויטש האָט איהם בעטריעבט אראָפּגע־לאָזט אויף ד'רערד.

— פאר וואָס? איך געפעהל דיר ניט? — האָט ער איהם געפרעגט איינפערזיכטיג און געקרענקט.

— ניין! — האָט געזאָגט דאנקע און איז אַבגעגאַנגען צוריק צו דער טהיר פון קאַבינעט.

— דאַרף מען ניט! — האָט זיך אַנגערופען סאַקאַלאָוו שטאַרק בעליידיגט.

סאָפיען האָט עס שטאַרק פערדראָסען.

— אַז אמת'ער גראַמאָפאָן! דו, דו, העפליכער אַבי־סעל!...

— ראַפּאַפּאָרט פאָטער רעדט און ראַפּאַפּאָרט זוהן רעדט איהם נאָך ווי אַ גראַמאָפאָן — האָט זיך כלומרשט געבייזערט סאָפיא.

— גראַמאָפאָן! גראַמאָפאָן! — האָט זיך נאַכגעקרימט דאָס קינד — און ווער ביסטו? אַ מאָסקוווער קאַצאַפּקע!

— שווייג, דאַנע! הערסט? זאָגסט וועסטו קריגען! — האָט געשריען סאָפיא און האָט אויפגעהויבען אויף איהם די האַנד.

אַלעקסעי פּעטראָוויטש האָט זי געכאַפּט ביי דער האַנד און זי אַבגעפיהרט פון קינד.

— דיין גליק איז איצט, וואָס אַלעקסעי פּעטראָוויטש איז דאָ!...

—און מיין פּאַפּאַ וועלען אַלע צייטונגען מאָרגען לויבען — האָט ווייטער געפּלאַפּעלט דאַנקע.

— פאר וואָס? — האָט איהם געפרעגט סאַקאַלאָוו.

— פאר דער אָפּעראַציע, איך וועל אויך שטודירען אויף אַ דאָקטאָר און וועל אויף טרינקען דיפּטעריט מיט די ליפּען — האָט זיך בערימט דאַנקע און האָט דאַביי אַ ציטער געטהאָן פון עקעל...

אין סאקאלאוו׳ען האט זיך אנגעצונדען א פייער, די גאנצע גוי׳שע רציחה זיינע...

— פו! דו זעהסט, אז איך האב רעכט געהאט?... די גאנצע העלדישקייט זיינע... אלע זיינע העלדענטהאטען ווערען נור צוליעב פאפולאריטעט געטהאן, כדי די צייטונגען זאלען פון איהם ריידען... און איך בין ניט אבגענייגט צו צולאזען, אז אויך צוליעב געשעפטס־רעקלאמע... יא, דאס איז דאס! — האט ער פארגעווארפען סאפיא׳ן.

סאפיא האט זיך דערפיהלט שולדיג.

— ווארט אויס, דו פלוידער זאק! איך וועל דיר שוין בע־צאהלען! — האט זי מיט כעס געסטראשעט דאס קינד.

— וואס איז דאס קינד שולדיג? מ׳האט איהם דערצעלט רעדט ער נאך... אזוי האט ער זיך אויך אין דער מלחמה אויפ־געפיהרט. געקראכען אין אלע געפאהרען, געצייגט אונייטיגע העלדישקייטען, אבי מ׳זאל נאר פון איהם ריידען. און דאס ליעגט אין דעם בלוט פון אייער גאנצער נאציאן — האט שוין געשפיגען מיט גיפט דער רוסישער ליבעראל און אידען־פריינד — ישרייען פון זיך, רוישען, זיך שטופען אין די פארדערשטע רייהען, מיט איין ווארט, איבעראל צו זיין די ערשטע, רעק־לאמירען זייערע העלדענטהאטען... ניין, אונז רוסישע, איז דאס אן עקעל! אז מיר טהוען עפעס, טהוען עס מיר בעשיידען, אהן רויש און געפילדער. מיר טהוען עס פאר אונז, פאר אונזערע נשמה און ניט פאר קיין פרעמדע... ביי אייך איז דאס ניטא — בעשיידענהייט, בלייבען פערבארגען אין שאטען, דאס פאר־טראגט איהר ניט. צוליעב וואס דארף מען נאך דאס קינד ערציהען אין דער נארישער אידישער גאוה? שוידערליך! שוידערליך! — האט זיך געקאכט סאקאלאוו, שפאנענדיג הין און צוריק.

— געפעהלט אייך ניט מיין פאפא? — האט איהם גע־פרעגט דאנקע מיט א בעליידיגטער און ציטערענדער פון אויפ־רעגונג שטימע.

סאַקאַלאָוו'ען האָט עס אויפגעריסען.

שיער האָט ער ניט אַ קלאַפּ געטהאָן אין טיש און האָט ניט אויסגערופען:

— ער איז ניט דיין פּאַפּאַ!

ער האָט זיך אָבער פערכאַפּט און בעוועלטיגט.

— איך זאָג עס ניט. דיין פּאַטער איז אַן אַנשטענדיגער מענש, דיין פּאַפּאַ איז אַ געלערענטער...

3.

אונבעמערקט איז אריין אין צימער דער מלמד.

— אַ גוט נ'אָוועַנד! — האָט זיך אָנגערופען דער אָרימער איד.

סאָפיאַ איז אויפגעשפּרונגען און איז איהם בעפאַלען ווי אַ בייזער הונד.

— וואָס דאַרפט איהר? ווידער זייט איהר דאָ? ווייניג איז, אַז איך קוק אייך אָן איינמאָל אַ טאָג?

— איך... איך האָב געבראַכט חנוכה־ליכטלאך! — האָט געשטאַמעלט דער איד און האָט זיך אָנגעהויבען צו טרייסלען פון אַנגסט.

— איך דאַרף ניט קיין ליכטלאך!

דאַנקע האָט זיך אריינגעמישט און האָט אָנגעהויבען צו טאַנצען פון פרייד.

— ליכטלאך! ליכטלאך! מיר וועלען אָנצינדען ליכטלאך!

דאָס האָט געגעבען דעם מלמד אַביסעל קוראַזש.

— דער דאָקטאָר האָט געהייסען.

— יאַ, יאַ, פּאַפּאַ האָט געהייסען, גיט זיי מיר — און

דאַנקע האָט מיט א שפּרונג אויסגעכאַפּט פון מלמד'ס הענד א פּעקעלע געלע וואַקסענע ליכטלאך.

— איך וועל ניט ערלויבען! — האָט ווילד געקלאַפּט סאָפּיא אין טיש.

אויף דעם רויש איז ארויסגעגאַנגען פון קאַבינעט ראַפּאָפּאָרט.

— וואָס פאַר א רויש איז דאָ? וואָס פאַר א טאַראַראַם?

— האָט געפרעגט ראַפּאָפּאָרט, זיך ארומקוקענדיג און פיקסירענד זיין פרוי מיט אזא האַס אין די אויגען...

— א יאָ, פּאַפּאַ, דו האָסט געהייסען ברענגען חנוכה ליכטלאך? — האָט איהם געפרעגט דאַנקע, ווייזענדיג איהם די ליכטלאך.

— אַה, איהר האָט געבראַכט חנוכה-ליכטלאך? — האָט ער זיך געווענדעט צום מלמד — גוט, גוט, געוויס האָב איך געהייסען ברענגען... ווי דען? מיר זיינען קיין אידען ניט? אלע צינדען אָן, וועלען מיר אויך אָנצינדען.

— זעהסט? — האָט טראומפירט דאַנקע — מיר וועלען זיי באַלד אָנצינדען, פּאַפּאַ? ליכטלאך! ליכטלאך! — דעם קינד'ס פרייד איז געווען היסטעריש און אוננאַטירליך, ווי די שטימונג פון דער גאַנצער פאַמיליע אין דעם אבענד. סאָקאָלאָוו האָט פערפאָלגט דעם גאַנצען אינצידענט פון וויטענס מיט געקרייצטע אָרעמס און מיט א בייזען שמייכעל אויף די ליפּען.

— זעהט נאָר ווי דאָס קינד פרעהט זיך! מ'זעהט באַלד, אז פון איהם וועט אויסוואַקסען א כשר'ער איד... מ'זעהט, אז ס'איז דעם מהרם'ס אן אייניקעל... מי גדול במהרם? א קלייניגקייט עפּעס דער הייליגער מהר'ם? עס איז דאָך דער אמת'ער יחוס! — האָט זיך געווענדעט דער מלמד שוין צו סאָקאָלאָוו'ן, וועלכער ער האָט אלץ געהאַלטען פאַר א פעטער, פאַר דער דאָקטאָרשע'ס ברודער און נאַטירליך פאַר א אידען...

דאָס האָט געווירקט ווי בוימעל אויף דער דאָקטאָרשע'ס פייער...

סאקאלאוו האט זיך פארזיכטיג אבגערוקט פון דעם שמור־ציגען אידען מיט דעם קאמפליצירטען געוויך.

— וואס באלבעט ער? — האט ער געפרעגט סאפיא'ן, צוקענדיג מיט די אקסלען.

— פערפלוכטע זשידאוואטשינא! — האט זי געענטפערט דערוויף מיט כעס און איז אבגעגאנגען אין קיך אריין צו איהר לייב־פריינדינע, די הויז מיידעל, קלאפענדיג שטארק מיט דער טיר.

א זיסער ציטער פון א פייניגער איז דורכגעלאפען ראפא־פארט'ס לייב... מיט וואס א פערגעניגען וואלט ער גענומען אט די קאצאפקע מיט אט דעם קאצאפ אין איינעם, ביים קאלנער און וואלט זיי ביידען ארויסגעשמיסען! נור ער וועט עס נאך טאן, ניט היינט איז מארגען...

— איך האף צו גאט, אז ער וועט אויסוואקסען א איד... ניט אומזיסט איז זיין עלטער זיידע געווען דער רב הכולל פון גאנץ פוילען און גאליציען!... האט ער איהר אומיסטנע נאכ־געשריען מיט א נקמה געפיהל.

דעם מלמד האט עס געבראכט אין א עקסטאז.

— ר' הירשעלע ראפאפארט! א קליינינקייט ר' הירשעלע ראפאפארט! און איבערהויפט די ראפאפארטס! א משפחה פון גאונים, רבנים און צדיקים... מיט אזא משפחה דארף מען זיך שוין ניט שעהמען — האט דער מלמד זיך געווענדעט צום גוי אויף אידיש, אז ער זאל שטאלצירען מיט זיין שוועסטערס משפחה.

ראפאפארט האט געכאפט דעם מלמד'ס טעות, סאקאלאוו'ס אברוקען זיך פון מלמד האט איהם אבער געמאכט א גרויסען שפאס. זאל זיך דער מלמד איהם אביסעל איינעסען אין די גרגרת אריין.

— נאט אייך, רבי, חנוכה געלד! — און דער דאקטאר האט איהם דערלאנגט גאנצע צוויי זילבערנע קערבלאך.

דער מלמד האט אנגעהויבען בעטראכטען, אזוי ווי ער

וואָלט ניט געגלויבט, אַז דאָס איז עכטע 2 קערבלאַך און האָט זיך גענומען דאַנקען און ווינשעווען.

— זאָל אייך גאָט העלפען, אַז איהר זאָלט דערלעבען ביז 120 יאָהר, איהר זאָלט משיח'ן דערלעבען און אייער זוהן זאָל אויסוואַקסען אַזאַ כשר'ער און טייערער איד, ווי איהר אַליין זייט, פּאַני דאָקטאָר.

— איך דאַנק אייך, איך דאַנק אייך! — און ראַפּאָפּאָרט האָט איהם דעמאָנסטראַטיוו געדריקט די האַנד.

— און גאָט זאָל צושיקען די גאולה אויף כל ישראל... ווארים ס'איז שוין צייט — האָט אַלץ פאר צוויי קערבלאַך גע־ווינשעוועט דער מלמד — ס'איז שוין צייט, אַז מיר אידען זאָלען אויסגעלייזט ווערען פון גוי'שע הענד און איבערהויפּט פון פּאַניע חזיר'ס הענד — האָט זיך דער מלמד געווענדעט שוין צום גוי...

ראַפּאָפּאָרט האָט שיעור ניט אויסגעשאָסען אין אַ גע־לעכטער.

— ניע פּאַנימאַיו! — האָט סאָקאָלאָוו אַלץ געקנייטשט מיט די פּלייצעס — וואָס זאָגט ער?

נו, אַ גוטע נאַכט אייך, פּאַני דאָקטאָר! — דער מלמד האָט געוואָלט געהן.

ניין, ער דאַרף איהם האָבען היינטיגע נאַכט, האָט זיך אַ טראַכט געטאָן דער דאָקטאָר—אונבאַדינגט... דער איד גיט איהם קאָמפּפּלוסט און מוט — און ער האָט איהם פערהאַלטען.

— וואוהין זשע איילט איהר זיך, רבי? זעצט אייך צום טיש... מיר וועלען בענטשען חנוכה ליכטלאַך און טרינקען אַ גלעזעלע טהעע. אָדער ווייסט איהר וואָס? מיר וועלען גאָר נעמען צו ביסלאַך בראַנפען...

דער מלמד איז ניט געוועזן פון די וואָס לאָזען זיך בעטען.

— מהיכה תיתי.. זעהט איהר, אַ גלעזעלע וואַרעמס... איז ביי מיר תמיד אַנגעלייגט... זעהר אַנגעלייגט...

געמיינט אָבער האָט ער דאָס ביסעל בראַנפען און ניט דאָס גלעזעל טהעע

אויף די ווערטער איז צוריק אנגעקומען די בעל הבית'טע, בעגלייט פון זינא, וועלכער האט אריינגעטראגען דעם סאמאוואר.

— א גלעזעל ווארעמס איז ביי איהם תמיד אנגעלעגט! — האט זי זיך מיט שוים אויף די ליפען נאכגעקרימט דעם מלמד.

ווי שווער איז איהר געווען זיך איינצוהאלטען... אט, אט, כאפט זי איהם ביי דער בארד און מיט דעם קאפ אין דער וואנד, אז דער רוח זאל איהם אזש נעמען.

— אה, ער איז ווידער דא... זדראוווסוואויטע, פאני פראפעסאר! — האט איראניש בעגריסט דעם מלמד די הויז מיידעל.

— זינא! איך האב עס ניט ליעב... עס זאל מיר זיין דאס לעצטע מאל! איהר הערט? — און דאפאפארט האט אזא גלאנץ געטאן מיט זיין שווארצע אויגען, אז זינא האט שיעור ניט אראבגעווארפען דעם טשאיניק, אין וועלכען זי האט זיך גענומען פארפארען טהעע.

— זעצט אייך, רבי, אט דא נעבען מיר... — און ראפאפארט האט אוועקגעזעצט דעם רבי'ן פון אויבען אן... דער רבי האט זיך דערפיהלט שלעכט און האט זיך געוואלט אבטראגען... דאס ביסעל בראנפען האט אבער געזיעגט...

סאפיא האט אויסגעסטארטשעט א פאר ווילדע אויגען...

— נו, איז ער ניט משוגע? מיין עהרענווארט, א פארמעלער אידיאט! — האט זי זיך געווענדעט צו איהר פריינד.

— טשארט זנאיעט, טשטא זא קאמעדיא! שטענדיג קאמעדיעס! — האט זיך אנגערופען דער גוי, קריצענדיג מיט די צייהן...

אין די אויגען פון ליבעראל האט זיך שעהן געפינקעלט דער פאגראמשטשיק.

דער ארימער מלמד האט געזאלט ווערען אין דעם אבענד דער סימבאל פון זייער שטרייט, פון דער אונבעגרענעצטע שנאה וואס האט צוטיילט איצט די אמאליגע חברים.

דאני האט לע"ע אנגעקלעפט א גאנצע ארמעע פון וועקסענע ליכטלעך אויפ'ן פענסטער.

— נו, פאפא, דו וועסט אנצינדען? — דאנקע האט אונ־גערולדיג געריבען די הענטלעך.

— באלד, באלד, מיין קינד... געה טהו אן די היטעל... ברענג מיר מיין יארמולקע און פיהר אהער אראפ די באבע... זאל זי הערען חנוכה ליכטלעך בענשען!

— איך געה... איך געה! — און דאנקע איז אוועק מיט פרייד.

4.

די שנאה צווישען דער רביצי'ן און דער סאלדאטסקע טאכ־טער איז אבער נאך געווען גרעסער ווי צווישען מאן און ווייב.

— אז זי קומט געה איך אוועק... קום פון דאנען, אלעקסעי פעטאוויטש!

— ניין, איך מוז די צערמאניע אנקוקען!...

צוליעב איהם איז שוין אויך געבליבען.

ראפאפארט האט ארויסגענומען פון דער גלעזערנער שאפע א זילבערנעם חנוכה לעמפעל, וואס איז אויך געגאנגען בירושה פון דור דורות, האט זיך גענומען ביי רחל'ן א פלעשעלע בוימעל און האט זיך געשטעלט ביים פענסטער צוגרייטען אלעס.... צו דער צערמאניע.

— ווי זשע געהט עס, רבי? ווי אזוי לערנט עס מיין בן יחיד? — האט געפרעגט ראפאפארט שטעהענדיג צו רבי'ן מיט די פלייצעס.

ביים ווארט בן יחיד, האבען איהרע ליפען אויסגעקרימט אזא בייזער און עקעלהאפט גרויזאמער שמייכעל!...

— נישט־קשה,א וואויל קעפעל. איך רעכען אי"ה, אז גאט וועט געבען געזונד, מיט איהם באלד אנהויבען גמרא... א שטי־

קעלע גמרא אַלע וואָך ווערט איהם גאָר ניט שאַדען... וואָס דענקט איהר פּאַני? האָט ער זיך ווידער געווענדעט צום גוי.

— אָבער קיין יורה דעה ווערט שוין ניט קענען.... נישטאָ די יאָהרען וואָל אַמאָל... אַ יאָ, רבי?

— ווי קומט עס צו אַמאָליגע יאָהרען?

— טהוט כאַטש, רבי, אַכטונג אויף דער עברי!

— אחידוש אביסעל אויב איך טהו אכטונג. איך בין שוין גאָט צו דאַנקען ניט דאָס ערשטע מאָל מלמד... ווען איך פאַרמאָג נאָר דאָס שכר לימוד וואָס מ'האָט מיך אין לעבען ניט בעצאָהלט, וואָלט איך אויך געווען אַ שטיקעל עושר... אַ שטיק ראָטשילד... מיר מעגען עס ביידע פאַרמאָגען, פּאַני דאָקטאָר!

— נישט קשה, אַז איהר ווערט דאָס אַליין פאַרמאָגען! — האָט איהם געווינשעוועט די דאָקטאָרשע.

דער מלמד האָט זיך צולאַכט.

— לאָז זיין אַליין... איך זאָל זיך מיט אייך שפּאַרען... איך בין ניט חלילה אַזאַ איד, אַז איך זאָל זיך שפּאַרען און אַריינ־קריכען יענעם אין די גרגרת אַריין... איך בין אַ נוח לבריות... כע, כע, כע... מיין אידענע, גאָט צו דאַנקען, איז אויך בלאַ עין הרע, אַ ספּאָקאָינע אידענע, און אַזוי האָבען מיר שוין, גאָט צו דאַנקען, באַלד אונזער לעבען דורכגעלעבט! — האָט זיך בער־ריהמט דער מלמד

— און אייער אידענע האָט אויך ליעב אַ גלעזעל וואַרי־מעס? — האָט פון איהם בייז געשפּאָטעט די דאָקטאָרשע.

— וואָס איז שייך... כע, כע, כע, אַ גלעזעל וואַרימעס מאַכט קיין מאָל נישט קאַילע, אומשטיינסגעזאָגט... קיין בראָנ־פען טרינקט ניט דער איד... ס'הייסט, ער וואָלט יאָ געטרונקען, נאָר ער פאַרמאָגט עס פּשוט ניט... ס'איז אַ נס וואָס די תורה האָט אונז גהייסען מאַכען שבת קידוש... נעמט דער איד אום שבת אַ קליין קעלישאָקעל בראָנפען... ווייטער ניט... און אַז בראָנפען ניט... טאָ וואָס דען זאָל מען טרינקען? אומשטיינס

געזאגט... טרינקט מען דאס גלעזעל טעע... ווייטער...

— וואס ? וואס זאגט ער ? — האט געוואלט וויסען אלעקסעי פעטראוויטש, דעם מלמד׳ס פילאסאפיע.

— אך נו יעווא ! — האט א מאך געטאן סאפיע פערעכטליך מיט דער האנד — וואס קאן ער זאגען... ס׳איז דא וואס צו הערען... גאלאווא !

אלעקסעי פעטראוויטש האט אבער שוין פערלוירען זיין געדולד :

— זאג מיר נור דו, געלעהרנטער מענש, עקס־פראפעסאר, וועלכער שרייבט א גרויס ווערק איבער די פסיכאלאגיע פון איר־דישען פאלק — האט ער אנגהויבען מיט א אונהיימליכער שטימע — אט דעם פארשוין, וועלכער לעבט נאך מיט די אנשויאונגען פון דעם מיטלאלטער, אט דעם אידען האסטו איר־בערגעגבען די ערציהונג פון דיין קינד, איצט, אין דעם צוואנ־ציגסטען־יאהרהונדערט ?

ראפאפארט האט זיך אויסגדרעהט צום ליבעראל און זיינע אויגען האבען זיך אנגעהויבען צו פינקלען ווי ביי א מאן, וואס טרעט אויף פאר׳ן געגנער אין א דועל.

— מיין איינציג קינד ערציה איך אליין... נאך מיין אייגענעם סיסטעם, קאלעגע ! — האט ער איהם געענטפערט רוהיג און געלאסען... אבער דאס גאנצע אינערע האט שוין אין איהם געברויזט און געקאכט.

— איך זעה אבער, אז דאס אידעל שפיעלט דערביי ניט קיין ראליע !

— געוויס שפיעלט ער ניט קיין ראליע... איבריגענס וואלט איך געוואלט, אז ער זאל אין דער ערציהונג פון מיין קינד נישט שפיעלען קיין קליינע ראליע... איך מיין — ניט ער פערזענליך, נאר דאס אידישקייט !

— גראטולירע ! גראטולירע ! יא, א שעהנע ערציהונג וועט דאס זיין... פונקט פאר דאס צוואנציג־יאהרהונדערט... כא, כא, כא !

ראפאפארט האט דערפיהלט ווי די שנאה צו דעם רוסישען ליבעראל שטיקט איהם שוין אין האלז... אזוי ווי דער גרויסער און געזונטער גוי וואלט איהם געכאפט ביים גארגעל...

— מ'דארף איהם אפשליידערען... אבער אזוי, אז ער זאל צושמעטערט ווערען.

— זאג נאר מיר, אלעקסעי פעטראוויטש, וואס שטעכסטו מיך אלע מאל אזוי מיט דעם צוואנציגסטען־יאהרהונדערט? וואס איז אזוינס דאס צוואנציגסטע־יאהרהונדערט? — האט געפרעגט ראפאפארט מיט תמ'עוואטען אבער גיפטיגען טאן...

— דאס צוואנציגסטע־יאהרהונדערט איז א יאהר פון פראגרעס, אויפקלערונג און בילדונג — האט פייערליך און טעאטראליש ערקלערט אלעקסעי פעטראוויטש.

אט האט ער איהם געפאקט... אין זיין אייגען נעץ... כא, כא, כא! האט בייז געלאכט אין ראפאפארט'ען די נקמה.

— אזוי, אזוי! הם... — און ראפאפארט האט ווידער געמאכט א תמ'עוואטען מינע. — זאג־זשע מיר, אלעקסעי פעטראוויטש, אויב די געשיכטע איז יא אזוי, ווי קומט עס וואס איהר, רוסען, האבען גראדע אין צוואנציגסטען־יאהר־הונדערט געמאכט פאגראמען, געשענדעט פרויען, צוריסען קליינע קינדער, געשניטען בייכער און זיי אנגעשטאפט מיט פעדערען? פאר וואס האט דאס רוסישע פאלק אין קישענעוו, אדעס, קיעוו, האמעל, ביאליסטאק, סעדלעץ און איבער אנדערע הונדערטע שטעדט און שטעדלאך פארגעסען אז דעם צוואנציגסטען־ יאהר־הונדערט? א?

ראפאפארט האט עס אויסגערעדט אזוי רוהיג און קאלט־בלוטיג: ער האט יעדעסווארט, און בעזונדערס די שרעקליכע שטעדט, אויסגערעדט אזוי לאנגזאם און געצויגען מיט אזא אפעטיט, אזוי ווי ער וואלט זיך געקוויקט מיט זיי ווי מיט עפעס זיסעס און אנגענעהמעס.

דעם בער האט עס געטראפען גלייך אין הארצען אריין און ס'האט איהם טויטליך פערוואונדעט.

—וואַרש! דאָס רוסישע פאָלק האָט ניט געמאַכט קיין פּאָגראָמען! — האָט אויסגעשריען אַלעקסעי פּעטראָוויטש. און זיינע אויגען און דער האַלז זיינער האָבען זיך אָנגעגאָסען מיט בלוט.

ראַפּאַפּאָרט האָט זיך שטיל צולאַכט. ער האָט צופריעדען אַ בליאַסקע געטאָן מיט די אויגען.

— וואָס דען? אפשר האָבען די אידען אליין אויף זיך געמאַכט די פּאָגראָמען? כע, כע, כע! איך האָב זיך אין די פּאָגראָמען ניט בעטייליגט... מיין עהרענוואָרט, קאָלעגע! — האָט איהם קאַלטבלוטיג און אַלץ תמ׳עוואַטע פערזיכערט ראַפּאַפּאָרט.

ווי גיפטיג עס האָט געקלונגען די תמ׳עוואַטע געלאַסענ־קייט, די געמאַכטע קאַלטבלוטיגקייט, אונטער וועלכע ס׳האָט געברויזט דער טויזענד־יעהריגער צאָרן פון דעם געפּלאָגטען פאָלק.

— איך האָב זיך אויך ניט בעטייליגט — האָט געזאָגט סאָקאָלאָוו.

— אָבער אויך ניט פּראָטעסטירט! — האָט בעמערקט ראַפּאַפּאָרט און האָט איהם אַריינגערוקט ווי אַ שפּיז דעם קוק פון זיינע פייערדיגע אויגען.

— און אפשר יאָ?

— איך האָב דערפון ניט געהערט — האָט זיך ראַפּאַפּאָרט ווידער געמאַכט כלא יודע — אַך, וואָס פאַר אַ טרייסט ס׳וואָלט געווען דאָן אין דעם שרעקליכען מאָמענט פון מיין לעבען צו הערען, אַז ס׳איז דאָ וועניגסטענס איין רוס, מיינער אַ חבר, וואָס פּראָטעסטירט געגען די באַרבאַרישע גוואַלדטאַטען פון זיין פאָלק.

— ווי אַזוי האָב איך געקענט פּראָטעסטירען? — האָט געפרעגט סאָקאָלאָוו שוין בעוועלטיגט, אָבער מיט אַ געפאַלענער שטימע.

איצט האָבען זיך ראַפּאַפּאָרט׳ס אויגען אָנגעצונדען מיט דעם

גאנצען צארן פון זיין נשמה, וועלכער האט געפלאקערט דארט זייט די פאגראמען און האט זי שוין באלד פערברענט.

— ווי אזוי? כא, כא, כא! — און ער האט זיך ווילד צולאכט. — ווען מיין פאלק מאכט קישענעוו אדער א האמעל פאגראם, וואלט איך ארויפגעקלעטערט אויף דעם אייפעל־טהורם, ניין, אויף דעם מאנבלאן־שפיץ, און וואלט פון דער הויך א שפיי געטאן פאר דער גאנצער ציוויליזירטער וועלט מיין אייגען פאלק אין פנים אריין און אליין וואלט איך מיך אראפגעשליי־דערט מיט דעם קאפ ארונטער און פארטיג!

און די צוויי גרויסע צארנדיגע אויגען האבען עדות געזאגט, אז ראפאפארט וואלט געווים אזוי געטאן.

— נאר איך האב וויינינגסטענס דעם גרויסען טרייסט, אז מיין פאלק, דאס אידישע פאלק, וועט קיין מאל ניט מאכען, ניט קיין קישענעוו און ניט קיין האמעל, און די טרייסט האט מיר געגעבען די קראפט איבערצולעבען דאס שרעקליכסטע און שווערסטע יאהר אין מיין לעבען, אלעקסעי פעטראוויטש, דאס יאהר 1905! — האט געענדיגט ראפאפארט.

א לאנגער און שווערער שטילשווייגען.

— אך, איהר נאציאנאליסטען בעטראכט עס אין אייער אייגענער בעלייכטונג... קוק אביסעל ברייטער וועסטו אלעם פארשטעהן, באגרייפען און מוחל זיין — האט געפרואווט אפ־שלאגען די ציעלענדע קלעפ דער רוסישער ליבעראל.

— ווי אזוי איך זאל ניט קוקען, קענען מיר, אידען, די שאנדטאטען אייערע ניט מוחל זיין.

דער ליבעראל האט אויך געזוכט צו זאגען עפעס גיפטיגעס, בייסענדעס ביז צו דער בלוט.

— ווייל איהר, אידען, ווייסט איבערהויפט ניט פון פער־צייהונג. די קריסטליכע מדה איז אייך, אידען, איבערהויפט ניט בעקאנט... איהר זייט דאך דאס גיפטיגסטע פאלק אויף דער וועלט! אייך אז מען טוט אמאל אן עולה, אן אונרעכט, וועט איהר עס דאך קיין מאל ניט מוחל זיין, ניט פערגעסען!...

ראפאפארט האט זיך אונענדליך דערפרעהט...
אט האט ער ארויסגענארט דעם בער פון זיין נארע...

— כא, כא, כא! דו מאכסט מיר שפאס, אלעקסעי פעטראוויטש, מיט דיינע קריסטליכע מדות... ניט אונז אידען זאלט איהר פון זיי ריידען... מיר קענען אייך גוט... אלעקסעי פעטראוויטש... אייערע קריסטליכע מדות פיהלען מיר אידען אט דא אויף אונזערע רוקענס... כא, כא, כא! ניין, אלעקסעי פעטראוויטש... דאס יאהר 1905 וועל איך אין מיין לעבען ניט פארגעסען און וועל מיין און איינציגען זוהן אזוי ערציהען, אז ער זאל עס אויך אייך רוסען ניט פערגעסען און ניט מוחל זיין!
— האט ראפאפארט געענדיגט מיט א וועה געשריי און מיט א קלאפ אין טיש.

דער וועה־געשריי האט אבער ניט איבערגעשראקען, ניט ערשיטערט דעם רוסישען ליבעראל און אינטעליגענט...

ער איז שוין געווען פערשוואונדען, זיין פלאץ האט פארנומען דער פאגראמשטשיק, דער כוליגאן...

— איך וועל עס ניט ערלויבען... איך וועל עס ניט ערלויבען איהם צו פארגיפטען מיט האס צו מיר... צו זיי! — האט סאקאלאוו ווילד געקלאפט אין טיש אריין.

ביי ראפאפארט'ן איז פינסטער געווארען אין די אויגען, ווי פון א שטארקען טשמעל איבער'ן קאפ...

סאפיא מאטוועיעוונא, וועלכע איז אינצווישען געווען ארויסגעגאנגען אין צווייטען צימער, איז געקומען צולויפען, אויף דעם קלאפ און געשריי.

דער מלמד איז געשטאנען און האט געציטערט.

— אם הייסט? וואס פאר א רעכט האסטו מיר ניט צו ערלויבען? — האט ער געפרעגט א טויט־בלייכער.

— יא, איך האב א רעכט!...

זי האט דערפיהלט די געפאר און איז אריינגעשפרונגען צווישען זיי...

— געווים האט ער א רעכט, אלס אונזער בעסטער פריינד.

און איהר שטימע האט איהם, איהר פריינד, שוין אויך געבראכט צו זיך:

— יא, אלס דיין פריינד און אלס גרויסער אידען־פריינד!...

— אלס מיין פריינד?... אלס א אידען־פריינד — האט איבערגע׳חזר׳ט דער פראטשמעלעטער ראפאפארט, וועלכער האט אזוי ווי פערזוכט זיך אנכאפען ביי די ווערטער, אז ער זאל ניט אומפאלען און קענען צוריק קומען צו זיך, צום קלארען און קאלטען פערשטאנד.

א לאנגע, שווערע פויזע... און דאן האט שוין סאקאלאוו געזאגט שטיל און רוהיג, אבער מיט א פרעמדער, פאלשער שטימע:

— יא, איך פראטעסטיר דאגעגען אלס רוסישער ליבעראל, אלס פרייזיניגער פראגרעסיווער מענש... נאציאנאליזמוס איז א אנשדע!

זי האט איהם ארויסגעהאלפען און אויך אזוי פאלש און אונגעלונגען:

— יא, יא, א שאנדע פאר א דאקטאר און געלערנטען מענשען אנצוטאן אלע טאג טלית און תפלין ווי יעדער זשיד און זיך שאקלען!

— און דו זאלסט שווייגען! — זיינע פויסטען האבען זיך צונויפגעלעגט.

— איך וועל ניט שווייגען... איך וועל דיר ניט ערלויבען צו מאכען פון מיין קינד דער רוח ווייסט וואס און איהם קאליעטשען אויף דאס גאנצע לעבען... טאמער וועט ער געהן נאך א מאל אין פער׳עיפוש׳טען חדר צו אט דעם אידען, וועל איך אלעם וואס איז דא אין שטוב צוברעכען און צושמעטערען אויף פיצלעך!

דער מלמד האט געבראכען די הענט פון פערצווייפלונג.

— איך האב זיך פאר קיין רוסישע כוליגאנעם ניט איבער־געשראקען, וועל איך זיך פאר א אידישען כוליגאן איבערשרע־

קען?... איך הער דיך ווי דעם פאר־א־ יאהריגען שנעע, סאפיא מאט־ועיעוונא!

— מיר וועלען זעהן... מיר וועלען זעהן צו דו וועסט מיר הערען ווי דעם פאר־א־יאהריגען שנעע!... מארגען נעם איך דאס קינד און פאהר אוועק צו דער מאמע קיין מאסקווא און אזוי ווי דו זעהסט די אויערען דיינע, אזוי וועסטו שוין זעהן אונז ביידע — האט געסטראשעט סאפיא.

— די הענט זיינען דיר קורץ.

דאס אלעס האט ער איהר געזאגט שוין ווי אין שלאף... מיעד, אזוי ווי אונוויכטיגעס וואס פערשטעלט מיט זיך דאס וויכטיגע.

און דאס וויכטיגע?

ניין, ער קען דערפון איצט ניט דענקען — ס'איז שרעקליך... אן אנדערשמאל... שפעטער... שפעטער... ער וועט בלייבען אליין מיט זיינע געדאנקען... דאן וועט ער אפשר קענען קומען צו זיך פון דעם שרעקליכען קלאפ...

דאנקע איז געקומען צולויפען פערסאפעט.

— באבע נישט קומען... אך, ביי דער באבע איז דא אזוי פיעל אידען... נו, פאפא, מיר וועלען אנצינדען? — האט גע־פלאפעלט דאנקע און האט צופריעדען געריבען די הענטלעך.

אפילו ער איז פערשוואונדען געווארען פון זיינע אויגען... אזוי ווי א ווילד־פרעמד קינד וואלט צו איהם גערעדט... ער האט געוואלט זיך נור אויף א ווייל אין עפעס אנכאפען, זיך צוהאלטען, און ער האט זיך אנגעכאפט ביי די חנוכה ליכטלעך אזוי ווי אן א שטרוי... אין א פרעמדעס גלייכגילטיגעס זאך, וואס דארף פערשטעלען דאס וויכטיגע...

— יא, מיר וועלען אנצינדען ליכטלעך... מיר וועלען אנ־צינדען ליכט. דאס אייביגע ליכט פון אונזער פאלקס נשמה.

און ראפאפארט איז צוגעגאנגען צום פענסטער האט מיט ציטערענדע און אזוי ווי פרעמדע הענט אנגעצונדען א קליין

וואקסען ליכטעל, און האט געמאכט איבער דעם די ברכה און האט געזאגט על הנסים...

קען דען ניט גאט איהם אויך בעווייזען א נס און איהם ארויסראטעווען פון דעם אבגרונד, איבער וועלכען ער הענגט איצט?

דער נר תמיד

פינפטער קאפיטעל.

1.

אונבאמערקט איז אין צימער ארייננעגאנגען דער פאל־קאווניק אוסאוו און איז געבליבן שטעהן פארשטעלט פון טהיר פארהאנג, א פארכאפטער פון דער צערעמאניע.

אלעקסעי פעטראוויטש האט אויך צוגעקוקט, געווען שטארק פאראינטערעסירט, אבער אין א גאנץ אנדערען זין... אויף זיינע ליפען האט זיך געלויכטען שוין א גיפטיגער שפאט איבער'ן אמאליגען פריוואט דאצענט און פריידענקער...

— פילייכט וועסטו אונז, קאלעגע, נאך מיט א רעדע אויך טראקטירען? אזוי... צו טאגעס־ארדנונג, כא, כא, כא! — האט ער שוין ארויסרופענד געשפאט פון זיין חבר.

און דער ארויסרופענדער שפאט האט ראפאפארט'ן צוריק געבראכט צו זיך... אין איהם אנגעצונדען אזא קאמפלוסט, אזא האס צו דעם גוי...

— א רעדע ווילט איהר, אלעקסעי פעטראוויטש? מיט פערגעניגען!

— „מיט צוויי טויזענד יאהר צוריק — האט זיך ראפא־פארט געווענדעט צו דאנקען אין רוסיש — האבען די רוימער חרוב געמאכט אונזער לאנד און האבען צושטערט די היילינע שטאדט ירושלים. אונזער פאלק האט געבלוטעט, דער בית המקדש איז פערברענט און געשענדעט געווארען. אויף דעם אלטאר איז געשטאנען אן אבגאט. דער נר תמיד, דער סימבאל פון אונזער פאלקס־נשמה איז געווען אויסגעלאשען און עס איז אויסגעגאנגען דער הייליגער בוימעל. ארום און ארום האט געהערשט נור פארצווייפלונג און דער שרעק פון דער פאר־וויסטונג.

„מ'האט געגלויבט, אז עס איז געקומען א סוף צום גרויסען פאלק ישראל, דעם עם הבחירה.

„באַלד פּאַסירט אַ גרויסער נס. ערגעץ אונטער דער ערד אין די קעלערן פון דעם פאַרברענטען און צושטערטען בית המקדש, געפינט מען אַ קליין קריגעלע מיט הייליגע בוימעל, וואָס איז ניט געווען באַריהרט פון פיינד'ס שמוציגע הענט.

„דער נר תמיד ווערט ווידער אָנגעצונדען. דער פייער פון דער פאָלקס-נשמה צוברענט זיך, אַ הייליגע באַגייסטערונג. אַ ניי־לעבענס פייער כאַפּט אַרום און צינדט אָן דאָס גאַנצע לאַנד.

„טויטע ביינער טוען זיך אָן פלייש און אין בלוט און ווערען לעבעדיג. אַלע אויגען ברענען ווידער מיט דעם הייליגען פלאַם פון אויפשטאַנד און אונבאַגרענעצטען ראַכע־דורשט.

„עס קומען העלדען, גרויסע פאָלקס-העלדען, די חשמונאים. דער שונא ווערט אַרויסגעטריבען און דאָס הייליגע לאַנד איז ווידער פריי, לעבט ווידער און בלאַסקעט מיט דעם גלאַנץ פון דער אידישער נשמה.

„דאָס האָט זיך אין אונזער טויזענד־יאָהריגע געשיכטע פיעל מאָל איבערגע'חזר'ט. אָט איז פינסטער, האָפנונגלאָז, דאַכט זיך ס'איז געקומען דער סוף צו אונזער קיום אָבער ערגעץ וואו אין די טיעפע קעלערן פון אונזער אין שווערען לעבענס-קאַמפּף פערוויסטעטער נשמה, ווערט געפונען אַ קליין קריגעלע מיט הייליגען בוימעל, מען צינדט אָן אַזאַ קליין און דין ליכטעלע. אַ קליין ציטערענדעס פייערעל, דו גיסט אַ קוק און דאָס פייערעל צוברענט זיך אין אַ גרויסען פלאַקער, אין אַ גיגאַנטישען שייטער־הויפען פון נייעם לעבען.

„אַלעקסעי פעטראָוויטש און זיין פאָלק האָט גאָט געגעבען גרויסע ברייטע סטעפּען, וועלדער, טייכען, מיט איין וואָרט אַ גרויס רוסלאַנד, דערפאַר האָט ער מיר נעכטען געזאָגט, אַז ער איז פאַר די צוקונפט פון זיין פאָלק רוהיג און זיכער. אונז האָט גאָט געגעבען נאָר דאָס בליינע ציטערענדע פייערעל און אין די טיעפע קעלערן פון אונזער נשמה ליעגט תמיד באַהאַלטען אַ קריגעלע פון הייליגען, אונבאַשמוצטען בויטעל און

מיר זיינען פאר דער צוקונפט פון אונזער פאלק אויך זיכער...

„מיר דארפען ניט קיין גרויסע לאנד־רוים, ווייל אונזער היסטארישער בערוף איז אן אנדערער.

„מיר זיינען בערופען אנצינדען ליכטער!

„און מיר צינדען זיי אן איצט. כסדר ווען נור די האריזאנטען ווערען פינסטער און די הימלען פון היסטארישען לעבען באדעקען זיך מיט כמארעס.

„אזא קליין פייערעל האבען מיר שוין אמאל אנגע־צונדען אין נוצרת און דאס קליינע ציטערענדע פייערעל האט זיך באלד צוברענט אין אזא גרויסען פלאם, וועלכער האט בעלויכטען די וועלט מיט א גלאנץ פון גערעכטיגקייט און ווארהייט און נעבען דעם פייער ווארעמט זיך שוין צוויי טויזענד יאהר די גאנצע אונגליקליכע און ליידענדע מענשהייט.

„אזוינע פייערען וועלען מיר נאך ניט איינמאל מוזען אנצינדען. די נשמה פון דעם מאדערנעם מענשען איז פאר־פרארען פון קעלט פון די וויסענשאפטען און פון דער מאדערנער עגאאיסטישער קולטור. מען נויטיגט זיך אין א נייעם אמת, אין א נייעם ליכט, אין א נייעם גלויבען, און מיר וועלען דאס געבען דער מענשהייט, ווייל מיר זיינען די פאקעל־טרעגער פון דער געשיכטע!

„אז מען דארף דעם, האקט איהם אויס און דער־לאנגט איהם דער מענשהייט די נשמה פון אידישען פאלק. מיר וועלען נאך א מאל צולעגען א גרויס פייער און נעבען איהם וועלען זיך דערווארעמען אלע פארפרארענע און פארגליווערטע נשמות"...

2.

אלעקסעי פעטראוויטש האט אויסגעהערט די גאנצע רעדע מיט א מפיסטאפלישען שמייכעלע אויף די ליפען.

— בראווא! בראווא, דאקטאר! — האט אויסגעשריען

ענטציקט דער פאַלקאָווניק מיט זיין באַס־שטימע ווי אויף אַ סמאַטר, איז צוגעלאָפען צו ראַפּאַפּאָרט'ן און האָט איהם אָנ־געהויבען דריקען די האַנד. — ווּפּאַלניע, ווּפּאַלניע אָדאַבריאָו אי גלובאָקאָ אָוואַזשאַיו.

סאָפיאַ און אַלעקסעי פעטראָוויטש האָבען זיך איבערגע־קוקט...

— אַה, וואָס פאַר אַ ריהרענדע איינינקייט און סימפּאַטיע... ווי קומט איהר, פאַלקאָווניק אהער צו דעם נאַציאָנאַלען יום־טוב? — האָט אָנגעהויבען צו איראָניזירען אַלעקסעי פעט־ראָוויטש.

— בין איך פיליכט, גאַרפּאַדאַ, ניט צו דער ריכטיגער צייט געקומען און האָב אייך געשטערט? דאַן ענטשולדיגט מיר! — האָט געזאָגט אוסאָוו מיט אַ העפליכען טאָן פון אַן אמת'ען דזשענטעלמאַן.

— אומגעקערט, פונקט צום פּאַסענדסטען מאָמענט! — האָט געשפּאַט סאַקאָלאָוו.

אוסאָוו איז צוגעגאַנגען צו סאָפיאַ מאַטוועיעוונאַ, האָט זיך פאַר איהר גאַלאַנט פאַרבויגען, האָט אַ קלונג געטאָן מיט די שפּאָרען און האָט זיך פאָרגעשטעלט.

— איך האָב די עהרע, מאַדאַם, זיך פאָרצושטעלען: פאַלקאָווניק אוסאָוו.

— זעהר, זעהר אַנגענעם! — און סאָפיאַ האָט איהם געשענקט אַ זיסען קאָקעטישען שמייכעל.

— דערלאַנגט אייך אײנס דאָס אַנדערע די הענט, גאָס־פּאָדאַ! איהר פאַלקאָווניק זייט אַן עכטער רוסישער און דאָק־טאָר ראַפּאַפּאָרט אַן עכטער אידישער, אַ פאָר פאַרברענטע שווארצע מאַה'ניקעס און גנאָסען, כאַ, כאַ, כאַ! — האָט ניט אויפגעהערט מיט זיין בייזען שפּאָט סאַקאָלאָוו.

דער פאַלקאָווניק האָט עס גענומען פאַר ערנסט...

— מיין גרעסטע האַכאַכטונג, דאָקטאָר! אָדאַבריאָיו אי

גלובאקא אוואוזשאיו — און ער האט זיך ווידער גענומען דריקען און טרייסלען ראפאפארט'ס האנט.

— געווים... געווים... אנדערש קען עס ניט זיין — האט טריאומפירט סאקאלאוו.

— איך און מיין פרוי, — האט אנגעהויבען דער פאל־קאווניק א ביסעל טעאטראליש ווי אן אויסגעלערענטע רעדע — זיינען געווען אזוי איבערראשט פון אייער היינטיגען טהאט, אז מיר האבען אינגאנצען פארגעסען אייך צו דאנקען. איך בין איצט עקסטרא געקומען אייך אויסצודריקען אונזער דאנק־בארקייט און באוואונדערונג. דאס, דאקטאר, איז געווען כמעט א העלדענטאט! יא! יא! — האט פארזיכערט דער פאל־קאווניק מיט זיין באס — און איך האלט עס פאר נויטיג בעקאנט צו מאכען אין דער פרעסע, קראמע טאווא וואס איהר דאקטאר וועט פארגעשטעלט ווערען צו א נאגראדע... וואוהין ס'געהערט... אונבאדינגט! אונבאדינגט! פארלויפיג אבער בעט איך אייך נעמען פון אונז די באשיידענע באלאהנונג — און דער פאל־קאווניק האט דערלאנגט דעם דאקטאר צוויי קנאקענדע הונ־דערטערס.

א בייז גיפטיג שמייכעל האט אויגעפלאקערט אויף סא־קאלאוו'ס ליפען...

— העלדענטהאטען, פאלקאווניק ווערען ניט געמאכט פאר געלד! — האט ראפאפארט געזאגט קאלט און מיט ווירדע.

— זעהר ריכטיג, דאקטאר! — אדאבריאיו אי גלובאקא אר־וואזשאיו — און דער פאלקאווניק האט איהם ווידער גע־דריקט די האנט, אזוי ווי אין זיין „אדאבריאיו" וואלט געווען א מתנה פון א מלכות — איהר מוזט אבער צוגעבען, אז מיר קענען ניט אויסנוצען אייער ארבייט און דאצו נאך אזא געפער־ליכע ארבייט, אומזיסט, אונבאצאהלט, און איהר דאקטאר, דארפט אונז ניט ברענגען אין פארלעגענהייט — און דא האט שוין דער פאלקאווניק צוגעווארפען א גאלאנטען שמייכעלע דער דאקטארשע...

— מיין האנאראר באטרעפט העכסטענס צעהן רובעל... ווייטער וועל איך נאך אייער קראנק קינד מוזען עטליכע מאל באזוכען און מיר וועלען נאך האבען צייט זיך צו רעכענען — האט זיך געהאלטען ביי זיינס ראפאפארט.

— דאס איז א באזונדערע זאך, דערווייל נעמט צו דאס געלד, ווען ניט וועט איהר אונז באליידיגען — און דער פאל־קאווניק האט איהם געשטופט די צוויי הונדערטער אין האנט אריין.

ראפאפארט האט זיך ענטשיעדען אבגעווענדעט.

— דאס געלד קען איך פון אייך, פאלקאווניק, ניט נעמען... אז איהר ווילט צוטיילט זיי ארימע לייט!

— צוטיילט איהר זיי, דאקטאר!

— ניין, צוטיילט איהר עס בעסער!

— זאל זיין אזוי... מארגען וועל איך זיי אבפיהרען אין אייער פילאנטראפישע געזעלשאפט — ער האט געוואלט זאגען זשידאווסקי געזעלשאפט, נור ער האט זיך פארכאפט.

דער פאלקאווניק איז געווען ענטוישט, דערפון וואס דאס שטאלצע אידעל לאזט זיך גאר ניט באצאהלען... דאס ערשטע מאל אין זיין לעבען זעהט ער עפעס א אידעל וואס זאל ניט וועלען נעמען קיין געלד. ס'האט איהם פשוט פארדראסען. פונדעסטוועגען האט ער ניט פארלארען זיין דזשענטעלמענסקי טאן און האט זיך ווייטער גענומען דריקען ראפאפארט'ס האנט און דאנקען.

— זער פיין, זעהר פיין פון אייך, דאקטאר! אדאבריאיו! ופאלניע אדאבריאיו. נו, גאספאדא! איך ערלויב מיר ניט אייך צו שטערען — און דער פאלקאווניק האט זיך גענומען ענטוישט געזעגענען.

3.

— פיליכט וועט איהר, פאלקאוניק, טרינקען ביי אונז טהעע, א ביסעל פארברייינגען מיט אונז? — האט איהם איינגעלאדען דיווירטהין מיט א ליעבליכען, קאקעטישען שמייכעל.

אוסאוו האט שוין לאנג ארויסגעקוקט אויף דער געלעגענהייט...

ער פארפאלגט שוין די זשידאוויטשקא מיט דעם פארשייט פאררייסען נעזעל און מיט די גריבלאך אין די באקען, פון לאנג...

— א, מיט פארגעניגען, מאדאם! מיט גרוים פארגעניגען... הע, הע... אזא אנגענעהמע געזעלשאפט, כע, כע, כע! זעהר... זעהר אנגענעהם! — און דער פאלקאווניק האט זיך ווידער גאלאנט פארבויגען און א קלונג געטאן מיט די שפארען.

— זעצט אייך! — און סאפיא האט איהם צוגערוקט א שטוהל.

דער מלמד האט זיך גענומען געזעגנען.

— א גוטע נאכט, פאני דאקטאר! איך וועל שוין געהן.

— יא, יא! איהר מעגט אייך שוין געהן געזונטערהייט... און אויב איהר ווילט א גלעזעלע ווארעמס וועט מען אייך אין קיך געבען א גלעזעלע ווארעמס — האט געזאגט די דאקטארשע.

— וואס איז שייך, איך בין חס וחלילה אזא איד, וואס איך זאל ארייןקריכען יענעם אין גרגרת אריין — און דער איד האט אנגעבויגען זיין קאפ און האט זיך געלאזט אן אייגעהויקערטער געהן צו דער טהיר.

און דער איינגעהויקערטער איד האט דעם דאקטאר אזוי ווי אויפגעוועקט פון זיין הינער פלעט, אין וועלכען ער האט מעכאניש גערעדט, געזאגט זיין רעדע... ער איז געקומען צו זיך און האט דערפיהלט, אז ער מוז קעמפען מיט אט די גוים, וועלכע ווילען ביי איהם אלעס צונעמען, דעם לעצטען לעבענס-אטעם; און דער מלמד איז זיין סימבאל, דער פלאג פון זיין קאמפף.

— רבי! איהר וועט טרינקען דא טהעע... ביים טיש... גלייך מיט אלע אדונים און ניט אין קיך! — ער האט געכאפט

דעם מלמד ביי דער האנט און האט איהם צוגעפיהרט צוריק צום טיש.

אויף אלעס האט זיך געקענט ריכטען זיין פרוי, אבער ניט אויף דעם...

— איך וואלט א בעלן געווען צו זעהן! — האט זי געזאגט מיט בלייכע ווי דער טויט ליפען.

דער קאמף האט זיך אנגעהויבען אויף דאס ניי...

— אט ועסטו עס באלד זעהן!... — און ראפאפארט האט פארגעשטעלט דעם מלמד.

— ערלויבט מיר, פאלקאווניק, אייך פארצושטעלען... דאס איז דער ראבי, וועלכער לערענט מיין קינד רעליגיאנס־אונטעריכט.

דער מלמד האט ארונטערגענומען דאס היטעל און האט עס גענומען קנייטשען אין די הענט, פון פארלעגענהייט, ווי א גע־שמיסענער.

סאקאלאוו האט זיך גוטמוטיג צולאכט. די פוילע סלאווישע נאטור אין איהם האט שוין פארלארען די קאמפפלוסט און ער האט שוין אלעס געזעהן פון דער קאמישער זייט. דער פאל־קאווניק האט אנגעבלאזען זיינע באקען מיט די גרויסע וואנצען און האט זיך גענומען באטראכטען דעם מלמד פון קאפ ביז די פיס.

— הם, הם; אזוי, אזוי, נישקשה פון א מענש... הם, רא אדאבריאיו, אדאבריאיו — און האט זיך פארזיכטיג אבגערוקט.

— איך וועל שוין געהן, פאני דאקטאר... איך וועל אייך ניט שטערען — האט זיך געבעטען דער מלמד.

— ניין, ניין, איהר טרינקט א גלעזעל טהעע... איהר זעהט דאך, אז איך שעהם מיך ניט, ווי מיין ווייב מיט א אידען — און ראפאפארט האט איהם כמעט מיט גוואלד אוועקגעזעצט צום טיש און האט איהם אליין אנגעגאסען א גלעזעל טהעע...

— ווייסט איהר וואס, נעמט גאר א ביסעל בראנפען! און ראפאפארט איז געגאנגען צו דער שאפע, ארויסגענומען בראנפען און האט אנגעגאסען דעם מלמד צוליעב קוראזש.

דער מלמד איז געזעסען ווי איז געהאקטע וואונדען און האט ניט געוואוסט וואס ער זאל טאן מיט'ן בראנפען. אלע האבען געקוקט וואס וועט דא ווייטער זיין, וואוהין וועט ברייני גען דער סקאנדאל.

— נו, טרינקט, רבי! — האט איהם אונטערגעטריבען ראפאפארט.

דער מלמד האט מיט א ציטערענדער האנט גענומען דאס גלעזעל בראנפען אין דער האנד, אזוי ווי מען וואלט איהם גענויט אויסטרינקען א בעכער גיפט. ער האט געזאגט מיט א הוסט:

— לחיים, פאני דאקטאר! — און האט אריינגעגאסען מיט א מאל דאס גלעזעל בראנפען.

— זעהסט?... א ראבי דאכט זיך... און גיסט ווי א טייפעל... אודאבריאו, אודאבריאו! כא, כא, כא! — און דער פאלקאוו־ניק האט זיך הויך צולאכט.

די גאנצע געשיכטע האט אנגענומען די פארמע פון א פארס און אלע האבען זיך צולאכט...

אנצוקוקען דעם מלמד אבער איז געווען א צער בעלי חיים. ראפאפארט האט איהם שוין מעהר ניט פארהאלטען און דער איד האט זיך ארויסגערוקט ווי פון א גיהנום. די בעל הבית'טע איז געווען אזוי סקאנדאליזירט, אז זי האט שוין ניט געקענט מעהר אונטערהאלטען די געסט און די געסט האבען געמוזט זיך אליין אונטערהאלטען.

— און איהר, אלעקסעי פעטראוויטש, וואהנט דא? — האט זיך געוואונדערט אוסאוו צו סאקאלאוו'ן.

— יא, ביז איך וועל קריגען א וואהנונג האב איך אנגע־נומען די גאסט־פריינדשאפט פון מיינע פריינד.

— עה, עה, זעהר פיין, זעהר פיין, אודאבריאו,, אדאבריאו, ופאלניע אדאבריאו, כע, כע, כע!

דאס געלעכטערעל איז סאקאלאוו'ן ניט געפעלען געווארען און ער האט זיך אבגעווענדעט פון פאלקאווניק.

— נא מיר וועלען טרינקען א גלעזעל טהעע, ביז דיין מאן

וועט דארט זיין גרויס פייער צולעגנז, וועלען מיר זיך ווארעמען ביי א גלעזעל טהעע — האט ווידער אויפגענומען זיין סאר־קאסטיש טאן אלעקסעי פעטראוויטש.

סאפיא איז געווען איצט בייז אויף דער גאנצער וועלט און אויף איהם און האט אויסדרוקספול געקלאפט מיט די גלעזער.

— הייבסט שוין אן שפאטען, אלעקסעי פעטראוויטש?... א צונג ווי א בריטווע...

— און ראם איז ביי אייך דא, זינא? — האט געפרעגט סאקאלאוו, קוקענדיג אויף דער גלאז טהעע.

זינא האט דערלאנגט דעם ראם.

— אייך, פאלקאווניק, אויך מיט ראם? — האט גע־פרעגט סאפיא, דערלאנגענדיג איהם א גלאז טהעע.

— אדאבריאו, אדאבריאו — האט געענטפערט דער פאל־קאווניק.

— וואס דען? וואס פאר א פראגע איז דאס? — האט זיך אנגערופען סאקאלאוו, קאפירענדיג דעם אידישען אקצענט און די אידישע זשעסטיקולאציע — מיט ראם וועט מען זיך גיכער דערווארעמען... אז ניט, זיצט און ווארט ביז דאקטאר ראפאפארט וועט צולעגען זיין פייער... ווי דענקסטו, וואלאדיע, פיעל וועט געדויערען ביז דיין שייטער־הויפען וועט אויפ־פלאקערען? — האט ער זיך געווענדעט צו ראפאפארטען.

ראפאפארט האט איצט שוין געוואלט זיך אויפהויבען און אינגאנצען אוועקגעהן פון טיש, פון זיין אייגען הויז, וועלכעס איז פארנומען געווארען פון גוים, פו דעם גוי'אישען גייסט און פון זיינע ערגסטע שונאים... אוועקגעהן אויף תמיד! ער האט זיך אבער ווידער געפיהלט אזוי ערשעפט און אויסגע־לאשען... און אזוי איז ער געבליבען זיצען און אלעקסעי פעט־ראוויטש האט זיך ווייטער געוויצעלט און געשפאסט.

— און בלינעס וועלען זיין, סאפיא מאטוועיעוונא?

— עס וועלען זיין!

— בלינעם און וואדקע... אה, אויב אזוי איז גוט... פאר־טרעפליך! דאן וועלען מיר צולעגען אן עכט רוסישען פייער. אזא שייטער־הויפען, אז ניט נור ווארעם, ס׳וועט די שדים הייס ווערען; כע, כע, כע! און אונזער פאלקאוניק וועט זיך אויך מיטווארעמען... א יא, פאלקאוניק, מיר וועלען אויס־טרינקען? אזוי, פא רוסקי? א?

— פאר וואס ניט? אויסטרינקען קען מען תמיד, כע, כע, כע! וועגען דעם פייער, איך מיין דעם שייטער־הויפען האט איהר, דאקטאר זעהר שעהן גערעדט... זעהר שעהן. עס געפעלט מיר... אונזער ארכירעי האט עס אויך ליעב א מאל... ווי שייטער־הויפען, פונקען און דאס גלייכען... אדאבריאו... אדאבריאו אי ופאלניע אר־וואזשאיו — און דער פאלקאוניק האט זיך ווידער געגומען דורך פעסטע הענט־דריקונגען ארויס־ווייזען זיין סמיפאטיע מיט דעם אידישען דאקטאר.

— כא, כא, כא! — האט זיך צולאכט הויך אלעקסעי פעטראוויטש, וועלכער איז געקומען אין א גוטע שטימונג. — זעהסט, וואלאדיע, וואוהין דו האסט געטראפען! גלייך צום ארכירעי, כא, כא, כא! די סינאגאגע נעבען קלייסטער. דאס איז א שפאס!

דער פאלקאוניק האט געמאכט גרויסע אויגען. ער האט ניט פארשטאנען זיינע ליבעראלע ווערטער און דער רוסישער לי־בעראל איז איהם געווען איצט ווייטער ווי דער אידישער נא־ציאנאליסט.

— פונדעסטוועגען גלויב איך, פאלקאוניק, אז איהר וועט זיך ביי דעם שייטער־הויפען ניט ווארעמען.

— פאר וואס ניט? אנווארעמען קען זיך יעדערער — האט געענטפערט דער פאלקאוניק.

— פארגעסט נאר ניט, אז דעם פייער דענקען אנצוצינדען ראפאפארט׳ס פאטער און ראפאפארט׳ס זוהן — אלץ אידישע פירמעס — און איהר קויפט דאך ניט ביי אידען...

דער פאלקאוניק האט זיך אביסעל פארשעמט פאר זיין

אנטיסעמיטיזם און האט זיך געפרואווט פארענטפערען:
— ווער האט עס אייך געזאגט ... אומגעקערט, איך קויף נאר ביי אידען, ביי זיי איז ביליגער און בעסער...
— איך וואלט זעהר געוואלט זעהן, ווי איהר, פאלקאווניק, וועט זיך שטעלען ווארעמען ביי א אידישען שייטער־הויפען... די שווארצע מאות מיט פורישקעוויטש'ן וועלען פון אייך מאכען א פיינקוכען... — האט געשפאט אלעקסעי פעטראוויטש.
דער פאלקאווניק האט עס גענומען ערנסט.
— פורישקעוויטש? וואס איז מיר פורישקעוויטש? איך בין א קאמאנדיר פון א פאלק און פורישקעוויטש איז ניט מיין נאטשאלסטווא... און אז איך וועל וועלען, וועל איך מיר ווארע־מען עס מעג זיין א אידישער... די אפאסטאלען זיינען אויך געווען אידען, פונדעסטוועגען האבען מיר זייער גלויבען אנגע־נומען — האט זיך אלץ געפיינט דער פאלקאווניק און האט זיך געווענדעט צום שווייגענדען ראפאפארט אום איהם אויך ארייג־צוציהן אין א געשפרעך — און, מיר האט מען דאקטאר, גע־זאגט, אז איהר האט זיך ביים קריעג אויך שטארק אויסגע־צייכענט?
דא האט זיך ארייגגעמישט דאנקע:
— יא, זעהר... דער פאפא האט אלע מיליטערישע אר־דענס... אז איהר ווילט וועל איך אייך ווייזען... ווייזען, פאפא?
— מ'דארף ניט! — האט געזאגט ראפאפארט.
— אלע מיליטערישע ארדענס! — האט אויסגעשריען דער פאלקאווניק און האט זיך פון איבערראשונג אויפגעהויבען פון ארט — מיין גרעסטען רעספעקט, דאקטאר, אדאבריאו! אדאבראיו אי וופאלניע, וופאלניע אר־וואזשאיו. — און ער האט זיך אויפ'ם ניי גענומען דריקען ראפאפארט'ס הענט — עה... עה... זעהר א פרעהליכע ערשיינונג... מיר, מיליטער־מענ־שען, שעצען און אכטען זעהר טאפערקייט... זייט איהר, הייסט עס, כמעט אן אונזערער, פארטרעפליך! פארטרעפליך! איך מוז עס מיין פרוי דערצעהלען... אה, ווי זי וועט זיך פרעהען מיט

דעם, אונענדליך... פאר וואס־זשע זייט איהר, דאקטאר, פון דעם אוניוועוזיטעט אוועק? — האט איהם געפרעגט דער פאלקאוו־ניק און האט אויסגדריקט אויף זיין פנים א גרויסען צער.

דא איז דאנקע ווידער ארויסגעשפרונגען:

— איך וועל אייך ווייזען, גאספאדין פאלקאוניק!

ער איז ארוים אין מיטען צימער, האט זיך געשטעלט אין א טעאטראלער פאזע, אויפגעהויבען איין האנט און האט אויס־געשריען:

— איהר דארפט א רוסישען פראפעסאר? דאן וועל איך אייך שיקען מיין לאקיי! — און איז מיט טעאטראלישער ווירדע אפגעגאנגען צוריק צו זיין ארט...

די פארשטעלונג האט ביי אלעמען ארויסגערופען א גרויסען געלעכטער. דער פאלקאווניק האט עם ניט פארשטאנען און האט ווייטער געמאכט גרויסע אויגען.

— איך פארשטעה ניט... וואס? וואס האסטו געזאגט?

— ער האט געוואלט זייגען, אז איך האב זיך ניט געוואלט שמד'ען — האט באמערקט פארשעהמט ראפאפארט.

— אה, אדאבראיו, ופאלניע אדאבראיו אי אוואזשאיו! ווי איך האב פיינט די גע'שמד'טע אידען! גאט זאל אפהיטען! אזא שמוץ איז נאך אויף דער וועלט ניט געווען — האט עמפערט ארויגערופען דער פאלקאווניק.

אלעקסעי פעטראוויטש האט אלץ ניט געקענט אויפהערען צו לאכען..

— א ריכטיגער קאמיקער — האט באמערקט די מוטער.

— נו, מאך עס נאך א מאל, מיין קינד! — האט זיך צו איהם געווענדעט אלעקסעי פעטראוויטש.

דאנקע האט זיך פון איהם ברוגז אבגעווענדעט.

— איך בין ניט אייער קינד!

— אך, דו „פאראסיאנאק"! — און אלעקסעי פעטרא־וויטש האט איהם געכאפט אויף די הענט, איהם אנגעהויבען צו וויגען ווי א זויג־קינד און ליידענשאפטליך צו קושען.

— לאזט מיך אפ ! לאזט מיך אפ ! — האט זיך דאס קינד געריסן.

— האסט מיך ניט ליעב... דו וועסט מיך ליעבען! ליעבען! איך וועל דיך נויטען דו זאלסט מיך ליעבען... דו וועסט מיט מיר, מיט מיר פּולוועזירען, כא, כא, כא !...

און סאקאלאװ איז ארומגעלאפען מיט דעם קינד איבער'ן צימער, עס ליידענשאפטליך געדריקט צו זיין מעכטיגער קאַזאצקער ברוסט און איהם געקושט...

ראפּאפּאָרט איז געשטאנען און געקוקט אויף דער סצענע מיט צוויי גרויסע, שרעקליכע אויגען.

דערזעהענדיג די צוויי אויגען, האט אפילו דער קאזאק זיך דערשראקען און שנעל אראפּגעלאזט דאס קינד...

4.

ראפּאפּאָרט האט זיך ענשולדיגט פאר'ן פאלקאָווניק אז ער מוז נאך באזוכען א קראנקען און האט געפונען אין דעם אן אויסרייד צו פארלאזען דאס הויז... ער האט געמוזט בלייבען מיט זיך אליין, קומען צו זיך...

סאפיא מאטוועיעוונא איז אויך געװען צורודערט און שטארק צוטראגען פון דעם גאנצען אווענד, און האט ניט געקענט געהעריג אונטערהאלטען די געזעלשאפט. זי האט געענטפערט אויפ'ן פאלקאָווניק'ס פראגען און קאמפּלימענטען צושטרייט, ניט צו דער זאך...

אלעקסעי פּעטראָוויטש האט זיך יא געפּרואווט ווייטער צו וויצלען און צו שפּאטען... צו סוף אבער האט דער ליבעראל שוין גאר אנגעהויבען צו דערצעהלען אנעקדאטען פון אידען, קאפּירע דעם אידישען אקצענט און זשעסטען און צו לאכען פון זיי אזוי, אז אפילו דער פאלקאָווניק האט זיך דערפיהלט שלעכט און פארלעגען אין דעם אידישען הויז, וואו מען לאכט אפּ פון

אידען... ער האט אנגעהויבען צו בייזערען זיך אויף אלעקסעי פעטראוויטש. סאפיא מאטוועיעוונא האט געשוויגען און האט צושטרייט געשמייכעלט. דאס געשפרעך האט זיך ניט געקלעפט און דער פאלקאווניק האט זיך גענומען געזעגענען...

סאפיא מאטוועיעוונא איז דאן געקומען צו זיך, זי האט איהם אנגעהויבען כלומרשט פארהאלטען און ליעבליך־זיס צו שמייכלען... זי האט איהם באגלייט אין קארידאר, האט מיט איהם נאך לאנג גערעדט ווען ער האט זיך אנגעטאן: ער האט זי אלץ געטריבען אין שטוב אריין, זי זאל זיך ניט פארקילען און זי האט געענטפערט: „ניטשעווא! ניטשעווא!" און ווידער ליעבליך געשמייכעלט און איהם געבעטען צו קומען צו איהר אליין אפט... ווען עס וועט זיך איהם פארגלוסטען... ער וועט אימער זיין א ווילקאמנער גאסט!

— מיט פארגעניגען! מיט פארגעניגען! — האט גע־ענטפערט דער פאלקאווניק. ער האט אנגעזאגט, אז אלעקסעי פעטראוויטש זאל זי אומבאדינגט מיטנעמען, אז ער וועט פאהרען צו זיי. ער האט איהר געקושט די האנט און איז צום אלגעמיינעם פארגעניגען אוועקגעגאנגען, לאזענדיג נאך א מאל גריסען דעם דאקטאר ראפאפארט פאר וועלכען ער האט אזא גרויסען רעספעקט...

אלעקסעי פעטראוויטש און סאפיא מאטוועיעוונא האבען לייכט אפגעאטעמט.

5.

די ערשטע נאכט האט אלעקסעי פעטראוויטש אין ראפא־פארט'ס הויז ניט געקענט שלאפען...

דער געוועזענער חבר זיינער, וועלכען ער האט געקאנט אלס אטעאיסט, פריידענקער און רעוואלוציאנער און וועלכען ער

האט איצט געטראפען אן היסטעריש פרומען, איז איהם פון קאפ ניט ארויסגעגאנגען.

די שארפע שטריכען פון ראפאפארט׳ס צובראכענער נשמה האבען פארטשעפעט און אויפגערודערט אפילו זיין פוילע, סלאווישע נאטור און האבען פארכאפט דעם גאנצען מח זיינעם.

פאר איהם איז ראפאפארט געווען א רעטעניש און ער האט זיך געוואלט עס פארענטפערען, ערקלערען ווי און מיט וואס פאר א וועג איז דערצו געקומען. פון וואנען האט זיך צו איהם גענומען דער קראנקער רעליגעזער עקסטאז...

און וואס מעהר ער האט אויף זיין שלאפלאזען געלעגער געקליבען און זיך איינגעדענקט אין די אינצידענטען פון די צוויי טעג, האט ער געקראגען אלץ מעהר סימפאטיע מיט איהם און אנטיפאטיע צו זיין ווייב און האט זיך דערפיהלט אלץ מעהר שולדיגער אנטקעגען איהם פאר איהר, און דערפאר וואס מען האט איהם אפגעזאגט פון אוניווערזיטעט...

ער האט זיך דערפיהלט צו איהר ניט נאר גלייכגילטיג, זאנדערן ערביטערט, אזוי ווי זי וואלט איהם אריינגעשלעפט אין אן אונאנגענעהמער, פאדריסליכער געשיכטע... ווייטער האט דער ערפארענער מאנסביל מיט זיין חוש באגריפען דאס גאנצע אויסגעלאסענהייט פון דער פרוי... זי איז ניט געווען אויסגעלאסען אין מעשים, וויל די זיטען פון דער פראווינץ־שטאדט האבען איהר ניט געגעבען דערצו די מעגליכקייט ; זי איז געווען אויסגעלאסען אין איהרע געדאנקען... און דאס האט איהם פאלשטענדיג אפגעשטויסען פון איהר. ווען ער האט זי ליעב געהאט דארט, אין מאסקווע, איז זי ניט געווען אזא... זי איז געווען יונג און צנועה׳דיג פריש... איצט איז זי איהם אויסגעקומען ביליג און וואולגאר... ער האט שוין אנגעהויבען חרטה האבען אויף דער גאנצער געשיכטע.

צו וואס האט עס איהם געטויגט זיך איבערפירען אהער אין זייער שטאדט ? אריינגעטראגען שטורם און אונגליק אין א פרעמדער פאמיליע ?

— דאס קינד? — איז דען ניט אלץ גלייך?...

זאל עס וואקסען ביי איהם. פאר דעם צובראכענעם און פארקריפעלטען מענשען איז דאס א גאנצע זאך, א לעבענס־ציעל! אבער פאר איהם?... ער האט סיי־ווי־סיי ניט געהאט קיין באשטימטען ווילען און קיין באשטימטע פלענער וועגען דעם קינד... וואס וועט ער מיט איהם טאן? געלט וואלט ער געשענקט דערויף ווייטער גאר נישט!... זיין פוילע, סלאווישע נאטור האט זיך דערפיהלט מיעד און ניט געוואקסען פאר דער גאנצער געשיכטע און ער האט איצט געקוקט דערויף, אויף דעם גאנצען קומען זיינעם אהער און אויף דעם באזוך, וועלכער האט איהם פריהער פארשאפט אזא אנגענעהמע אויפרעגונג און ערווארטונג, ווי אויף א נארישער, צוועקלאזער און מיעדער אוואנטיורע....

ער האט ביי זיך פעסט באשלאסען ניט נאר ניט אויפצור־רודערען און ניט צו קריפלען זיין חבר׳ס לעבען, פארקעהרט, ער האט באקומען אנגסט; אפשר האט ער איהם אין הארצען שוין אריינגעווארפען א גיפטיגען ספק און איז געווען גרייט איצט אנווענדען אלע קרעפטען און מיטלען ארויסצורייסען דעם ספק מיט דעם ווארצעל...

און איבערהויפט האט ער איצט דערפיהלט א שטארקע באדערפניס צו זאגען דעם אונגליקליכען און באליידיגטען אידען עפעס אזוינס גוטס און טרייסטענדעס... אויפנעמען מיט איהם די אמאליגע גוטע און אפענהערציגע פריינדליכע באציהונגען...

סאקאלאוו האט געוואוסט, אז ראפאפארט ארבייט שפעט איבער זיין גרויס, מאנומענטאלעס ווערק, די פסיכאלאגיע פון זיין פאלק. אין דעם מאמענט האט ער געטראכט פון דעם ווערק מיט גרויס דרך־ארץ און זאגאר מיט קנאה. ער האט אנגעטאן די הויזען, האט ארויפגעצויגען אויף זיך די שטיוועל און האט זיך אין אויסגענעהטען נאכט־העמד געלאזט געהן צו זיין קאבינעט און אנגעקלאפט אין טיר.

ווען ראפאפארט האט איהם דערזעהן אריינגעהן אין קא־

בינעט, האט ער אויפגעציטערט ווי אן איבערגעשראקענער...

— וואס ? שרייבסט, וואלאדיע ? — האט איהם סאקאָ־לאוו געפרעגט גוטמוטיג.

ראפאפארט האט אינסטינקטיוו פארשטעלט מיט דער פּליי־צע זיינע פאפיערען, אזוי ווי ער וואלט מורא געהאט פאר א פרעמד אויג...

סאקאלאוו האט זיך אוועקגעזעצט אונגעבעטען אויפ׳ן שטול און האט אויסגעצויגען זיינע לאנגע פיס אין די גלאנציגע שטיוועל. די חברים האבען געקוקט איינער אויפ׳ן צווייטען א ווײַלע, אזוי ווי זיי וואלטען איצט ניט געוואוסט וואס צו זאגען איינער דעם אנדערען...

סאקאלאוו האט ארויסגענומען א זילבערנע פּושקע, האט פאררויכערט א ציגאר, און לאנג געפּאכעט מיט דעם אויסגע־לאשענעם שוועבעלע אין דער לופט און האט זיך טיעף פאר־צויגען מיט׳ן רויך.

— ווען רעכענסטו פארטיג ווערען מיט דיין ווערק ? — האט ער איהם געפרעגט לאזענדיג דעם רויך פון מויל און האט זיך באמיהט צו געבען זיין טענאר־שטימע מעהר ווייכקייט אין קלאנג...

ראפאפארט׳ן איז פארגעקומען פארדעכטיג זיין ערשיינען אין אזא שפּעטער שטונדע און דער ווייכער קלאנג פון זיין טענאר־שטימע: זיין גאנץ וועזען האט זיך מיסטרויאיש און שפּיאָניש איינגעהערט...

וואס וויל ער פון איהם ? וואס איז זיין עסק ?

און ער האט בייז און ניט־הע‏פליך א בורטשע געטאן:

— איך שרייב שוין דעם דריטען באנד...

— און וויפיעל בענדער דענקסטו איבערהויפּט צו שריי־בען ??

—פינף...

— האסטו שוין א פארלעגער פאר דעם ווערק ?

— ס'וועט זיך שוין געפינען... — האט געזאגט צווישען די ציינער אונפריינדליך ראפאפארט.

— וואונדט האט, דאכט זיך, אויך געשריבען א פעלקער פסיכאלאגיע? — האט איהם געפרעגט סאקאלאוו און האט זיך איינגעקוקט אין מאנוסקריפט.

— איך שרייב וואס אנדערש... — האט באמערקט ראפאפארט און האט אנגעהויבען אונגעדולדיג צו פויקען מיט די פינגער איבער'ן טיש.

סאקאלאוו האט עס באמערקט, און דער גוטער ווילען צו זאגען דעם אמאליגען חבר עפעס ווארעמעס און טרייסטענדעס איז אין איהם פארשוואונדען. דאס אידעל, וואס האט שטאלץ און בייז געבריקעט מיט די פיס און האט ניט צוגעלאזט צו זיך, איז איהם ווידער געווארען אנטיפאטיש און, אנשטאט איהם צו טרייסטען, האט ער אנגעהויבען איהם בייסען און צו שטעכען מיט זיין איראניע.

— געווים מיט א נאציאנאליסטיש־רעליגיעזער טענדענץ? כע, כע, כע!

— איך האב ניט קיינע טענדענציעס! מיין ווערק איז ריין און וויסענשאפטליך! — האט איהם אפגעשטעלט ראפאפארט שארף און קורץ, מיט א בייזען בליאסק אין די אויגען.

— הם... אזוי... אזוי... שטרענג וויסענשאפטליך... — האט באמערקט סאקאלאוו מיט א סארקאסטישען שמייכעל. ער האט ווידער אויפגעהויבען זיינע אויגען אויף דעם מאנוסקריפט און האט דארט דורכגעלייענט דעם טיטעל פון א קאפיטעל: „די ריינקייט פון דער אידישער ראסע“, און האט זיך צולאכט.

— און דו גלויבסט, אז איהר זייט א ראסע? — האט איהם געפרעגט סאקאלאוו.

ראפאפארט'ן האט זיך אויסגעדוכט, אז ער הערט אין זיין שטימע א בייזען שפאט און זיין גאנצעס ווענען האט אין איהם אויפגעבראוזט. שיער, שיער איז ער ניט אריין איהם מיט די

נעגעל אין פנים אריין ווי א ווילדע קאץ. ער האט זיך אבער באהערשט און געענטפערט ווידער שארף און קורץ.

— ס'איז ניט קיין גלויבען, ס'איז א פעסטע וויסענשאפ־טליכע איבערצייגונג, א טאטזאך.

— און איך האב ניט לאנג געלייענט א בוך און אויך פון א אידען, אז איהר זייט איבערהויפט ניט קיין ראסע, דערפאר געפינט מען צווישען אידען ברונעטען, בלאנדע און רויטע.

—' דעם מחבר פון בוך צוקלאפ איך דא אין דעם קאַ־פיטעל אזוי, אז עס בלייבט פון איהם ניט קיין שריד ופליט. דער אויטאר פון דעם בוך איז אן אידיאט, א קרעטין און פארדעטער ! —האט אזוי ווי אויסגעשפיגען מיט כעס ראפאַ־פאַרט און האט זיך באלד בייז צולאכט.

— מיר זיינען ניט קיין ריינע ראסע... כע, כע,, כע ! — שעהן געזאגט ! ווער דען איז ריין, אז ניט מיר ? — האט געפרעגט ראפאפאַרט מיט א שטאלצען בארימערישען פלאם אין די אויגען, און האט זיך געלאזט לויפען איבער'ן דונקעלען קאבינעט, ווי אימער, מיט נערוועזע, טאנצענדע טריט. — אונזער רעליגיאן זארגט פאר דעם, אז מיר זאלען זיין ריין, אז מיר זאלען אין זיך ניט איינגעמען קיין פרעמד בלוט... מיר האבען תמיד פיינט געהאט גרים, דערפאר האבען מיר דאך מילה... מיר האבען זיי ניט געוואלט די גרים, זיי זאלען ניט פאראונרייניגען אונזער בלוט.

— אזוי ?.. האט איהר אין זיך ניט קיין פרעמד בלוט ? — האט ווידער שפאטיש, און אזוי ווי צו ערגערען, געפרעגט סאַ־קאלאוו — איך האב גארניט געוואוסט, אז איהר אידען זייט אזוינע אריסטאקראטען !

— געוויס זיינען מיר אריסטאקראטען ! ווער ווייסט עס ניט ? כא, כא, כא ! מיר זיינען אבער די אמת'ע גייסטיגע אריסטאקראטען, וועלכע האבען א גרויסע ציוויליזאטארישע מיסיאן צו ערפילען... מיר זיינען געווארען דורך טויזענד־

יעהריגען ראַסען־קאַמפּף איין אויסערוועהלטע ראַסע! — האָט כמעט געשריען ראַפּאַפּאָרט מיט אַ קראַנקען שטאָלץ.

— איהר זייט פּראַצענטניקעס, מעקלער און פּאַראַזיטען!

— האָט געוואָלט אויסשרייען דער רוסישער ליבעראַל: ער האָט זיך אָבער פאַרכאַפּט.

— וואָס־זשע, די אידישע פרויען זיינען קיינמאָל ניט געווען אויסגעלאַסען, האָבען קיינמאָל נישט פערקערט געשלעכטליך מיט קיין קריסטען? — האָט סאַקאָלאָוו געפרעגט מיט אַ צינישען שמייכעל.

ראַפּאַפּאָרט האָט אויפגעציטערט... סאַקאָלאָוו האָט זיך פאַרכאַפּט...

— איבריגענס, דאַרף מען אויך צוגעבען... דאָס אידישע פאַמיליען לעבען איז תמיד געווען מאָראַליש און זויבער! מען מעג עס אין אייך באַוואונדערען

— מען מעג פיעלעס אין אונז, אידען, באַוואונדערען — האָט אַ בורטשע געטאָן ראַפּאַפּאָרט — דערפאַר לעבען מיר אַזוי לאַנג!

און דאָס אידעל האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר'ן גוי און האָט שטאָלץ אויסגעצויגען פאַר איהם זיין קליין איינגעהויקערט פיגור'ל, און האָט פאַרריסען דעם קאָפּ.

סאַקאָלאָוו'ן האָט עס ווידער פאַרדראָסען.

„וואָט זשיד" האָט ער זיך אַ טראַכט געטאָן, „און ער שטאָלצירט נאָך אויך!"

— דאָס איז געווען אַ מאָל, אין די אַלטע צייטען... היינט זיינען די אידישע פרויען מעהר אויסגעלאַסען ווי אונזערע... און וואָס פאַר אַ אויסגעלאַסענהייט — געטליך! כאַ, כאַ, כאַ!

— און דער קאָזאַק האָט זיך הויך און ציניש צולאַכט.

דער פרומער ראַפּאַפּאָרט איז צונויפגעדרעהט געוואָרען פון דעם צינישען שמוציגען געלעכטער, ווי פון אַ בייטש, און איז ווידער געווען גרייט איהם אַ שפּרונג טאָן אין פּנים אריין.

סאַקאָלאָוו האָט זיך אויפגעהויבען.

איבריגענס, זייט איהר קראנק? — האט ער איהם א ווארף געטאן אין פנים אריין בייז, מיט דער כונה איהם וועה צו טאן, צו באליידיגען.

— ווער איז קראנק? — האט געפרעגט ראפאפארט.

— איהר, אלע אינטעליגענטע אידען! מיט אייער נאציאנאליסטישען שטאלץ און פוסטער, נארישער גאוה!

ראפאפארט האט געפרואווט גלייכגילטיג צו לאכען.

— מיר זיינען קראנק?... כא, כא, כא!

— געווים זייט איהר קראנק! און ווייסטו ווען דו דערמאנסט מיך מיט דיין פסיכאלאגיע פון אידישען פאלק... מיט דיין רעליגיעזען וואהנזין און דיין קראנקען שטאלץ? ס'דערמאנט מיך אן דעם מייזעל פאר ווען ס'האט זיך פארמאכט דאס שטייגעל, און ס'לויפט ארום הין און צוריק אין א טויט־פאניק...

— אזוי גאר? — האט ראפאפארט א קריץ געטאן פון ווהטאג מיט די צייהן.

— יא, וולאדימיר סעמיאנאוויטש! אזוי זעהט איהר אויס... איבער אייער קאפ הענגט דאס שווערד פון פארניכטונג!

— האט אויסגעשריען סאקאלאוו און האט א קלונג געטאן מיט די שפארען.

און איצט זיינען זיי שוין ווידער געשטאנען איינס פאר'ן אנדערען, ניט ווי צוויי חברים, נור ווי צוויי טויט־פיינד. דאס קליין מיט האס און גיפט פלאקערענדע און באליידיגטע אידען און זיין באליידיגער, דער מעכטיגער קאזאק, וועמעס גליעדער האבען אין א נאכט־העמד אויסגעזעהן נאך מעכטיגער, אויסגעגאסען ווי פון שאל.

— ווער־זשע וועט אונז פארניכטען? אפשר איהר, שווארצע מאה'ניקעס? כא, כא, כא!

— א ליגען! איך בין ניט קיין שווארץ־מאה'ניק! — האט אויסגעשריען סאקאלאוו מיט א שטארקען טופ און קלאנג פון די שפארען. — די שווארצע מאה האלט נור אויף אייער

טויט! איך וואָלט דער ערשטער אייך געגעבען אַלע רעכטע און אין איין אָדער צוויי דורות וואָלט פון אייך און דער גאַנצער קראַנקער פּסיכאָלאָגיע קיין זכר ניט געבליבען! — האָט געזאָגט דער קאָזאַק.

ראַפּאַפּאָרט האָט ווידער געלאַכט, אָבער אַזוי ווילד און גיפטיג.

— נאַרישקייטען, אַלעקסעי פּעטראָוויטש! איך וויים ניט צו אין פופציג יאָהר אַרום וועט נאָך וואָס בלייבען פון דעם גרויסען רוסלאַנד און פון דעם גרויסען רוסישען פאָלק! גיכער פון אַלעמען וועלען אייך די מאַנגאָלען און די געלע ראַסע אויפעסען. זיי זיינען, דאַכט זיך מיר, פעהיגער און מאָראַלישער פון אייך... ניט אומזיסט האָבען אייך די יאַפּאַנעזער אַזוי צוקלאַפּט, כאַ, כאַ, כאַ! אָבער אַז דאָס אידישע פאָלק וועט נאָך עקזיסטירען טויזענדע יאָהרען ווי זי עקזיסטירט איצט, איז מיר קלאָר ווי צוויי מאָל צוויי איז פיער, כאַ, כאַ, כאַ! דאָס באַווייזט מיין ווערק, מיינע אַנטראָפּאָלאָגישע, פּסיכאָלאָגישע און היסטאָרישע פאָרשונגען! ווי אַזוי זאָגט אייער רוסיש ווערטעל: „דער חזיר וועט ניט אויפעסען און גאָט וועט ניט באַליידיגען!“ אַ שעהן ווערטעל, כע, כע, כע!

ביים רום האָבען זיך די פינגער צוזאַמענגעדריקט אין מעכטיגע פויסטען. סאַקאָלאָוו האָט ווידער געזוכט צו זאָגען עפּעס אַזוינס, בייסענדעס, אַז דאָס שטאָלצע אידעל זאָל אַ שפּרונג טאָן פון וועהטאָג און באַליידיגונג. שיער האָט ער איהם ניט אַ וואָרף געטאָן אין פּנים אַריין, אַז ער האָט געלעבט מיט זיין ווייב, אַז דאָס קינד פון וועלכען ער וויל מאַכען אַ כשר'ן איד, איז זיינס, אַ גוי'איש און טריף קינד. אַ ווייל זיינען זיי געשטאַנען איינס פאַר'ן אַנדערען ווי העגער פאַר'ן קאַמפּף. ראַפּאַפּאָרט איז אָבער ווידער געשטאַנען פאַר איהם אַזוי קליין און פאַרעכטליך אָרים און מיטליידענסווערטה, אַז סאַקאָלאָוו האָט איהם אַפּגעלאָזט אוים רחמנות, ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט ווי איינער זאָגט: „טשאָרט ס'טאָבאָי!“

ער האָט איהם געזאָגט אַ גוטע נאַכט און איז אַפּגעגאַנגען צו זיך, מיט שווערע קלינגענדע טריט.

אין דער טיר פון זיין צימער, איז געשטאַנען סאָפיא מאַט־וועיעוונאַ, אַ נאַקעטע, און אַ גליהענדע פון ערוואַרטונג.

דער קאָזאַק האָט זי פעסט איינגעשלאָסען אין זיינע מעכ־טיגע קאָזאַצקע אָרעמס...

די בלינדע רבי'צין

זעקסטער קאפיטעל.

1.

די בלינדע רבי'צין איז געווארען אונרוהיג. זי האט ביי זיך אין שטוב דערפיהלט די געפאר, וואס דער גוי האט מיט זיך געבראכט אין איהר וועלוועל'ס הויז. די שנור האט זי פיינט געקראגען פון דער ערשטער מינוט אן, און פלעגט פון איהר קיינמאל ניט רעדען מיט'ן זוהן. סאפיא מאטוועיעוונא האט איהר געצאהלט מיט גלייכע געפיהלען. און די שטילע פיינד־שאפט צווישען דער שוויגער און דער שנור האט פארטיעפט דעם אפגרונד צווישען מאן און ווייב, וועלכער האט זיך ארויס־געוויזען באלד נאך זייער חתונה.

די באבע האט אויך ניט ליעב געהאט דאס קינד, אזוי ווי א באבע ליעבט אן אייניקעל און האט זיך צו איהם פארהאלטען גלייכגילטיג ווי צו א פרעמד קינד און צייטענווייז גאנץ אונ־גערולדיג, ווען דאנקע פלעגט איהר דערעסען.

זי פלעגט אויך זעלטען רעדען מיט'ן זוהן וועגען קינד.

און זיין געפלאגטער און שפיאנירענדער גייסט האט אלעס באמערקט און פארדעכטיגט פארפאלגט. און יעדער אונגע־דולדיגע באוועגונג און ווארט פלעגט שאפען שרעקענדע, גע־שפענסטער און נאגענדע נאהרונג פאר זיין פלאגע. און דאס אליין האט געמאכט א שיידע־וואנט צווישען זוהן און מוטער.

ער האט מורא געהאט צו ריידען מיט איהר וועגען זיין ווייב און פאמיליען־לעבען. ביי יעדער געלעגענהייט פלעגט ער לויפען דערפון מיט א טויט־פאניק ווי פון אן אפגרונד; און האט געטראגען דעם קראנקען צווייפעל און וועהטאג אליין, פארשלאסען אין הארצען.

אלעקסעי פעטראוויטש אבער האט געבראכט דעם קריזיס, דעם קראנקען צושטאנד פון זיין נשמה צו זיין קולמינאציאנס

פונקט, און ראפאפארט האט אנגעהויבען פארלירען זיין גלייכ־געוויכט. פריהער פלעגט ער רופען צו הילף זיין געזונטען אנאליטישען פארשטאנד, און ביי זיין ליכט צוטרייבען די נאכט־שאטענס פון זיין קראנקען צווייפעל און זיך בארוהיגען אויף א לענגערע צייט.

ער פלעגט נאכדעם לאכען פון זיין וואהנזין און קושען און צערטלען דאס קינד מיט א דאפעלטער ליידענשאפט...

איצט האט ער עס שוין ניט געקאנט...

דער געוועזענער חבר האט אין איהם אריינגעטראגען אזא אונבאגרייפליכען אונרוה, אזא פאניק, אז זיין גייסט איז אין גאנצען געפאנגען געווארען פון די שאטענס פון דער וואהנ־זיניגער פלאגע... דאס לערנען מיט'ן קינד האט ער פארנאכ־לעסיגט...

דאנקע איז שוין עטליכע טעג ארומגעגאנגען לעדיג... סאָ־פיא האט געשטוינט און איז אויך געווארען אונרוהיג... אונרוהיג און נערוועז זיינען געווארען אויך די מענשען אין שטוב און זינא און די אלטע רחל האבען זיך געקריגט און געפאטשט אפטער ווי תמיד.

סאפיא מאטוועיעווגא האט זיך אבער געטראגען אויף דעם שטראם פון ליידענשאפט וואס האט זיך אנגעזאמעלט דא אין דער פראווינץ־שטאדט אין איהר פארהונגערטען געזונדען קערפער. זי האט זיך ניט געקאנט אפשטעלען און זיך ארומ־קוקען... דער פארהאלטענער שטראם האט אויסגעבראכען, זי האט זיך אבער באדארפט מיט איהר ליידענשאפט היטען און שטיקען און דאס האט זי געמאכט נערוועז און אונרוהיג. זי האט פארלארען איהרע פוילע, קאלטע באוועגונגען: ס'האט אין איהר ערוואכט די איינגעשלאפענע ליידענשאפטליכע פרוי און איהר גאנצעס וועזען איז געווארען פיעבערהאפט געשפאנט צוטראגען אויפגערעגט און אונגעדולדיג.

דעם מאנ'ס שפיאנירענדע אויגען האבען עס ניט געקענט ניט באמערקען...

דאקטאר ראפאפארט'ס אונרוה און וועהטאג זיינען גע־וואקסען.

ער האט שוין אליין ניט געקאנט טראגען, די באדערפניש אויסצורעדען זיין הארץ איז געווארען פאר איהם זעהר גרויס און ער האט באשלאסען אלעס, אלעס צו דער צעהלען דער מוטער...

2.

אויפ'ן צווייטען מארגען האט ראפאפארט נאכ'ן דאוו־נען זיך געזעצט טרינקען טהעע ביי דער מוטער מיט דעם אבזיכט צו פארפירען מיט איהר א געשפרעך...

ראפאפארט האט שטארק געגלויבט אין דעם וויטזעהענ־דען אינסטינקט פון בלינדע מענשען, ווי זיין אלטע מוטער. און ער האט ערווארטעט פון איהר אווארט, א פראפעטישען געדאנק, וואס זאל באלויכטען ווי א בליץ די פינסטערע נאכט פון זיין לעבען... אזוי ווי אויף צו להכעיס אבער האט די פרומע רבי'צין געדאווענט היינט לענגער ווי שטענדיג און ראפאפארט איז געזעסען ביי זיין גלאז טהעע און האט אונגעדולדיג גע־מישט מיט'ן לעפעלע.

— ווער איז דער גוי וואס האט זיך עפעס באזעצט ביי דיר? — האט איהם געפרעגט די מוטער די ערשטע, אבער בייז און שטרענג.

פאר'ן זוהן איז די פראגע געווען אן אונערווארטעטע... און ער האט זיך איבערגעשראקען...

ער האט געוואלט אנהויבען פון דער זייט, אבער ניט אזוי גלייך... געאיילט... פאר'ן גלייכען און קורצען וועג האט ער זיך געפיהלט צו פייג...

— דאס איז א געוועזענער חבר — האט געענטפערט ראפאפארט פארשטיקט.

— לאנג ביסטו שוין מיט איהם באקאנט?

— א יאהר פיערצעהן. מיר האבען שטודירט צוזאמען — און ראפאפארט האט געזוכט איבערלייענען אויף איהר בלינד פארגליווערט פנים איהרע געדאנקען, וועלכע זיינען געלאפען ווי שאטענס פון אן אנדער טויטער וועלט...

— וואס־זשע? שוין ניטא אין שטאדט וואו צו וואוי־נען? — האט איהם געפרעגט די מוטער מיט א פארוואורף.

— מ'קען דאך ניט זיין אזוי אונפריינדליך...

— און ווי לאנג איז ער מיט א י ה ר באקאנט?

דער שטרענגער פארהער האט איהם נאך מעהר איבער־געשראקען. ס'האט איהם שוין ווידער אנגעכאפט און געטריי־סעלט א פאניק און ער האט געוואלט אנטלויפען... פון דעסט־וועגען האט ער געפרעגט:

— אנטקעגען וואס פרעגסטו דאס מאמע?

די מוטער האט פארקערעוועט אין א זייט...

— גאר נישט, גאר נישט — האט זי איהם בארוהיגט מיט א צערטליכען טאן — איך פרעג עס סתם אזוי, ווייל רחל האט מיר געזאגט, אז סאניע איז מיט איהם אויף „דו".

דער צערטליכער טאן און דער נאמען סאניע, וועלכען די מוטער פלעגט זעהר זעלטען ברויכען, האט איהם אביסעל בא־רוהיגט און געבראכט צו זיך...

„איך בין קראנק, מיין גייסט איז איבערגעשפאנט... איך מוז מיך נעמען אין די הענט אריין". איז דורכגעלאפען ביי איהם א געדאנק.

— ווארום לויפט ארום דאנקע לעדיג, פוסט און פאסט? — האט זי איהם געפרעגט שטיל און גלייכגילטיג.

ראפאפארט האט אויפגעציטערט. א קאלטער טויט־שוויים איז ארוים אויף זיין שטערען.

„אט, אט, וועט געזאגט ווערען דאס ווארט, די נבואה"... און ער האט זיך צוגעגרייט צו דעם מיט א קאלטען שוידער.

— איך ווייס... איך בין די לעצטע צייט אזוי באַשעפּטיגט... אזוי פיעל קראַנקע אין שטאָדט.

— טאַ נעם איהם צו אַ לעהרער. אַ קינד אין זיינע יאָהרען קען ניט אַרומלויפען פּוסט און פּאַס און ווילד... ער ווערט דאָך משוגע פון לעדיג געהן...

— וואָס־זשע, ער דערקוטשעט דיר אפשר, מאַמע?

— דערקוטשעט? וואָס איז שייך, אַ קינד דערקוטשעט... אַ קליינער אונגליק... דער שייגעץ איז נעכטען גאָר ניט געוועזען ביי מיר דעם גאַנצען טאָג. אַ קינד דאַרף מען לערנען! — האָט שטרענג באַמערקט די מוטער.

ראַפּאַפּאָרט האָט דערהערט אין איהר שטימע אַ לאַסקע, אַ ליעבעם־קלאַנג...

„וואָהנזין, נור וואָהנזין, מאָרד־געשפּענסטער!" — איז געשפּרונגען ביי איהם אין קאָפּ אַ געדאַנק. ער האָט זיך אָבער ווייטער גענומען לויערען און שפּיאָנירען נאָך דער מוטערס גע־דאַנקען, נאָך זיינע אייגענע...

באַלד אָבער האָט ער זיך אַליין געכאַפּט ביי דער שפּיאָנען אַרבייט און איז אויפגעשפּרונגען ווי אַ וואָהנזיניגער.

— מאַמע, איך בין קראַנק! מיין מאָרד טריקענט מיר! — ער האָט זיך געקלאָגט ווי אַ קליין אונבאַהאָלפען קינד וואָס זוכט שוץ ביי דער מוטער.

די בלינדע מוטער איז פּאַרציטערט געוואָרען.

— וואָס איז דיר, מיין קינד? — האָט זי אויסגעשריען אונרוהיג.

— איך ווייס ניט, איך בין מיעד, שטאַרק מיעד; צו־פיעל אָנגעשטרענגט, מאַמע, מאַמע!

און דער גרויסער פיערציג־יעהריגער מענש איז געפאַלען אין שטוהל, איינגעגראָבען דעם קאָפּ אין די הענט און האָט אויס־געבראָכען אין אַ קינדיש היסטעריש געוויין. אַ נערוועזער ציטער האָט אָנגעהויבען צו טאַנצען אויף דער בלינדערס פאַר־גליווערט פנים, וועלכער האָט זיך געקרימט און געקנייטשט.

און באַלד האָבן איהרע בלינדע אויסגעלאָשענע אויגען אויך אָנגעהויבען גיסען גרויסע, קריסטאַלענע טרערען...

— וואָס איז דיר, וועלוועלע מיין קינד? גט זיך מיט איהר! זי איז ניט פאַר דיר... זי איז א פרעמדע... איידער איך האָב זי נאָך געקענט, פון ווייטענס האָב איך דערפיהלט, אַז זי וועט דיר זיין פרעמד... דו האָסט באַדאַרפט נעמען א אידישע טאָכטער פון אונזער גראַד, א מיוחסת — א טאַטענס א קינד... ווי קומט זי צו דיר?

— און דאָס קינד? דאָס קינד, מאַמע? — האָט אויס־געשריען ראַפּאַפּאָרט — און דאָס גרויסע קינד האָט אויסגע־שטרעקט צו זיין מוטער צוויי פאַרצווייפעלטע ציטערענדע הענט נאָך הילף.

די בלינדע האָט דערפיהלט די אויסגעשטרעקטע הילפ־לאָזע הענט, — זי האָט געזאָגט מיט א טיעפער פאַרטויבטער שטימע, וועלכע איז געקומען ווי פון אַן אַנדערער וועלט...

— דאָס קינד, דאָס קינד לאָז ביי זיך! ס'איז דיין קינד. וואָס פאַר אַן ערציהונג וועט זי איהם געבען? זי וועט איהם מאַכען פאַר א גוי!

דאָס הייליגע וואָרט, די נבואה איז געזאָגט געוואָרען! און פון זיין ברוסט האָט זיך אַרויסגעריסען א הערץ־געשריי, אַזוי ווי ס'וואָלט אַרויס פון דאָרט מיט א געשריי דער דיבוק וואָס האָט געפּלאָגט און געצונדען זיין מאַרך...

3.

ראַפּאַפּאָרט האָט זיך ווידער גענומען פאַר דערערציהונג פון זיין קינד, אָבער נאָך מיט מעהר חשק.

אַלעקסעי פּעטראָוויטש האָט זיך געזוכט א דירה און פלעגט אַבזיכטליך אויסמיידען דאָס קינד. ער האָט זיך אָפּגעגעבען מיט זיינע דיענסט־פּליכטען און האָט זעהר ווייניג פאַרבראַכט

מיט סאָפיא מאַטוועיעוונאַ: עסען פלעגט ער אין מיליטער קלוב. דערפאַר האָט ער אָנגעהויבען זיך צוצוקוקען און אינטערעסירען מיט דעם אידישען לעבען און אַפּט זיך ווענדען צו זיין חבר מיט פערשיעדענע פראַגען.

ראַפּאַפּאָרטען האָט זיין ערנסטער אינטערעס צום אידישען פאָלק געריהרט און זייערע בעציהונגען זיינען געוואָרען פריינדליכער און רוהיגער. ער האָט איהם עטליכע מאָל איינגעלאַדען מיט זיך אויף קאָנסוליאומס און אַלעקסעי פּעטראָוויטש איז גערען מיט איהם געגאַנגען. סאָקאָלאָוו האָט פערבאָרגען זיין סאַרקאַסטיש שפּאָטענדען טאָן און האָט זיך פערהאַלטען צו זיין קאָלעגע, מיט דעם זעלבען רעספּעקט און בעוואונדערונג ווי אין די סטודענטען־יאָהרען. זיי האָבען שוין עטליכע מאָל פערבראַכט צוזאַמען שפּעטע נאַכט־שטונדען אין ראַפּאַפּאָרט'ס קאַבינעט אין פריינדליכע אינטימע געשפּרעכען ווי אין דער סטודענטען־צייט. אַלעקסעי פּעטראָוויטש האָט זיך בעמיהט צו רייניוואַשען דאָס רוסישע פאָלק פון אכזריות און פּאָגראָמען און האָט אַלע פערפאָלגונגען אַרויסגעוואָרפען אויפ'ן קאָפּ פון דער פערפלוכטער רוסישער רעגירונג. ראַפּאַפּאָרט'ס פלאַגענדער פערדאַכט איז אין גאַנצען איינגעשלאָפען.

ער האָט שוין אַליין אַ פּאָר מאָל געהייסען זיין פרוי איהם איינלאַדען צום מיטאָג, און זי האָט כלומרשט ניט געוואָלט. — זי אַליין האָט געזוכט פאַר איהם אַ וואוינונג...

דאָס איבערגעשראָקענע הויז האָט זיך ווידער בערוהיגט און האָט געלעבט צוריק דאָס נאָרמאַלע לעבען ביז, ביז... דעם אבענד...

אין דעם אבענד...

זיעבעטער קאפיטעל.

1.

סאי'ז געווען אלעקסעי פעטראוויטש'עס געבורטס־טאג. סאפיא האט דעם טאג געוואוסט און האט איהם פארגעשלאגען, אז ער זאל איינלאדען צו זיך איינינגע בעקאנטע אפיציערען פון זיין פאלק. סאקאלאוו האט נאך כמעט ניט געהאט קיין בע־קאנטע און ס'האט זיך איהם איבערהויפט ניט געגלוסט האבען געשעפטען מיט דער וואיענשטשינע. סאפיא האט אבער אזוי געבעטען, אז ער זאל איהר ברייגנען א פאר אפיציערען, אז ער האט איינגעלאדען צו זיך זיין פאלקאווניק אוסאוו און זיין אדיוטאנט, א יונגען ראטמיסטער מיט דעם נאמען סאלאוויאוו. פאר א פיערטע האנד צום קארטענשפיעל האט סאקאלאוו נאך איינגעלאדען א פוילישען וואיאזשער מיט א שווערען נאמען פרזשצגעלסקי און מיט דינע וואנצעלעך ווי ביי א פריים. מיט דעם פארשווין האט ער זיך בעקאנט ערשט ביי א ביליארד־פאר־טי אין א האטעל וואו ער האט אין גאנצען געלעבט צוויי מעת לעת, און האט געוואוסט, אז ער קאן מאכען א גוטען טרונק...

די קליינע געזעלשאפט האט צוערשט פערבראכט אביסעל אין סאפיא'ס סאלאן; מ'האט צוערשט געטרונקען און דער־צעהלט מיליטערישע אנעקדאטען מיט אזוינע פיקאנטע שטע־לען, וועלכע מ'האט בעדארפט איבערגעבען מיט א וואונק און סאפיא מאטוועיעוונא האט זיך כלומר'שט פערשעהמט...

צו איהר גרויסער צופרידענהייט איז ראפאפארט געווען פעררייזט אין א נאהענטען דארף צו א קראנקען גלח. אזוי ווי ער האט אבער געקענט אונגעריכט אנקומען, האט די בעל־הבית'־טע געהייסען גרייטען צום אבענד־ברויט אין סאקאלאוו'ס צי־מער, וועלכעס איז געווען גרויס געגוג און איז געווען צוטיילט מיט א שפאניש ווענטעל, אונטער וועלכען ס'איז געשטאנען זיין

בעט. אהין האט מען אויף אריינגעטראגען א לאמבארד טישעל פאר'ן קארטענשפיעל.

סאפיא האט געטראגען א באל־קלייד, מיט קורצע ארבעל און מיט אזא פארשייטען אויסשניט, אז דער פאלקאוו־ניק האט ממש ניט געקאנט אראבלאזען פון איהר זיינע בע־געהרענדע צינישע בליקען און האט געמאכט אזוינע גרימאסען און ווינקען, אז די איבעריגע געסט האבען זיך דערפיהלט שלעכט און פערלעגען.

ער איז איבערהויפט פון איהר ניט אבגעגאנגען, האט ניט אויפגעהערט מאכען איהר קאמפלימענטען און צו שמייכלען אזוי, אז סאקאלאוו איז געווארען א ביסעל אייפערזיכטיג און בייז און ווי כסדר האט ער זיך גענומען שפאטען פון פאלקאוו־ניק.

סאפיא מאטוועיעוונא איז געווען אנגענעהם אויפגערעגט פון דער רוסישער געזעלשאפט, וואס זי האט ביי זיך אין שטוב. פון פאלקאווניק'ס קאמפלימענטען און פון סאקאלאוו'ס איי־פערזוכט. דאס פנים האט זיך ביי איהר פערפארבט, און די נאזלעכער פון דער פערשייט פעררויסענער נאז האבען ליידענ־שאפטליך און אויפגערעגט געציטערט ווי ביי א הייסבלוטיג און ווילד אראביש פערד.

די פערפוצטע זינא איז ארומגעלאפען פון צימער צו צימער, האט געבאלעבאטעוועט און בעדיענט און איבערגעווארפען זיך מיט בליקען און צוויי־דייטיגע ווינקען מיט איהר בעל־הבית'טע און חבר'טע.

באלד איז מען איבערגעגאנגען צום טיש, אין סאקאלאוו'ס צימער און מ'האט זיך גענומען אויסטרינקען צווערשט נור צו ביסלעך און צו פערבייסען... פון די ביסלעך אבער איז ביי יעדען געווארען היים אין קאפ און די פנים'ער אנגעגאסען רויט און פערשוויצט...

מ'האט אנגעהויבען רעדען העכער, ווייל די צינגער זיינען געווארען שווערער און האבען זיך ניט בעוועגט אזוי לייכט ווי

פריהער. סאָפיא מאַטוועיעווגאַ האָט אויך גענומען אַ פּאָר ביסלעך קאָניאַק און דאַדורך זיינען די נאַקעטע קערפּער־ליניען איהרע און די פּערריסענע נאָז געוואָרען פערשייטער און ארויס־רופענדער...

דער פּאָלקאָווניק האָט זי אוועקגעזעצט אויף דער סאָפע און האָט זי צום סוף שוין אין גאַנצען מאַנאָפּאָליזירט פאַר זיינע קאָמפּלימענטען און בעגעהרענדע וואָלפישע, מיט בלוט אָנגע־גאָסענע אויגען.

דאַנקע האָט זיך אויך ארומגעדרעהט צווישען די געסט און האָט געקוקט אויף דער מוטער מיט פערשעהמטע און פרע־גענדע אויגען. זינאַ האָט דערצעהלט אַז ראַפּאָפּאָרט איז גע־קומען. אלעקסעי פּעטראָוויטש האָט געשיקט זינאַ'ן, אַז זי זאָל איהם בעטען אריינקומען.

אז ראַפּאָפּאָרט האָט זיך דערוואוסט, אַז ביי איהם אין הויז איז דאָ אַ גוי'אישע געזעלשאַפט און אַז זיין פרוי פערברייננגט מיט אָפיציערען, האָט איהם ווידער אָנגעכאַפּט דיזעלבע אונרוה, וואָס סאָקאָלאָוו האָט אריינגעטראָגען אין זיין נשמה און אין זיין הויז.

ס'איז ניט געווען קיין אייפערזוכט. סאָפיא איז איהם שוין לאַנג געווען פרעמד און גלייכגילטיג, ס'איז איינפאַך געווען אַן אַנגסט־געפיהל, אַז די גוים זאָלען ניט ווי עובדי עלילים פער־שוועכען דאָס הייליגטום פון זיין אידיש און שטרענג זיטליך הויז. און ער האָט בייז געענטפערט זינאַ'ן, אַז ער האָט דאָרט ביי זיי ניט וואָס צו טאָן...

זינאַ האָט איבערגעגעבען זיין ענטפער אין אַן עדעלער פאָרם, פונדעסטוועגען האָט עס אלעקסאַנדער פּעטראָוויטש'ען און די געסט פערדראָסען און בעליידיגט... זיי האָבען זיך גע־וואָלט בעקענען מיט'ן מערקווירדיגען אידעל, פון וועלכען די שטאָדט האָט דערצעהלט גאַנצע לעגענדען...

דער פּאָלקאָווניק אַליין האָט עס בעדויערט און האָט גע־וואָלט געהן פערזענליך איהם איינלאַדען... סאָפיא און אלעק־

סעי פעטראָוויטש האָבען איהם אָבגעהאַלטען און געשיקט דאָס קינד.

ראַפּאַפּאָרט האָט איהם ארויסגעטריבען און האָט זיך פערשלאָסען אין זיין קאַבינעט. דאָס קינד האָט זיך געשעהמט דערצעהלען, אז דער פּאַפּא האָט איהם ארויסגעטריבען און האָט געבראַכט זיין אייגענעם תירוץ.

— דער פּאַפּא שרייבט... ער שרייבט די פּסיכאָלאָגיע פון אידישען פאָלק... — און דאַנקע האָט דער אַזוי קאָמיש נאַאיוו געריבען די הענטלעך, אזוי ווי ער וואָלט זיי, די גוים, געבראַכט א גרויסע בשורה.

די געסט האָבען זיך הויך צולאַכט...

— אזוי, די פּסיכאָלאָגיע פון אידישען פאָלק? און מיט דיין מלמד האָסטו שוין היינט געלערענט? — האָט איהם געפרעגט סאַקאָלאָוו, נעהמענדיג איהם אויף דעם שויס.

— נו, געווים... וואָס פאַר א פראַגע! איהר ווייסט, איך האָב היינט אָנגעהויבען צו לערנען גמרא — האָט אָנגעהויבען צו קלינגען דאַנקע מיט זיין זיסער שטימע ווי מיט א גלעקעלע.

— וואָס? וואָס? — האָט איבערגעפרעגט ראַטמיסטער סאָלאָוויאָוו, וועלכער האָט זיך זעהר פעראינטערעסירט מיט דעם קינד.

— תלמוד! תלמוד! איך האָב געלערענט, אז א היון האָט געלעגט אַן איי אום יום טוב, איהר פערשטעהט?

— וואָס? וואָס? — האָט נאָך אַמאָל איבערגעפרעגט סאָלאָוויאָוו.

— אז א היון האָט געלעגט אַן איי אום יום טוב... וואָס פערשטעהט איהר דאָ ניט?... — האָט זיך שוין א ביסעל געבייזערט דאַנקע. אַלע האָבען ווידער געלאַכט.

— כאַ, כאַ, כאַ! — דאָס שטעהט ביי אייך אין תלמוד? — האָט איהם געפרעגט סאַקאָלאָוו און איהם אָנגעצויגען צו זיין ברייטער, מעכטיגער ברוסט.

— נו, געווים, איהר גלויבט מיר ניט? אויף מיין עהרע

ווארט! איינער זאגט אז מען מעג עס עסען און א צווייטער ראבין זאגט אז מען טאר עס נישט עסען...

די געסט האט עס שטארק אמוזירט.

די מוטער אבער, וועלכע איז געזעסען אויף דער סאפע און האט געשמועסט מיט דעם פאלקאווניק, געגעסען פון זיינע צוויי אנגעגאסענע, תאוה׳דיגע אויגען, האט זיך דערפיהלט סקאנדאליזירט פון דעם מלמד און פון דעם תלמוד.

— דאנקע, דו הויבסט שוין אן? וויפיעל מאל האב איך דיר געזאגט — האט זי זיך געווענדעט שטרענג צום קינד און האט זיך אויפגעהויבען צו איהם פון דער סאפע...

— לאז איהם צו רוה! הערסט? — האט סאקאלאוו געזאגט און איהם פערשטעלט. ביין איז ער געווען אויף איהר פאר איהר קאקעטירען מיט דעם פאלקאווניק, און פאר איהר פאלשען, זיסען שמייכעל.

— זיי לאזען איהם קיין קאפ נישט אויפהויבען — האט ער זיך געווענדעט צו די געסט.

— אן אמוזאנטער איינגעל דאס איז — האט געזאגט סאקאלאוו.

דער פאליאק האט גענומען מיט פערדרוס ארויפדרעהען זיינע דינע וואנצעלאך. דא איז ארייננעגאנגען זינא און האט ערקלערט אין דער טהיר:

— דאני! דער פאפא רופט דיך.

— איך וויל דא זיין אביסעל — האט ער זיך אנגערופען.

— זאל ער דא זיין אביסעל מיט אונז — האט געזאגט סאקאלאוו.

— ניין, דער פאפא האט געזאגט דו זאלסט באלד אריינגעהן צו איהם, ער בייזערט זיך שוין...

ביי אלעקסעי פעטראוויטש׳ען האט זיך דער האלז אנגעגאסען מיט בלוט, דאס רויטע, פערשוויצטע פנים איז געווארען נאך רויטער און ער האט א קלאפ געטאן אין טיש.

— און ער וועט זיין דא! זאג דיין באריז, אז איך לאז איהם ניט געהן און באסטא!

די גלעזער מיט די פלעשער אויפ'ן טיש זיינען אונטערגע־שפרונגען פון זיין קלאפ. די געסט האבען זיך איבערגעקוקט.

— ווי איהר ווילט... דער באריז איז ברוגז... עס פעהלט נאך א סקאנדאל — און זינא האט א קנייטש געטאן מיט די פלייצעס און איז אבגעגאנגען.

סאפיא איז אבער געווארען שטארק אונרוהיג... זי האט מורא געהאט דער פאטער זאל נאך איהם קומען און זי מיט דעם קינד טרעפען אין דער גזעלשאפט.

— דאנע, געה צום טאטען! — האט זי בעפוילען דעם קינד.

— ניין! דאס קינד בלייבט דא! אזוי וויל איך, הערסט?

— האט שוין אויף איהם געשריגען דער האלב־שכור'ער סאקא־לאוו.

דאס קינד האט זיך איבערגעשראקען און דערפיהלט שלעכט.

— איך וויל געהן... דער פאפא וועט שרייען — האט ער זיך געבעטען אז אונרוהיגער.

— דאס איז מיין געשעפט, אז ער וועט שרייען אויף דיר, וועל איך שרייען אויף איהם — האט געזאגט סאקאלאוו.

די געסט האבען זיך געוואלט ארייננמישען.

— ניט אייער געשעפט! — האט אויף זיי געשריען סא־קאלאוו. ער האט זיך אבער פערכאפט און זיך געווענדעט צום קינד מיט א צארטערען טאן:

— און דו ווילסט איך זאל דיר קויפען א פאני, א?

— יא, יא! א קליינע פאני און שענקט מיר אייער שווערד...

— מיט פערגעניגען, מיט פערגעניגען! וועלכע, די אלטע צי די נייע?

ביידע זיינען צוגעגאנגען צו דער וואנט וואו עס זיינען גע־

האנגעז זיינע שווערדען און האבען זיי אנגעהויבען צו בע־טראכטען.

סאפיא האט שוין אבער ניט געקענט זיך רוהיג אונטער־האלטען און פלירטען מיט דעם פאלקאווניק.

— ענטשולדיגט, פאלקאווניק! — זי האט זיך אויפגע־הויבען פון דער סאפע.

— איהר געהט אוועק, מאדאם? — האט דער פאלקאווניק איהר געפרעגט.

— איך קום באלד צוריק... איך וויל נאר זאגען מיין משוגע'נעם מאן א פאר ווערטער... — און זי האט דערביי גע־שענקט אלע געסט א קאקעטישען שמייכעל.

— משוגע? פארוואס איז ער משוגע? איך האב א גרויסען רעספעקט פאר אייער מאן — האט זיך אנגערופען דער פאלקאווניק.

סאפיא מאטוועיעוונא האט געמאכט א פערעכטליכען זשעסט אויפ'ן אדרעס פון איהר מאן, האט געשענקט ספעציעל דעם פאלקאווניק א קאקעטיש זיס שמייכעלע און איז ארויס־געגאנגען, אונטערהויבענדיג אויפ'ן וועג אזוי דאס קלייד איהרס, אז דער פאלקאווניק זאל זעהן איהר פוס אין א דורכ־זיכטיגער, ראזער זאק...

דער פאלקאווניק האט איינגעגראבען אין דער פוס זיינע אויגען און האט אויסגעצויגען קאמיש דעם קאפ ווי א יאגד־הונט, וואס לויערט און דערפיהלט זיין רויב... דער פאליאק און סאלאוויאוו האבען זיך הויך צולאכט פון זיין קאמיש פנים. דער פאלקאווניק איז צוגעגאנגען צום טיש.

2.

— ווי געפעלט זי אייך? כא, כא, כא! דאס איז א דאמאטשקע, טשארט פאבערי! צו באלעקען זיך, כא, כא, כא!

אז ער האט געלאכט, האבן זיך געטרייסעלט זיינע אנגע־בלאזענע באקען און די גרויסע, רויטע וואנצעס.

— און דער מאן איהרער איז אויך א וואויל אידעל, גאר א וואויל!... קיין געלד האט ער ניט געוואלט נעהמען פאר דער אפעראציע. ניט גענומען! העלדענטהאטען, זאגט ער, ווערען ניט געטאן צוליעב געלד... די ארימע לייט צוטיילט עס!... און איך האב זיי היינט אוועקגעפיהרט אין דער זשי־דאווסקער פילאנטראפישער געזעלשאפט... אט דאס הייסט אן ערעלמאן! — האט בעגייסטערט געענדיגט דער פאלקאווניק.

ער האט שוין דערצעהלט וועגען דעם היינט דאס וויפיעלטע מאל. דעם פאליאק האט עס פערדראסען. זיין קליין פנים מיט דעם געלען קאליר פון ליים איז געווארען פון בייזקייט און קנאה נאך געלבער...

עס הויבט זיך גארניט אן!... דאס בעווייזט נאר, אז אייער דאקטאר איז א גוטער קאמערציאנט — האט בעמערקט דער פאליאק מיט א גיפטיג שמייכעלע אויף זיינע בלוטלאזע ליפען.

דער פאלקאווניק האט אויף איהם אנגעשטעלט זיינע בייזע אויגען.

— וואס הייסט? וואס פלוידערסטו?

— זעהר איינפאך. ער האט ביי אייך ניט גענומען די 2 הונדערט רובעל און מיט דעם טאקע אליין האט ער געמאכט א גוט געשעפט, א רעקלאמע, וועלכע איז ווערט טויזענדער... איהר וועט איהם דאך איצט איבעראל לויבען, בעוואוסט מאכען און דערמיט וועט ער פערדיענען טויזענדער... זייט רוהיג, פאלקאווניק! דאס פאלק פערשטעהט א געשעפט און אפילו פון העלדענטהאטען וועט ער אויך מאכען געלד... יאק באגא קאכאם! — האט זיך געשוואוירען פאן פרזשצגעלסקי.

מיט זיין קליין קעפעלע אויף א לאנגען, דינעם האלז און מיט די דינע פרייסישע וואנצעלעך האט דאס פאליאקעל אוים־געזעהן ווי א שלאנג וואס שפריצט מיט גיפט ארום זיך.

דעם פאלקאווניק האט עס פערדראסען.

— נו, גענוג, גענוג דארט צו ליגנערעז, וואס פאר א רעק־לאמע דארט !...

— ווי עס ווייזט אויס, זייט איהר, פאלקאווניק א שלעכ־טער קאמערציאנט ! כי, כי, כי !—און דאס פאליאקעל האט זיך געגומען דערביי דרעהען שטאלץ זיינע מאגערע וואנצעס. דעם פאלקאווניק האט עס אויפגערעגט. אין כעס איז ער שוין ארי־בער אויף „דו“.

— זאג נאר מיר, איך בעט דיך, און דו ביזט עס א גוטער קאמערציאנט ? וואס ?

פאן פרשצנעלסקי האט שטאלץ פערוואָרפען זיין קעפעל.

— געווים, אז ניט וואלט איך ניט געווען א פערטרעטער פון אזא פירמע ווי דזשווערזשעחאווסקי און קאמפאניע — האט געזאגט דער פאליאק. .

— וועמענס ? וועמענס ? — האט איבערגעפרעגט נייגע־ריג און שפאטיש דער פאלקאווניק.

דזשווערזשעחאווסקי און קאמפאניע אין ווארשא — האט געזאגט שטרענג דער פאליאק און האט ענערגיש א שלעפ געטאןביידע וואנצעלעך אין דער הויך...

— דזבר... דזברש... דזברש — האט געפרווט נאכרעדען דער פאלקאווניק און האט ענערגיש עס אויסגעשפיגען צוריק — טפו טע גאספאדי ! אפילו אויסרעדען קען מען דאס ניט.

סאלאוויאָוו האט זיך הויך צולאכט. געלאכט האט אויך סאקאלאָוו, וועלכער איז געשטאנען מיט דאנקען'ען ביי דער וואנט נעבען זיין געוועהר...

דעם פאליאקס ליימארטיגער פנים איז געווארען טויט בלייך פון בעליידיגונג.

— וואו נעהמט איהר אזעלכע טייוועלשע נעמען ? ווי קען עס גאר א מענש אויסטראכטען ? — האט געפרעגט דער פאל־קאווניק כלומרשט מיט א בייזען ערנסט...

— א נאמען... ווי א נאמען — האט זיך אנגערופען דער פאליאק בעליידיגט.

— אליין האָט ער אַ נאָמען ברז... פרשצג...

— פּרזשצגעלסקי! — האָט בעליידיגט בעמערקט דער פּאַליאַק.

— פּרזש... צגעלסקי!... און אַ פּערטרעטער איז ער פון דער פירמע דזברז.... דזברש... נו, געהט צום טייוועל! — האָט פערצווייפעלט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט דער פּאַלקאָווניק און האָט זיך צולאַכט מיט זיין גראָבען באַס, וועלכער פּלעגט אויפ׳ן סמאָטר הילכען ווי אַ דונער. סאַלאָוויאָוו און סאַקאַלאָוו האָבען איהם צוגעהאָלפען.

— דער טייוועל אליין וואָלט זיך דאָ די ציינער צובראָכען. כאַ, כאַ, כאַ...

פרזשצעגעלסקי האָט זיך אויפגעהויבען.

— איך פערשטעה ניט פון וואָס איז דאָ צו לאַכען...

— ברודערקע! ניט לאַכען דאַרף מען דאָ... מען דאַרף אייך נעהמען און אריינשיטען אַ פופציג הייסינקע... נישקשה, איך בין זיכער, אז איהר וואָלט שוין נאָכדעם ניט געדזשוויר־דזשעט... כאַ, כאַ, כאַ.

— און דו בעטראַכסט זיך נאָך אלס אַ גוטער קאַמער־ציאַנט?... — האָט ניט אויפגעהערט צו שפּאָטען פון איהם דער פּאַלקאָווניק, — כאַ, כאַ, כאַ...

פרזשגעלסקי האָט זיך געלאָזט געהן צו דער טהיר. סאַקאַ־לאָוו האָט איהם פערשטעלט דעם וועג.

— וואוהין געהט איהר עס?

— איך וועל שוין געהן צו זיך — האָט געזאָגט דער בע־ליידיגטער פּאַליאַק.

— וואָס רעדט איהר! איהר האָט זיך בעליידיגט? גאָט איז מיט אייך! דער פּאַלקאָווניק האָט געמאַכט אַ שפּאַס, ער האָט אייך ניט געדענקט צו בעליידיגען. ריכטיג פּאַלקאָווניק? — האָט איהם געפרעגט אלעקסעי פּעטראָוויטש.

— וואָס איז דען דאָ צו שפּאַסען? — איך פערשטעה ניט אַזאַ שפּאַס!

— נו, זיץ! זיץ און טרינק... קיינער טשעפּעט דיך ניט — האָט געזאָגט דער פּאַלקאָווניק און האָט זיך אנגעכמורעט. סאָ־לאָוויאָוו איז אויך ארויסגעגאנגען פון פאר'ן טיש.

— וואס איז דען דאָ צו בעליידיגען זיך? מיר בעליידיגען זיך קיינמאָל ניט אויף אונזער פּאַלקאָווניק... מען דאַרף איהם קענען... מיר זיינען שוין געוועהנט צו זיינע שפּאַסען.

— שפּייט דערויף!... לאָמיר בעסער אויסטרינקען נאָך צו גלעזלעך קאָניאַק. גוטער קאָניאַק — האָט געזאָגט סאָקאָלאָוו און האָט צוגעפיהרט דעם פּאַליאַק צוריק צום טיש.

דער פּאַליק האָט זיך געלאָזט איבערבעטען און האָט צוריק פערנומען זיין אָרט. אלעקסעי פּעטראָוויטש האָט אנגעגאָסען די גלעזלעך.

— אָבער וואָרום אָבלאָכען פון א נאָמען? א נאָמען איז א נאָמען — האָט א געקרענקטער זיך געקלאָגט דער פּאַליאַק.

— אַ, כאַפּט דיר דער טייוועל מיט דיין נאָמען אין איינעם — האָט שוין אויסגעשריען מיט פּערדרוס דער פּאַלקאָווניק — ווען מען געהט אַן דיין נאָמען? פּוילען האַסטו שוין פערטרונ־קען... טו טרינק זשע ווייטער און שוויג... קיינער וועט דיך ניט טשעפּען... ביל נאָר ניט... — און דער פּאַלקאָווניק האָט דערביי בייז אָנגעבלאָזען זיינע באַקען מיט די רויטע באַקענ־בערד..

— נו, גאָספּאַדאַ, צו גלעזלעך! — האָט זיך אריינגעמישט סאָקאָלאָוו און האָט יעדען דערלאַנגט זיין גלעזעל. — פּאַלקאָוו־ניק, טרינקט!...

— טרינקען קען מען — האָט זיך אָנגערופען דער פּאַלקאָוו־ניק שוין גוטמוטיגער, גענומען זיין גלעזעל און האָט זיך גע־ווענדעט צו ערשט צום פּאַליאַק — נו, פאַר דיי געזונד, פּאַן שליאַכטיטש! זיי ניט בייז, איך בין א רוסישער מענש, א פּראָסטער, וויים ניט פון קיין קונצען.

— פאַר אייער געזונד, פּאַלקאָווניק! — האָט זיך אָנגע־

רופען דער פאליאק מיט אן איבערגעבעטענעם טאן און האט אריינגעגאסען דאס גלעזעל מיט איין אטעמצוג.

— אה, ווי ער גיסט אריין — האט איהם בעוואונדערט דער פאלקאווניק און האט אויך אריינגעגאסען און פערביסען מיט א שטיק רויטען לאקספיש, — און וואו איז דיין זשידאק, אלעקסעי פעטראוויטש? — האט ער זיך געווענדעט צו סאקאלאוו'ן מיט א פולען מויל — ער וויל טאקע ניט אריינגעהן?

— כאפט איהם דער טייוועל! — האט זיך אנגערופען סאקאלאוו מיט א פערדריסליכער האנד־בעוועגונג, אזוי ווי ער וואלט פון זיך אבגעטריבען א בייזע פליעג — מיר וועלען זיך אהן איהם בעגעהן... ווי געפעלט אייך דאס אינגעל, פאלקאווניק? — האט ער אנגעוויזען אויף דעם קינד...

— נישקשה, א וואוילער יונגאטש — האט געזאגט דער פאלקאווניק און האט גענומען ווארפען פראגענדע בליקען אויף איהם און אויפ'ן קינד...

— איז טאקע אמת אז דאס אידעל האט מעדאלען און אלע אויסצייכנונגען? — האט געפרעגט דעם פאלקאווניק'ס אדיוטאנט.

— יא, ער האט! — האט צוגעגעבען סאקאלאוו, אבער אונגערען...

— ער האט... ער האט... האט אונטערגעכאפט בעגייסטערט דער פאלקאווניק — איך האב עם אליין געזעהן... איך האב אפילו דעם קאנדואיט זיינעם געלעזען... אה, ער האט זיך זעהר אויסגעצייכנעט — א וואוילער יונג, א מאלאדיעץ — האט ער זיך גענומען ליובען ראפאפארט'ן. דאנקע האט אויפגעהערט זיך צו שפּיעלען מיט סאקאלאוו'ס שווערד און האט זיך איינגעהערט.

— אזוי? — האט זיך אבגערופען סאלאוויאוו מיט דער קנאה פון א יונגען אפיציער.

— ער איז אין אלגעמיין א סימפאטישער אידעל. ווען

אלע זשידעס וואלטען געוועז ווי ער, וואלט איך געוועז דער ערשטער זיי צו געבען אלע רעכטע, יא!

און דער פאלקאווניק האט דערביי ווידער אריינגעלעגט אין מויל א גרויס שטיק לאקס.

דעם פאליאק האט עס ווידער פארדראסען. זיינע וואנ־צעלאך האבען זיך ווידער גיפטיג געשלענגעלט.

— דאס איז א פעלשונג, א פאדלאג... יאק באגא קאכאם, פאן פאלקאווניק! אה, איהר קענט נאך ניט די אי־דען! — דער בייזער גיפט האט איהם געהויבען און האט איהם ניט געלאזט איינזיצען אויף זיין ארט.

דער פאלקאווניק האט אבגעשטעלט די ארבייט פון זיינע ציינער און האט געמאכט א פאר בייזע אויגען.

— אט דאס הייסט א גיפטיגע, פארביסענע נאציע! — האט ער זיך געווענדעט צו די איבעריגע און האט אויסגע־שפיגען מיט פעראכטונג.

— גלויבט מיר, פאן פאלקאווניק, אז איך קען זיי גוט... גענוג געלד האבען זיי שוין מיך אפגעקאסט! כ'בין שוין אנ־עלערענט.

דעם פאלקאווניק'ס אויגען האבען זיך אנגעגאסען מיט בלוט.

— נו, צו וואס ליגנערען? וואו האסטו גענומען געלד?...

— האט ער געטאן א ברום ווי א געביסענער לייב.

— איהר'ט מיר ענטשולדיגען, פאלקאווניק! וואס הייסט וואו איך האב גענומען געלד? מיין פאטער איז געוועז א רייך־כער פאמעשטשיק אין וואהלין — האט זיך ווידער בעליידיגט דער פאליאק.

— באלד וועל איך דיר גלויבען! נייז, ברודערקע, כ'מיין פאניע ברזש... ברזשצ... ווי געפעלט אייך די שוויינערייו? איך קען פאר קיין פאל ניט ארויסרעדען זיין נאמען — איך'ל, יאסנע וועלמאזשנע פאן, מעהר דעם אידעל ווי דיר גלויבען... כ'וועל איבערהויפט מעהר גלויבען א אידען ווי א ליאך!

— ווער נויטיגט זיך אין אייער גלויבען! — האט גע־זאגט דארויף פערעכטליך דער ליאך, און האט זיך צוריק אָנ־געבלאזען.

— אז איך האב אליין מיט מיינע אייגענע אויגען געלעזען דאס. וואס זיינע עלטסטע זאגען וועגען זיין אויסצייכנונג! איהר, אלעקסעי פעטראוויטש, האט דאך מיט איהם אין איי־נעם געדיענט, איז דאס אמת, אלעקסעי פעטראוויטש, אז ראַ־פּאפּארט האט זיך אויסגעצייכענט?

— אמת, ער האט זיך אויסגעצייכענט! אין די פּריקאַ־זען פון אונזער פּאלק האט מען עס געדרוקט — האט צוגעגע־בען סאקאלאוו.

— דו הערסט, ליאך? און דו זאגסט ס'איז א פעלשונג!

דער פּאלקאווניק האט געציטערט פאר אויפרעגונג, און האט זיך גענומען לויפען איבער'ן צימער.

— מ'דארף דאך זיין אויפריכטיג, אויך צווישען אידען טרעפען זיך העלדען!

דער פּאליאק האט זיך גיפטיג און בייז צולאכט און האט ארויסגעשטעלט צוויי שורות פוילע, עקעלהאפטע גרין־געלע צייהן.

— איך קען זייער העלדישקייט... פּרופט נור אויסשיסען פון א רעוואלווער און איהר'ט זעהן ווי אייער ראפּאפּארט וועט, בי, בי, בי!

— דו ליגנערסט, יאסנע וועלמאזשנע ליאך! — האט שוין געדונערט דער פּאלקאווניק און געוויזען דעם פּאליאק זיין קולאק — אזוינע גיט מען ניט קיין צלמים מיט קיין אויס־צייכנונגען. דער אידעל איז זעהר א סימפּאטישער, איך האב פאר איהם גרויס רעספּעקט! — און דער פּאלקאווניק האט א קלאפּ געטאן אין טיש, סאקאלאוו האט זיך ווידער אריינגע־מישט.

— לאזט עס אָפּ, פּאלקאווניק! וואס איז אייך דער אונטערשיעד?

— וואס דען! ליידען קען איך ניט אט די גיפטיגע פוילישע נאציע — האט געשריען דער פאלקאווניק מעהר פון האס צו די פאליאקען ווי פון ליעבע צו ראפאפארט'ן דעם אידען... דער פאליאק האט זיך ווידער אנגערופען. עס האט געשמעקט שוין מיט סקאנדאל. סאלאוויאוו און סאקאלאוו האבען זיי אבער ווידער צונעהמען...

— און צו דערצו איז ער נאך א פרומער... יא! — האט זיך ווייטער גענומען לויבען ראפאפארט'ען דער שווארץ מאה־ניק אוסאוו.

ס'קען ניט זיין! — האט פער'חידוש'ט אויסגעשריען דער יונגער ראטמיסטער.

— איך פערזיכער אייך! פרעגט ביי אלעקסעי פעטראַ־וויטש'ען! דא ניט לאנג קום איך צו איהם צו געהן, שטעהט ער ביים פענסטער און מאליעט זיך איבער ליכט, אבער אזוי ריהרענד און שעהן, ווי אן אמת'ער ראבין!... און דער יונ־גאטש זיינער פיטשטשעט איהם נאך: אמן, אמן! כא, כא, כא!

— וואס רעדט איהר! — האט געגאפט סאלאוויאוו.

— אלעקסעי פעטראוויטש איז אויך דאמאלס דערביי גע־ווען — זאג איך אמת, אלעקסעי פעטראוויטש?

— אמת! אמת! — האט זיך אלעקסיי אנגערופען מיט פערדרוס.

— איך האב אזעלכע דאקטוירים צווישען אידען נאך ניט בעגעגענט.

— זעהר אריגינעל — האט געזאגט סאקאלאוו מיט בע־וואונדערונג.

דער פאליאק האט ווידער געלאכט מיט זיינע עקעלהאפ־טע פוילע צייהן...

— יא, ער איז א גרויסער אריגינאל! מיר איז זעהר, זעהר געפעלען... און די רעדע זיינע וועגען שייטער הויפען געדענקט איהר? — האט זיך דער פאלקאווניק געווענדעט צו סאקאלאוו'ן — אן אויסגעצייכענטע רעדע!

— ווי אזוי האט ער דאמאלסט געזאגט ?... מיר לאמפּעז־צינדער !

— פאקעל־טרעגער ! — האט איהם פערריכט סאקאלאוו מיט א שמייכעל.

— יא ! יא ! מיר היסטארישע פאקעל־טרעגער ! איך געדענק !... איך געדענק ! זעהר שעהן ! ס'איז מיר שטארק געפעלען ! און א ווייבעלע האט ער... א צוקערקע ! — דער פאלקאווניק האט דערביי א וואונק געטאן צום ראטמייסטער און האט א קוש געטאן די פינגער — א בוזעם ! ליניען ! אלעקסעי פעטראוויטש — האט אויסגעשריען ענטציקט דער פאלקאווניק — אן אמת'ער צימעס ! כע כע, כע.

אלע האבען זיך ווידער הויך און ציניש צולאכט.

דאנקע האט געקוקט אויף זיי מיט גרויסע אויגען, סאקאלאוו האט זיך אנגעכמורעט :

— איהר האסט דאך אידען.

— אידען, אבער ניט זייערע פרויען, כע, כע, כע, אויב ס'מאכט זיך נאר, כע, כע, כע ! ספּעציעל אזא זשידאוויטשקע ווי אייער סאפיא מאטוועיעוונא... צו דרייסיג יאהר און מיט אזא בוזעם, טשארט פּאבערי ! דאס איז א מאכל, צו באלעקען זיך, כע, כע, כע !—און דער פאלקאווניק האט זיך אזש באלעקט פון זיין תאוה.

— נאך מיין מיינונג זיינען די אידישע פרויען צו 30 יאהר שוין גאר ניט ווערטה — האט זיך אנגערופען דער פּאַליאק מיט א טאן פון א גרויסען אויטאריטעט...

— א ליגען ! — האט א טופע געטאן דער פאלקאווניק מיט די פיס — און האט זיך אבער באלד צולאכט. — א סך ווייסטו !... פרעגט מיך... כע, כע, כע ! צו 30 יאהר זיינען די אידישע פרויען אן אמת'ער צימעס, כע, כע, כע ! אט נעהם צום ביישפּיעל די זעלבע סאפיא מאטוועיעוונא. וואס פאר א לוקסוס ! וואס פאר א פערגעניגען, כע, כע, כע ! זאג נאר אלעקסעי פעטראוויטש — האט ער זיך פלוצלונג געווענדעט צו

סאָקאָלאָוו'ן מיט אַן ערנסטען טאָן — און דער קליינינקער ראַפּאַפּאָרט... איך מיין... איהר פֿאַרשטעהט דאָך... איז זי צו־פֿריעדען??

די ערנסטע פֿראַגע האָט ווידער ארויסגערופֿען אַ ווילדען געלעכטער.

— כ'מיין ערנסט, גאַספּאַדאַ!! וואָס לאַכט איהר?

— פֿון וואַנען זאָל איך עס וויסען? פֿרעגט זי אליין — האָט געזאָגט סאָקאָלאָוו ביין.

— וואָס, איהר ווייסט עס ווירקליך ניט? — און דער פֿאַלקאָווניק האָט געמאַכט דערביי אַן ענטוישט פּנים.

— אַט האָסטו דיר! וואָרום מוז איך עס וויסען?...

— איהר זייט דאָך מיט איהר אַזוי נאָהענט, כע כע, כע!... איך וואָלט זי אַ פֿרעג געטאָן — האָט געזאָגט דער פֿאַלקאָווניק מיט אַ שמוציגען וואונק צו די איבעריגע געסט.

סאָקאָלאָוו האָט עס אויפֿגעטראָגען.

— ווער לאָזט אייך ניט? פֿרעגט!

— כ'וועל זי פֿרעגען... איהר מיינט אַז ניין?... איך שווער אייך ביי גאָט אַז איך וועל זי פֿרעגען... לאָזט מיר נאָר מיט איהר זיך נעהנטער בעקענען וועט איהר שוין דאַן...

.3

דאָ האָט זיך געעפֿענט די טיר און אין צימער איז אריינ־געקומען ראַפּאַפּאָרט. אַלע האָבען זיך אויפֿגעהויבען פֿון די ערטער. און אַז ער האָט דערזעהן די פֿערשוויצטע קאָמפּאַניע מיט די רויטע האַלב־שכּור'ע פּנים'ער און צווישען זיי זיין קינד האָט זיך זיין געזיכט פֿערוואָלקענט. דערזעהענדיג דעם פֿאָטער האָט דאָס קינד פֿערציטערט א ר ו י ס ג ע ל אָ ז ט די שווערד מיט וועלכען ער האָט געשפּיעלט.

— דאנקע! געה שלאפען! — האט איהם בעפוילען דער פאטער מיט א פעסטער שטימע.

— זיי געגריסט, היסטארישער פאקעל־טרעגער! — האט איהם געגריסט פון ווייטענס סאקאלאוו — מיר צוליגען דא זיך א פייערעל און ווארעמען זיך צו ביסלעך, כא, כא, כא! — האט אנגעהויבען סאקאלאוו אין זיין געוועהנליכען איראנישען טאן.

ראפאפארט האט איהם געענטפערט אויף דעם מיט א קאלטען פיינדליכען בליק.

— מיין העכסטען רעספעקט און האכאכטונג, דאקטאר! אדאבריא אי גליובאקא אוואזשאי — האט זיך א ווארף געטאן צו איהם דער פאלקאווניק און האט זיך גענומען לאנג און שטארק דריקען זיין האנד — ערלויבט מיר אייך פארצושטע־לען אונזער געזעלשאפט... דאס איז מיין אדיוטאנט, ראטמיס־טער סאלאוויאוו.

דער אדיוטאנט איז ארויסגעגאנגען פאר'ן טיש און האט זיך רעספעקטפול פארבויגט און דערלאנגט ראפאפארט'ען די האנד...

— זעהר אנגענעהם, דאקטאר!

— ער איז אויך א נאציאנאליסט, א גרויסער נאציאנא־ליסט! — האט איהם פארגעשטעלט דער פאלקאווניק און אויסגעצויגען דאס ווארט „גרויסער".

ראפאפארט האט א קנייטש געטאן דעם פנים, אזוי ווי א בייזע פליעג וואלט איהם א ביס געטאן.

— און דאס איז אן ערדלער זוהן פון דעם יאסנע וועל־מאזשנע פוילען, — פאן ברזשצגעלסקי — האט פארגעשטעלט ווייטער דער פאלקאווניק או איז איבערגעשפרונגען איבער'ן שווערען נאמען ווי איבער א ברייטען גראבען — א פארשטעהער עפעס פון א ווארשעווער פירמא... אזא, וואס שוין באלד א האלבע שטונדע ווי איך מוטשע זיך ארויסצורעדען איהר נאמען

און קען ניט, כא, כא, כא! — האט זיך הויך צולאכט דער פאלקאווניק פון זיין אייגענעם וויץ.

— זייט איהר א ווייצלינג, פאן פאלקאווניק! — האט איהם א סטראשע געטאן דער פאליאק מיט די פינגער און האט זיך פערבויגען מיט א קאלטען דרך ארץ פאר'ן דאקטאר — זעהר אנגענעהם, פאן דאקטאר!

ראפאפארט האט שטום געענטפערט אויף די נייע באַקאנטשאפטען מיט לייכטע און קאלטע האנד־דריקונגען.

— נו, קאלעגע, זעצט זיך ווארעמען ביי אונזער פייערל — האט איהם איינגעלאדען סאקאלאוו און האט איהם דערלאנגט א שטול — קום! טרינקט מיט אונז, ברודערשאפט...

— איהר וועט מיך ענטשולדיגען, גאספאדא! — דיזער צייט־פערטרייב איז ניט פאר מיר — און ראפאפארט האט גענומען דאס קינד ביים האנד. דער פאלקאווניק האט זיך צו איהם א ווארף געטאן...

— וואס רעדט איהר, דאקטאר? וועט איהר מיט אונז ניט אויסטרינקען צו גלעזלעך?...

— ניין, גאספאדין פאלקאווניק! איך טרינק ניט און מיינע עלטערען האבען אויך קיין מאל ניט געטרונקען. — האט געזאגט ראפאפארט מיט א שטאלצען שמייכעל.

— הייננט וואס פאר א פאקעל־טרעגער ביסטו, אז דו טרינקסט ניט?... ניט נור פאר א פאקעל טרעגער, אפילו פאר א פראסטען לאמפען־צינדער טויגסטו דאן ניט — האט איהם גענומען בייז אויסלאכען סאקאלאוו.

ראפאפארטס אויגען האבען בייז אויפגעפלאקערט...

— קאלעגע, דיינע וויצען געפעלען מיר ניט: זיי זיינען פויל, — האט ער צו איהם געזאגט מיט פאראכטונג — מיין צייט, פאלקאווניק, ווערט באנוצט אויף עפעס בעסערס ווי טרינקען און דאס גלייכען.

— הער אויס, וואלאדיא! — האט זיך אנגערופען צו איהם סאקאלאוו אנגעכמורעט. — ווארף אוועק דיינע פלוידע־

רייען און הער זיך אויף צו קרימען. רוסישע מענשען בעטען דיך מיט זיי אויסטרינקען צו גלעזלעך, מאך זשע נים קיין קונצען, זעץ זיך און טרינק. — און סאקלאוו האט איהם גע־נומען ביי דער האנד. ראפאפארט האט זי לייכט אבגעווענ־דעט.

— ווירקליך דאקטאר, איז עס אזוי שווער פאר אייך אויס־צוטרינקען איינס אדער צוויי גלעזלעך? — האט געפרעגט דער פאלקאווניק.

—איך האב דאך אייך געזאגט, פאלקאווניק, אז איך טרינק נים — האט געענטפערט ראפאפארט שוין אונגעדולדיג.

— אויב איהר קענט נים טרינקען, וועלען מיר אייך נים צווינגען, מיר קענען נאך, דאנקען גאט, אליין גוט טרינקען, כא, כא, כא... איהר זעהט אט דעם ליאך, אט דעם ווירדיגען זוהן פון עדלען פוילען — האט אנגעוויזען דער פאלקאווניק אויף דעם פאליאק — ער קען אויך פאר צעהן טייוואלים טרינ־קען... אויב איהר ווילט נים טרינקען זיצט מיט אונז אביסעלע, דאקטאר — האט זיך כמעט ווי געבעטען ביי איהם דער פאל־קאווניק — דערצעהלט אונז א פאר געשיכטען פון דער מלחמה, אז נים — ווייסט איהר גאר וואס? — מאליעט זיך ווידער איבער די ליכט ווי דאן און זאגט אונז ווידער עפעס וועגען דעם שייטער הויפען, אך, ווי שעהן איהר האט עס דאן געזאגט! אויסגעצייכענט... מיר, די לאמפענציינדער... כ'מיין די היס־טארישע פאקעלטרעגער — האט זיך פערכאפט דער פאלקאוו־ניק — אויסגעצייכענט!... ס'געפעלט מיר!... ס'געפעלט מיר!... אדאבריא! אדאבריא! — און דער פאלקאווניק האט זיך ווידער געגומען דריקען זיין האנד...

— ווירקליך, דאקטאר, זיצט מיט אונז א ביסעל — האט געבעטען דער יונגער ראטמיסטער.

— ניין! בעסער מאליעט זיך איבער די ליכט! — האט געזאגט דער פאלקאווניק.

ראפאפארט האט אויפגעציטערט ווי פון אן עקעל.

— ניין, מיינע העררען! ווי אנגענעם מיר איז אייער געזעלשאפט, דאך מוז איך, צום בעדויערען זיך ענטזאגען פון אזא פערגניגען. איך בין געקומען נעהמען דאס קינד...

— איהר ווארפט זיך מיט אונז?... איהר ווילט אונז ניט בעעהרען מיט אייער קאמפאניע? — האט געפרעגט דער פאלקאווניק ציטערענד שוין פון כעס.

— כ'האב קיין צייט ניט, גאספאדין פאלקאווניק... איך בין זעהר באשעפטיגט...

— מיט דער פסיכאלאגיע פון אידישען פאלק? — האט איהם א שטאך געטאן סאקאלאוו.

ראפאפארט האט איהם אבגעגאסען מיט א פעראכטענדען בליק און האט זיך געלאזט געהן מיט דעם קינד צו דער טיר. אלעקסעי פעטראוויטש האט איהם פארשטעלט דעם וועג.

— דער אינגעל וועט זיין דא! — האט ער געזאגט שטיל און ענטשלאסען, ס'האט זיך געהערט ווי ער האט צוזאמענגעדריקט זיינע צייהן. ראפאפארט איז אבגעשפרונגען ווי פון א אבגרונד...

— וואס הייסט? איהר האט איבער איהם א דעה? — האט ער געפרעגט נאך א ווייל.

— יא! אזוי וויל איך און באסטא!

ביי סאקאלאוו'ן האט זיך דער האלז און דאס פנים שוין אנגעגאסען מיט א ווילדער גוי'שער רציחה...

און אזוי זיינען זיי געשטאנען איינינע מינוטען איינער פאר'ן צווייטען ווי טויט-פיינד, און האבען זיך געמאסטען מיט בליקען, מיט שרעקליכע בליקען, טיעפע ווי דער אבגרונד, פאר וועלכען ראפאפארט איז איצט ווידער געשטאנען. צווישען זיי האט זיך אריינגעווארפען דער פאלקאווניק.

— ווייסט איהר, סודאר, אז פאלקאווניק אוסאוו איז שוין געווען געלאדען צום צארס טיש, און אז מיט זיין געזעלשאפט האבען זיך די העכסטע פערזענליכקייטען ניט געשעמט?

— האָט געפרעגט דער פאַלקאָווניק. ער האָט זיך באַהערשט מיט גרויסע מיה.

— גאַנץ מעגליך. איך גלויב אייך, גאָספּאָדין פאַלקאָוו־ניק — האָט געענטפערט ראַפּאַפּאָרט א טויט־בלייכער.

— דאַן וואָרום זייט איהר אַזוי שטאָלץ און ווילט ניט בעעהרען פאַלקאָווניק אוסאָוו און זיינע קאָלעגען מיט אייער אנוועזענהייט? האַלט איהר אונז, רוסישע, אַזוי ניעדריג, דאָס איהר ווילט זיך ניט אראָפּלאָזען צו אונז? אַ?

— איך טרינק ניט און דעריבער קאָן איך ניט נעהמען אנ־טייל אין אייער געזעלשאַפט... כ'בעדויער זעהר, וואָס איך האָב אייך איבערגעשלאָגען און אומזיסט פאַרנומען אייער צייט — האָט גערעדט ראַפּאַפּאָרט אָבער שוין מעכאַניש און בע־וואוסטלאָז ווי אין א הינער־פּלעט — אַדיע, מיינע העררען! — און ער האָט זיך געלאָזט געהן צו דער טיר מיט וואַקלענדע טריט ווי אַן אונטערגעשאָסענער, שוין אָהן דעם קינד...

דאַנע איז איהם נאָכגעגאַנגען... מיט אַן אראָבגעלאָזט קע־פּעל.

דער פאַלקאָווניק האָט געכאַפּט פון טיש אַ לייכטער מיט אַ ליכט און איהם פערשטעלט דעם וועג. זיין געזיכט און די אויגען זיינען געווען אָנגעגאָסען מיט בלוט ווי ביי אַ אמת'ן פּאָגראָמ־טשיק.

— אויב אַזוי, דאָקטאָר, בעט אייך דער פאַלקאָווניק או־סאָוו, איהר זאָלט איהם פערשאַפען דאָס פערגניגען און זאָלט זיך מאַליען איבער די ליכט.

ראַפּאַפּאָרט איז געקומען צו זיך. אין זיינע אויגען האָט צוריק אויפגעפלאַקערט דער גאַנצער צאָרן פון זיין בעליידיגטען פאָלק.

— וואָס? איך זאָל זיך פאַר אייך, שכורים, מאַליען? איהר וועט מיך צווינגען שפּיעלען פאַר אייך דעם פּאַיאַץ?

— איך וויל! איך פאָדער עס! — האָט געטופּעט אויף איהם דער כוליגאַן מיט די פיס.

א ווײלע איז געווען שטיל... שרעקליך שטיל...

— איהר פארגעסט אייך, גאספאדין פאלקאווניק! איהר האט פארגעסען מיט וועמען איהר רעדט! איך האב אלע מיליטערישע מעדאלען! כ׳בין ניט קיין משרת! — האט זיך צושריען ראפאפארט, און אלע זיינע אברים האבען געציטערט פון בעליידיגונג און ווילדער אויפרעגונג...

— מאלים, זשיד! נעהמם די ליכט או מאליע זיך!... איך בעפעהל עס! — האט געטופעט און געדונערט דער פאג־ראמטשיק מיט זיין באס.

— פאלקאווניק! — האט אויסגעשריען ראפאפארט.

— מאלטשאט! קיין ווארט מעהר! א ניט וועל איך דיך — און דער כוליגאן האט ארויסגעכאפט פון דער הויזען־קעשענע א רעוואלווער און האט איהם אנגעשטעלט אויפ׳ן דאקטאר — איך וועל דיך אויף מאהן צומאהלען... מאליע זיך! קיין ווארט מעהר — מאליע זיך! מאליע זיך — האט געשריען און געציטערט דער פאלקאווניק.

דאנקע האט אויסגעשריען און איז אבגעשפרונגען אין א זייט, אלע זיינען געשטאנען ווי פערגליווערטע פון דער אונער־ווארטעטער ווענדונג און האבען זיך ניט גערוהרט פון ארט. נאך דעם פאליאקס אויגען האבען געבלישטשעט מיט נקמה און גיפטיגען פערגניגען...

דאס קליינע אידעל איז אבער אויסגעוואקסען... ווי א העלד, ווי א חשמונאי, און ער האט מיט א רוהיגער האנד אבגעווענ־דעט דעם רעוואלווער פון זיין ברוסט. אין זיינע אויגען האט זיך אנגעצונדען אין א פערניכטענדער, ברויזענדער שפאט...

— מיך ווילט איהר שרעקען אט מיט דעם רעוואלווער? כא, כא, כא. די יאפאנישע גראנאטען האבען מיך ניט געקאנט דערשרעקען... ווילט איהר מיך דערשרעקען... כא, כא, כא! דער געלעכטער זיינער האט געקלונגען אזוי אונהיימליך און שווידערהאפט!

דער ערשטער וואס איז געקומען צו זיך איז געווען סא־

קאלאוו. ער האט זיך א ווארף געטאן צווישן זיי ביידע, און האט אויסגעריסן ביים פאלקאווניק דעם רעוואלווער.

— וואס טוט איהר פאלקאווניק? איהר זייט, ווייזט אויס, פון זינען אראפ!... גיט אהער דעם רעוואלווער!

ראפאפארט האט זיך געלאזט געהן צו דער טיר. אין טיר האט ער זיך אויסגעדרעהט, האט זיי די גאנצע שכור'ע געזעל־שאפט אבגעמאסטן מיט דער גאנצער פעראכטונג וואס האט זיך אנגעזאמעלט אין דער ברוסט פון זיין אייביג פערפאלגטען און בעליידיגטען פאלק און האט זיי אזוי ווי א שפיי געטאן אין פנים אריין: „חולגאניא פיאנניא"! (שכור'ע כולגאנעס) און האט פערמאכט די טיר הינטער זיך...

דאנקע איז נאכגעלאפען, אלע זיינען נאך דעם געבליבען פערגליווערט, געקוקט איינער אויף'ן צווייטען. נאר דער פאליאק האט גיפטיג געלאכט אין ארבעל.

— אמת! ער האט רעכט! איך וואלט אויך דאס זעל־בע געזאגט — האט זיך אנגערופען סאקאלאוו און האט זיך אויפגערעגט געלאזט לויפען הין און צוריק איבער'ן צימער — דאס איז גראב, דאס איז די עכטע רוסישע גראבהייט! ס'פעהלט אונז די אכטונג פאר'ן מענשען...

— וועמען זאגט איהר עס? — האט געפרעגט דער פאל־קאווניק.

— אייך, פאלקאווניק! איהר האט זיך אויפגעפיהרט ווי א כאם! — האט אויף איהם געשריען סאקאלאוו.

— סמירנא! רוקי פא שוואם! — האט א דונער געטאן דער פאלקאווניק און איז געווארען בלוי פון רציחה.

— פארגעסט ניט, אז איהר זייט ביי מיר צו גאסט! איך בעט ניט צו שרייען... איהר זייט א כאם! — האט איהם אזוי ווי א שפיי געטאן אין פנים אריין סאקאלאוו.

— אה, דו זשידאווסקער אונטערלעקער! — און דער פאלקאווניק האט ארויסגעכאפט פון דעם שיידעל א בלאסקענדען

שווערד און האָט מיט איהם א שוואונג געטאָן אין דער לופט איבער סאַקאַלאָוו'ס קאָפּ.

אַלעקסעי פּעטראָוויטש האָט אויפגעהויבען אויף איהם א בענקעל.

— נו, פּרובירט נאָר...

סאַלאָוויאָוו האָט זיך א ריס געטאָן פון אָרט און איז מיט איין שפּרונג אריין צווישעןביידען.

— וואָס טוט איהר, גאָספּאָדאַ? עס טוט זיך ניט אַזוי... אויב יאָ זיך שלאָגען איז נאָכ'ן קאָדעקס... מיר זיינען דאָך אָפיציערען.

דער פּאָלקאָווניק איז געקומען צו זיך.

— גוט, זעהר גוט!... איהר וועט עס שוין מאָרגען בע־זאָרגען — און ער האָט אריינגעלאָזט דעם קלינג אין שיידעל אריין. — מאָרגען וועל איך פון אייך פאָדערען בעפריעדיגונג — האָט ער זיך געווענדעט צו סאַקאַלאָוו'ן א שווער אָטעמענדער.

— מיט'ן גרעסטען פערגניגען! — האָט געזאָגט סאַקאַלאָוו און האָט אראָבגעלאָזט דאָס בענקעל.

— קומט, ראָטמיסטער!

ביידע האָבען זיך געלאָזט אוועקגעהן.

שוין ביי דער טיר האָט דער פּאָלקאָווניק זיך אומגעקוקט און האָט דערזעהן דעם פּאָליאַק, וועלכער איז געשטאַנען אין א ווינקעלע און האָט זיך געשטיקט מיט א צופרידענעם און גיפטיגען געלעכטערעל.

— אַה, דו ליאַך! וואָס קוועלסטו? איכ'ל דיך...

דער פּאָלקאָווניק האָט זיך ווידער געכאַפּט פאַר זיין שווערד. דער פּאָליאַק האָט זיך איבערגעשראָקען.

— ס'הויבט זיך גאָר ניט אָן... ס'האָט זיך אייך אויסגע־דאַכט, פּאָלקאָווניק, — האָט ער פּרובירט זיך פאַרענטפערען א ציטערענדער.

— לאָזט עס געהן, פּאָלקאָווניק! עס לוינט זיך ניט — האָט איהם צוריקגעהאַלטען זיין אדיוטאַנט.

— איכ'ל דיך... דו וועסט ביי מיר — האָט איהם גע־סטראשעט דער פּאָלקאָווניק.

דער ראָמטיסטער האָט איהם גענומען אונטער דער האנד און האָט איהם כמעט מיט גוואלד אַרויסגעפיהרט פון צימער. דער פּאָליאַק האָט זיך אַרויסגעכאַפּט נאָך זיי...

סאָקאָלאָוו איז זיי נאָכגעגאַנגען, געשטאַנען אַ ווײלע אין דער טיר און האָט זיך צוגעהערט.

— אַט דאס הייסט אַ כאַם... אַזאַ הונד! ניין, מיר האָ־בען ניט קיין רעספּעקט פאַר קיין מענשען — האָט ער גערעדט צו זיך אַליין, אין אַ שטאַרקער אויפרעגונג, געהענדיג היז און צוריק איבער'ן צימער... באַלד האָט ער זיך ערשעפּט אראָב־געלאָזט אין אַ שטול...

— אַט האָסטו דיר אַ דועל! — האָט זיך ביי איהם אַרויס־געריסען, און ער האָט זיך פערטראַכט.

4

אין צימער איז אַן איבערגעשראָקענע און בלייכע אַריינגע־לאָפען סאָפיא מאַטוועיעוונאַ.

— וואס האָט דאָ פּאַסירט? — האָט זי געפרעגט דעם פערטראַכטען אַלעקסעי פּעטראָוויטש. ער איז אויפגעשטאַנען מיט האַסט.

— וואס האָט פּאַסירט? דער טייוועל זאָל נעהמען דיין וועלוויל!.. איך זאָג שטענדיג, אַז אַ זשיד בלייבט אַ זשיד...

אַזעלכעס האָט זי פון איהם קיין מאָל ניט געהערט און זי האָט אָנגעשטעלט אויף איהם אַ פּאָר גרויסע אויגען...

— אָבער וואס איז געשעהן?

סאָקאָלאָוו האָט אָנגעהויבען צו לויפען הין און צוריק ווי אַ טיגער אין אַ שטייג.

— וואס איז געשעהן? א נאר און א בעל גאוה!... אן עקעלהאפטער פראזיאר!

ער איז צוגעגאנגען צו דער טיר און האט אויסגעשריען:

— זינא! ברענגט נאך וואדקא און אוגערקעס!

— צו וואס, אלעקסעי פעטראוויטש? וואס פאר א זין האט עס אזוי פיעל צו טרינקען?

סאקאלאוו האט אויף איהר אנגעשטעלט צוויי בייזע, שכור'ע אויגען.

— א סך פערשטעהט איהר, זשידעס! אין דעם איז דא א גרויסער זין... דו פערשטעהסט? א גרויסער זין! אך, וואס איז דא מיט אייך צו ריידען, פערפלוכטע!

ער איז צוגעגאנגען צום טיש און האט זיך אנגעגאסען א גאנצע גלאז בראנפען. סאפיא האט אראבגעלאזט די אויגען...

— יא, א שעהנער זין אין טרינקען... איהר טרינקט זיך אן און נאכהער מאכט איהר אונבעדינגט סקאנדאלען...

— וואס פאר א סקאנדאלען? מיר זיינען זיך געזעסען און האבען געטרונקען רוהיג און געמיטליך, און ס'וואלט קיינע סקאנדאלען ניט פארגעקומען ווען דיין מאן, דער נארישער פאקעלטרעגער וואלט ניט אריינגעקומען.

ער האט אריינגעגאסען די בראנפען מיט איין אטעם־צוג און האט פערביסען מיט א שטיקעל אוגערקע. סאפיא האט פערוואונדערט געקנייטשט מיט די פלייצעס.

— וואלאדיא, ווי קומט ער? ער בעליידיגט דאך ניט א פליג אויפ'ן וואנד.

— יא, דער וואלאדיא דיינער! ער האט בעליידיגט דעם פאלקאווניק און דער פאלקאווניק איהם, און ס'איז געווארען א סקאנדאל... איך האב זיך פאר איהם אנגענומען... מ'דארף זיך אננעמען פאר א אידען און נאך א קאלעגע דערצו... נו, האב איך דעם פאלקאווניק בעליידיגט און דער פאלקאווניק מיך און איצט האסטו דעם רעזולטאט — א דועל!

— א דועל? איז דאָס מעגליך! — האָט זי אויסגע־שריען אין גרויסער אנגסט.

— וואָס דען? א גרויס פערגעניגען צו געהן זיך שלאָגען פאר דיין פאקעלטרעגער...

— ס׳קען ניט זיין! איך וועל ניט דערלאָזען!

— וואָס קען ניט זיין! נא דיר גאָר עס קען ניט זיין. מיר זיינען אָפיציערען! ביי אונז געהט עס ניט גלאַט אזוי — האָסט בעליידיגט, דאַן מוזטו זיך דועלירען.

סאָקאָלאָוו האָט אויסגעזייעט פון אלע פלעשער נאָך א גלעזעל בראנפען און האָט עס אריינגעגאָסען.

— און אַכטען א מענשליכען וועזען, דאָס פערשטעהען מיר, רוסען, ניט — אָט דאָס איז אונזער גאנצע צרה! — האָט זיך געקלאָגט סאָקאָלאָוו שוין מיט א געפּלאָנטעטען צונג, מיט א שכור׳ען שלוקערץ און האָט פאר צרות ווידער גענומען זייער די פלעשלעך.

— גענוג שוין דיר צו טרינקען, אלעקסעי פּעטראָוויטש! האָט שוין ניט געקענט אויסהאלטען סאָפיא. — וואָלאָדיא זאָל בעליידיגען דעם פּאָלקאָווניק — האָט זי אלץ געשטויגט.

— דאָס וואָלט יעדען בעליידיגט... מיר רוסען שיקען נאָך איהם און בעטען איהם אז ער זאָל אונז פערשאפען דאָס פערגעניגען און מיט אונז האלטען קאָמפּאַניע, און ער ווערט אויפגעבראַכט, הויבט אָן צו ריידען פון זיינע פּרינציפּען פון דעם און פון יענעם, און פון דער הויך פון זיין אידישער פּראַכט וואַרפט ער אויף אונז זיין שטאָלצע פּעראַכטונג און געהט זיך מאיעסטעטיש אָב... ווען וואָלט עס ניט בעליי־דיגט? דאַכט זיך, וואָס וואָלט איהם שאַדען ווען ער וואָלט זיצען אַביסעלע און אויסטרינקען מיט אונז א גלעזעלע? נור איין קליין גלעזעל און ס׳וואָלט גאָר ניט געשעהן. ס׳וואָלט ניט געקומען צו א סקאנדאל און צו א דועל...

— דער טייוועל ווייסט עס, — האָט זי זיך ניט אויפגע־הערט צו ערגערען...

— אה, כאפט עס דער טייוועל, דעם דועל און אלעם צוזאמען! שלאגען זיך איז שלאגען זיך — האט סאקאלאוו א מאך געטאן פערצווייפעלט מיט דער האנד — איז דען ניט אלץ איינס: איצט שטארבען אדער אין צוואנציג יאהר ארום? וואס? — האט ער שוין קוים געשטאמעלט מיט דער צונג — מיר איז אלץ איינס... קיין פרוי האב איך ניט, קיין פריינד... אפילו א הונד וועט ניט בילען, סאניטשקע... סיידען דו וועסט בעדויערען? א? — סאקאלוו האט זי גענומען פאר'ן האנד — ס'בעדויערען, סאניטשקע? ס'בעדויערען? כע, כע, כע!

— ס'וועט ניט זיין קיין דועל, אלעקסעי פעטראוויטש!... איהר האט זיך שכור'ערהייט צושלאגען. מארגען וועט איהר ניכטער ווערען און וועט זיך איבערבעטען. כ'וועל ניט לאזען צו א דועל! איך'ל אליין געהן צום פאלקאווניק!...

— ניין, סאניטשקע! ביי אונז געהט עס ניט. מיר זייי־נען אפיציערען. ביי אונז, אז מען בעליידיגט — שלאגט מען זיך, דער טייוועל זאל דיך נעמען... אז ניט ווארפט מען דיך ארוים פון פאלק. מיר טארען ניט... אין דער הינזיכט איז ביי אונז שטרענג... זעהר שטרענג...

— וועט איהר זיך ווירקליך שלאגען?

— גאנץ בעשטימט! מיר וועלען... מיר וועלען, סאניטש־קע! אונבעדינגט! — האט ער זי פערזיכערט זיך שאקלענ־דיג אויף זיינע שכור'ע פיס.

— ווי דום! ווי נאריש!

— נאריש איז דאס נאריש... איך אליין בעטראכט דועלען אלס נאריש... אבער מ'קען ניט העלפען... ס'פאדערט די עהרע פון מונדיר! דו פערשטעהסט?... אבער רעג דיך ניט אויף, סאניטשקע, ס'לוינט זיך ניט צו מאכען א וועזען דערפון... אז ער וועט מיך טויטען — איז טויטען! מיר איז אלץ איינס. איצט אדער אין צעהן, צוואנציג יאהר שפעטער. איך בין ניט קיין פאקעל־טרעגער, ווי דיין וואלאדיע... איך בין ניט קיין לאמפען־צינדער, כא־כא־כא!... יעדענפאלס איז ער

א פאדליעץ דיין וואלאדיע! נו, וואס איז א גלעזעלע? איין גלעזעלע קען יעדער אויסטרינקען, און ער, ניין! קרומט זיך!
— ער וואלט אויסגעטרונקען איין גלעזעלע און ס'וואלט גאר ניט געווען... אן עקעלהאפטע נאטור... אן אונערטרעגליכע נאטור... איך האב פיינט אזוינע!... איינפאכקייט גיב מיר! פראסטקייט! מיר רוסישע זיינען פראסטע, אבער גוטע... איך פערזיכער דיך, סאניעטשקע! אפילו דער פאלקאווניק איז א גוטער מענש... און דיין וואלאדיא איז א שווערער און אונערטרעגליכער מענש!... ווי אזוי דו לעבסט מיט איהם קען איך גאר ניט בעגרייפען!
— זעהסט דאך, שוין באלד 13-14 יאהר, אז מיר לעבען אזוי צוזאמען! — האט זי טרויעריג געענטפערט.
— איהר לעבט דען, סאניטשקע? הא?... — האט ער זי געפרעגט מיט א צווייטייטיגען וואונק.
זי האט אבגעווענדעט פון איהם איהר פנים.
— איך פערשטעה ניט... איך וואלט ניט אויסגעהאלטען, כ'וואלט אנטלאפען, מיין עהרען ווארט!
— א שעהנע זאך, אנטלויפען!... — האט זיך אנגערופען סאפיא אונצופרידען.
— יא, סאניעטשקע, אנטלויף פון איהם!... קום צו מיר לעבען... איך וועל אוועקווארפען מיין שטעלע צום טייוועל... מיר וועלען זיך בעזעצען אויף מיין גוט און מיר וועלען לעבען. ווילסט, סאניעטשקע?...
— און דאס קינד?
— מיט דעם קינד אין איינעם, אונבעדינגט! וואס דען? נור מיט דעם קינד!
— א קינד וועט ער דיר געבען!...
— ער מוז געבען! ס'איז דאך מיין קינד!... דאס זעהט דאך יעדער! דאס קינד מוז איך סיי ווי סיי ביי איהם צו־נעמען... איך וועל עס איהם באלד זאגען, זאל זיין וואס ס'איז!

און ער האט זיך מיט וואקלענדע שכור'ע טריט געלאזט געהן צו ראפאפארט'ען.

— אלעקסעי פעטראוויטשט, ליאליא! — האט זי גע־שריען אין שרעק און אנגסט, און האט איהם פערשטעלט דעם וועג. — אום גאטעס ווילען! דו ביזט פעררוקט? —

— ווי דען? דאס בעסטע איז אפענהערציגקייט. איך וועל מיט איהם ריידען מעשנליך — „פא טשעלאוויעטשעסקי!"

— האט געזאגט סאקאלאוו און האט איהר געשליקערצט און היים געאטעמט אין פנים אריין מיט א שכר'ן אטעם.

— זיי ניט קיין קינד, אלעקסעי פעטראוויטש! דו ניכטער זיך נור פריהער אויס, דו וועסט אנדערש ריידען און טראכטען.

— און זי האט איהם אפגעשטופט ווייט פון דער טהיר. — דו זאלסט עס גאר אויפ'ן געדאנק ניט נעהמען, אויב איך בין דיר טייער. דו וועסט מיך און דאס קינד אונגליקליך מאכען.

— מיינסט אפשר איך בין שכור? ס'הויבט זיך גאר ניט אן. דער קאפ איז מיר קלאר, און איך זאג דיר דו זאלסט פון איהם לויפען, און מיט דעם קינד צוזאמען. דאס קינד וועל איך שוין בעזארגען, איך וועל אייך ביידע בעזארגען. איך וועל איהם טויפען און מאכען פאר מיין איינציגען יורש. מיין גוט איז ווערט א פיערטעל מיליאן רובעל — איך בין רייך!

— יא, איך, וויים... דערנאך וועסטו מיך פאטשען און מיך רופען זשידאווקע! — האט בעמערקט סאפיא מאטוועיעוו־נא מיט א ביטערען טאן.

סאקאלאוו האט זיך שטארק בעליידיגט.

— גאט איז מיט דיר, סאניטשקע!

— איך קען אייך שוין גוט, רוסען...

— דו בעליידיגסט מיך, סאניטשקע! דו בעליידיגסט מיך שטארק. זאג, סאניטשקע, און ער... ער, דו ווייסט... איך מיין דיין מאן — האט ער זי פלוצים געפרעגט.

סאפיא מאטוועיעווונא האט זיך צולאכט און האט איהם קאקעטיש א קלאפ געטאן אין פנים.

— רעד נישט קיין נארישקייטעז, אלעקסעי פעטראוויטש!
— נייז, סאניטשקע, כ'מייז עס ערנסט, דער פאלקאווניק וויל עס אויך וויסעז, פערשטעהסט? דאס איז א וויכטיגע פרא־גע! — האט שויז איז גאנצעז געפלוידערט דער שכור'ער סאקאלאוו.
— כא, כא, כא, וואס האט עס מיט איהם צו טאז? וואס פאר אז אינטערעס האט ער איז דעם? כא, כא, כא!
— זעהסט דאך — האט געענטפערט אלעקסעי פעטרא־וויטש גאנץ ערנסט — ס'אינטערעסירט איהם... ווייסט וואס, לאמיר טרינקעז מיט דיר סאניטשקע — ווילסט? יא, מיר קענעז ניט אכטעז... אכטעז א מענשליכעס וועזעז... דאס איז דער ווארצעל פוז אלע רוסישע צרות... נו, מיר'ז אויסטרינקעז, סאניטשקע... א?

זיינע שכור'ע אויגעז האבעז אנגעהויבעז צו קוקעז אויף איהר מיט בעגעהרענדע בליקעז.

— אך, גאט בעהיט! ס'פעהלט נאך, אז איך זאל זיך נאך אנטרינקעז — האט געזאגט סאפיא מאטוועיעוונא מיט א ציטער און האט זיך אבגעווענדעט... זיינע בלוטיגע און חיה'דיגע אויגעז האבעז שויז געצונדעז איהר בלוט...
— געוויס, געוויס, סאניטשקע! איין גלעזעלע... נור איין גלעזעלע פאר מייז געזונד... פאר מיר — און ער האט אנגע־גאסעז א גלעזעלע בראנפעז און האט איהר דערלאנגט מיט א ציטערענדע האנד — איין גלעזעלע און דו וועסט בעגרייפעז... אה, וועסט באגרייפעז... אלעס פערשטעהז... א סך בעגרייפעז...
— אך, וואס דיר פאלט איין, אלעקסעי פעטראוויטש!

און סאפיא האט זיך אבגעווענדעט פוז דעם בראנפעז.

— דו וועסט אויסטרינקעז... איך שווער דיך ביי גאט, אז דו וועסט אויסטרינקעז — האט ער זיך געטשעפעט צו איהר — פאר מייז געזונד... דו ביזט דאך פראסט. דו ביזט דאך ניט קייז שטאלצער פאקעל־טרעגער ווי דייז מאז, כא, כא, כא! דייז נשמה איז דאך כמעט א רוסישע, בעליידיג זשע

מיך ניט... נור איין גלעזעלע פאר מיין געזונד... סאָניטשקע! איין גלעזעלע! — האָט ער זיך געבעטען ביי איהר.

— נו, זאָל שוין זיין א גלעזעלע פאר דיין געזונד וועל איך אויסטרינקען — האָט זי איהם צוליעב געטאָן און האָט גענומען פון זיין האנד דעם בראנפען.

— אויסגעצייכענט, סאָניטשקע! אָט אזוי! — האָט ער זיך דערפרעהט און האָט גענומען זיך אויך אנגיסען — איכ'ל מיט דיר טרינקען.

— פאר דיין געזונד, אלעקסעי פעטראָוויטש! — און זי האָט אנגעקלאפט אין זיין גלעזעל.

— פאר דיין געזונד, סאָניטשקע!

— אלעס זאָל זיך גוט ענדיגען.

— מיר איז אלץ איינס! — האָט ער א מאך געטאָן גלייכגילטיג מיט דער האנד.

— ניין, עס איז ניט איינס — קיין דועל וועט ניט זיין!

— טרינק, טרינק, סאָניטשקע!

זי האָט אויסגעטרונקען און אויסגעשפיעגען — פוי, ווי ביטער!...

— דאָס עשטע איז נאָר ביטער, דאָס צווייטע איז אבער זיס, כע, כע, כע, זעהר זיס — און ער האָט זיך גענומען אנגיסען דאָס צווייטע גלעזעל.

— נו, סאָניטשקע, טרינק!

זי איז אבגעשפרונגען.

— וואָס איז מיט דיר? דו ביזט פון זינען אראָב?

— ניין, אזוי געהט עס ניט — ווער עס טרינקט דאָס ערשטע, מוז אויך טרינקען דאָס צווייטע, נו, טרינק, סאָניטשקע, און רעד ניט...

— טרינק און דו וועסט בעגרייפען... אלעס וועסטו בעגרייפען — האָט ער איהר פערשפראָכען מיט א טיעפען זיפץ.

עס האָט איהר ניט געהאָלפען און זי האָט געמוזט אויסטרינקען דאָס צווייטע גלעזעל.

— מוז ער עס וויסען דער פאלקאוניק? — האט זי איהם געפרעגט זעצענדיג זיך אויפ'ן דיוואן און האט זיך הויך צולאכט..

— יא, אונבעדינגט.. ווי זאגט ער, א זשידאווקא צו 30 יאהר איז אן אמת'ר צימעס, כא, כא, כא...

— וואס? צימעס? כא, כא, כא!

איהר געלעכטער אבער איז געוועז אונרוהיג, אזוי ווי זי וואלט געוואלט פערטויבען אין זיך אנדערע געמישטע געפיהלען.

ער איז צוגעגאנגען צו דער סאפע און האט זיך אנגעבויגען איבער איהר.

זיינע, מיט בלוט אנגעגאסענע הונגעריגע אויגען, דער שכור'ער אטעם זיינער, האבען זי אינגאנצען אויפגערודערט און אריינגעווארפען אין א הייסען, בעגעהרענדען שווידער.

— קוק ניט אזוי אויף מיר. וואס קוקסטו? — האט זי איהם געפרעגט.

— צו 30 יאהר זיינען אידישע פרויען אן אמת'ר צימעס.. כע, כע, כע! — און ער האט זיך גענומען זי צושפיליען ציניש און אהן שום צערעמאניעס...

5.

זי האט אנגעהויבען פראטעסטירען.

— מען דארף ניט, מען דארף ניט, אלעקסעי, ליאלע, עס קען נאך עמיצער אריינגעהן... — און מיט דער האנד האט זי פערדעקט איהר ענטבלויזטע ברוסט.

— ווארום דארף מען ניט? מען דארף עס זעהר! — און ער האט זי ווידער ענטבלויזט..

— ווי שעהמסטו זיך ניט, אלעקסעי פעטראוויטש? פע, וואס פאר א אונפערשעהמטער דו ביזט! — האט זי כלומרשט

פּראָטעסטירט און האָט זיך געוואָלט פון איהם ארויסרייסען.

— וואָס פאַר אַ שאַנדע? וואָרום זיך שעהמען? איך זעה ניט איין וואָרום.

— לאָז איצט צורוה, אַלעקסעי פּעטראָוויטש — אַז אַנ־דערש מאָל — עס קען נאָך עמיצער אריינגעהן — און זי האָט זיך ענגסטליך אומגעקוקט אויף דער טהיר.

איהר ווידערשטאַנד האָט נאָך מעהר אָנגעצונדען זיין שכור בלוט. ער האָט זי ארומגעכאַפּט מיט זיינע מעכטיגע אָרעמס, האָט זי אויפגעהויבען אין דער לופט ווי אַ פעדער און האָט זי געטראָגען, ווי אַ ווילדע בעסטיע טראָגט זיין רויב, צו זיין בעט...

זי האָט זיך גענומען רייסען פון זיינע הענד און פּראָ־טעסטירען,, זי האָט מורא געהאָט עמיצער זאָל ניט אריינגעהן און זיי טרעפען.

— מען דאַרף ניט! מען דאַרף ניט! אַלעקסעי, ליאָלאָ! ליאָלענקאָ!

— נאַרישקייטען, איך לאָז דיך שוין ניט אָב — האָט ער געקריצט אויף איהר ליידענשאַפטליך מיט די ציין.

— ליאָלע! לאָז! לאָז מיך אָב!... מען וועט אריינגעהן... פערשלים די טיהר!

פּלוצים האָט זי אויסגעשריען ווי אַ פערוואונדעטע און האָט מיט די הענד פערדעקט איהר נאַקעטע ברוסט...

סאָקאָלאָוו האָט אויפגעציטערט און האָט זיך אומגע־דרעהט.

אין דער טיר איז געשטאַנען איהר מאַן...

אַ מאָמענט זיינען די צוויי חברים געשטאַנען איינער פאַר'ן אַנדערען....

דער גוי מיט זיין רויב אויף די הענד...

דאָס קליין בערויבט אידעל מיט זיינע צוויי גרויסע פּלאַ־קערענדע און איבערגעשראָקענע אויגען...

שרעקליכע אויגען!...

פלוצים האט זיך ראפאפארט אנגעהויבען ארונטערלאזען א צוזאמענגעדרעהטער ווי פון א קלאפ, פון א מעסער־שטאך אונטער'ן הארץ...

סאקאלאוו האט לאנגזאם ארונטערגעלאזט זיין לעבעדיגע לאסט פון די הענד און אויף דעם קאפ זיינעם...

א לאנגע, שווערע פויזע...

ראפאפארט האט זיך אויסגעגלייכט און זיך אויסגעדרעהט צו דער טיר.

דער שכור'ער חבר האט זיך א ריס געטאן צו איהם פון ארט.

— וואלאדיא, הער... זיי ניט אייפערזיכטיג... וואלאדיא! לאמיר ריידען מענשליך, ווי חברים — האט ער געפלוידערט מיט זיין שכור'ען צונג...

ראפאפארט האט איהם שוין אבער ניט געהערט.

— כאפט דיך דער טייוועל!... א זשיד בלייבט א זשיד!
— האט געזאגט סאקאלאוו, האט א מאך געטאן מיט דער האנד און האט זיך געלאזט מיט געפלאנטעטע וואקלענדע טריט געהן צוריק פון דער טיר — צו איהר...

די קאטאסטראפע

אכטער קאפיטעל.

.1

ראפאפארט, דער געוועזענער פראפעסאר, איז געזעסען אנגעשפארט אויפ'ן שרייב־טיש אהן א פונק פון געדאנק, און האט מעכאניש און צושטרייט געשריבען, ווי אין די יונגע יאהר־רען, אויף די גמרות אין בית־מדרש: „למי הספר שיך? למי ששיך שיך... למי פארט שיך?“ א. ז. וו.

אז דער גרויסער און רויטער בויגען פלעק־פאפיער, וואס האט בעדעקט דעם שרייב־טיש, איז שוין געווען אין גאנצען אויסגעשריבען מיט דעם אונענדליכען „שיך“, האט ער אבגע־שליידערט פון זיך די פען, איז אויפגעשפרונגען און האט זיך הויך צולאכט פון דעם „שיך“...

דער געדאנק ווי שטארק ס'לעבט נאך אין איהם דער בית־מדרש'ניק, האט איהם שטארק אמוזירט, האט ביי איהם ארויס־גערופען א פאר אנדערע נייע געדאנקען, וועלכע זיינען געווען זעהר אינטערעסאנט און פערבונדען מיט זיין ווערק איבער די ראסען־פסיכאלאגיע פון אידישען פאלק, און ער האט אנגעהויבען צו טראכטען וואוהין און אין וועלכען קאפיטעל זיי אריינצו־שטעלען.

מערקווירדיג, די וואונד, וואס ער האט מיט א האלבער שטונדע צוריק בעקומען פון דעם גוי, דעם חבר זיינעם, דארט אין צווייטען צימער וואו ער האט געגאסען זיין גאסטפריינד־שאפט, דעם קלאפ האט ער איצט ניט געפיהלט און אפילו ניט געטראכט וועגען דעם.

די אויפגעפלאקערטע וויסענשאפטליכע געדאנקען זענען באלד צוריק אויסגעלאשען געווארען, און דער קאפ מיט דעם הארץ זענען ווידער ביי איהם געווארען פוסט און גלייכגילטיג, ווי א חורבה. נאר די פיס האבען א ביסעל געבראכען און געצווי־

גען און ער האט זיך אויסגעשטרעקט אויפ'ן דיוואן. אין הויז איז געווען שטיל, אזוי ווי אלעס וואלט אויסגעשטארבען, אדער איינגעשלאפען. אבוואהל ס'איז ערשט געווען 9 א זייגער. אזא שטילקייט הערשט פאר א שטורם... אבער באלד האט ער דער־הערט איהרע טריט און זיינע.ביידע האבען זיך בעוועגט שטיל און פארזיכטיג, אזוי ווי אין געגענווארט פון א מת. אז זיי האבען געעפענט די טיר פון קארידאר, האט זיך דערהערט דאנ־קע'ס שטימע:

— וואוהין געהסטו, מאמע? איך וויל ניט בלייבען אליין!

דא איז דער מעסער ארויסגעפאלען פון הארצען און ראַ־פאפארט האט דערפיהלט די בלוטענדע וואונד.

דאס קינד האט נאך לאנג זיך געאמפערט מיט דער מוטער און געוויינט אין קארידאר, אבער ראפאפארט האט זיך שוין ניט צוגעהערט. דער אייגענער וועהטאג איז געווען אזוי שטארק און אונערטרעגליך, און ער האט פערטויבט אלעס, די גאנצע אויסערליכע וועלט ארום איהם. און אז ער איז אויפגעשפרונגען פון דיוואן און איז ארויסגעלאפען פון קאבינעט עפעס צו טאן אום צו לינדערען און פערטויבען זיין ברענענדען שמערץ, איז זיין פרוי און אלעקסעי פעטראוויטש שוין ניט געווען אין הויז.

פון שלאף־צימער האט זיך נאך געטראגען דאנקע'ס כליפען און זינא'ס בערוהיגענדע שטימע.

און ראפאפארט איז אבגעשפרונגען פון דער טיר ווי פון א פינסטערען אבגרונד און האט זיך מיט וואקלענדע טריט גע־לאזט געהן דורכ'ן קארידאר צו זיין מוטער.

רחל האט זיך דערוואוסט וועגען דער גאנצער געשיכטע פון דער הויז־מיידעל און האט, ווי כסדר, אלעס אבגעטראגען דער רביצין. אז דער זוהן איז צו איהר אריינגעגאנגען, האט ער זי געטראפען אין טרעהרען. דערזעהענדיג דעם דאקטאר איז רחל שטיל ארויסגעגאנגען פון צמיער.

א לאנגע, שווערע פויזע האט געהערשט אין צימער. די מוטער האט לאנג נישט געקענט זיך צוריהרען צום זוהן'ס

וואונד, און ער איז ארומגעגאנגען הין־און־צוריק איבער׳ן צימער ביז די פיס האבען איהם ווידער אנגעהויבען צו ציהען און צו ברעכען. דאן האט ער זיך אויסגעצויגען אויף דער אלט־מאדי־שער און הארט־געבעטער קאנאפע און האט פון דארט זיך גע־נומען פערפאלגען ווי צוויי פליגען האבען זיך געדרעהט ארום הענג־לאמפ איבער׳ן טיש.

זיין גאנצעס לעבען האט זיך איהם איצט אויסגעוויזען עהנליך צו דעם לעבען פון אט די צוויי אבגעלעבטע פליגען, וועלכע זיינען דורך א מיספערשטענדניש ניט געשטארבען ווי אלע פליגען נאכ׳ן זומער און פלאטערען איצט ארום דער ליכט.

— גט זי! — האט ווידער אנגעהויבען די מוטער ווי יענעם פריהמארגען ביי טהעע.

— און דאס קינד? — האט ער ווידער געפרעגט, ווי דאן. אבער אזוי קאלט און גלייכגילטיג, אהן א מינדסטען אינטערעס.

— דאס קינד איז דיינס! — האט געזאגט די מוטער.

אבער איצט האבען איהרע ווערטער שוין ניט געקלונגען און ניט געווירקט אויף איהם ווי דאן, אין פריה־מארגען, ווי א הייליגע נבואה, ווי דאס ווארט פון ערלייזונג.

— פון וואנען וויים איך עס, מאמע — האט זי געפרעגט ראפאפארט און האט זיך צולאכט, אבער אזוי אונהיימליך און פרעמד פאר איהרע אויערען, אזוי ווי ניט ער, נור אן אנדער מענש אין איהם וואלט געלאכט.

און מעהר האבען זיי אין דעם אבענד א ווארט ניט גערעדט. אבוואהל ראפאפארט איז נאך לאנג געלעגען אויף דער הארטער קאנאפע און האט מיט די אויגען פערפאלגט, ווי די פליעגען דרעהען און שלאגען זיך ארום ליכט.

פון דעסטוועגען איז ראפאפארט די נאכט געשלאפען רו־היג און שטארק, און אזוי אויפגעשטאנען שפעטער ווי יעדען טאג.

אזוי שלאפען מענשען נאך א געפעהרליכען גייסטיגען קריי־

זים, און פּילייכט די פּאראורטייליטע, צום טויט די לעצטע נאכט פאר דער תליה.

2.

אויפגעשטאנען איז ער א פרישער און מיט א קלארען פּלאן אין קאפּ. דער קריזיס איז געווען פאַרביי. ער האט אָב־געראַוועט, ווי כסדר, אָבגעטרונקען טהעע און איז אוועק פון הויז, איידער דאָס קינד איז נאָך געווען אויפגעשטאנען. אין גאס האָט איהם בעגעגענט דאָקטאָר הורוויטש, אַן אַלטער דאָק־טאָר און זיינער א גוטער פריינד.

סאָפיא מאטוועיעוונא האט ביי איהם אין הויז געגעכטיגט די נאכט, און איצט איז שוין דער אַלטער דאָקטאָר געגאנגען צום מאַן מיט א שליחות פון דער פרוי.

ראפּאפּאָרט האט איהם געזאָגט, אַז ער האָט ניט מיט איהם וואס צו ריידען, און איז אליין אוועק אין דער פּאָליציי, האט בעשטעלט פאר זיין פרוי א בעזונדערען פּאספּאָרט און האט ארויסגענומען פון באנק 10,000 רובעל, דעם נדן, וואס זי האט איהם געגעבען. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבען בעזוכען זיינע קראַנקע, געדולדיג און רוהיג ווי יעדען טאָג.

דאנקע איז דעם טאָג אויפגעשטאנען שפּעט, מיט א קאָפּ־וועהטאָג און מיט א שווערען הארצען. דעם קינד איז פון קאָפּ ניט ארויס דער חלום, וועלכער האָט איהם געפּלאגט ווי א קאָש־מאַר די גאנצע נאכט: דער פאָטער איז איהם נאָכגעלאָפען מיט אלעקסעי פּעטראָוויטש'ס שווערד און האט איהם געוואָלט דער־הרג'ענען, און אַז אלעקסעי פּעטראָוויטש האט זיך אָנגענומען פאַר איהם און האָט איהם פערשטעלט מיט זיין קערפּער. און ראפּאָפּאָרט האָט אָבגעהאַקט מיט דעם זעלבען שווערד אלעקסעי פּעטראָוויטש'ן דעם קאָפּ.

דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבען האט דאנקע דערפיהלט צום פאָטער א נייע שנאה, ווי צו א פיינד זיינעם, און די ערשטע ארבייט זיינע איז געווען צו געהן זעהן צי סאָקאָלאָוו האָט נאָך

זיין קאפ און צו זיין שווערד, מיט וועלכער ער האט זיך נעכ־
טען ביינאכט געשפיעלט, הייגנט נאך אויף דער וואנד.

אין צימער אבער האט ער ניט געטראפען ניט אלעקסעי
פעטראוויטש׳ן און ניט זיין שווערד. א טויט־אנגסט האט צו־
זאמענגעקלעמט זיין קליין הערצעל, און ער איז געלאפען נאך
א נאקעטער אין קיך אריין פרעגען זינא׳ן וואו איז אלעקסעי
פעטראוויטש און זיין שווערד.

— קוקט איהם נאר אן! ער געהט גאר ארום נאקעט!
דו ווילסט זיך פארקיהלען? געה טהו זיך אן! — האט בע־
פוילען זינא.

—זאגט מיר, וואו איז אלעקסעי פעטראוויטש? מ׳האט
איהם ניט גע׳הרג׳עט?

— וואט טעביע נא! אויסגעטראכט... ווארום זאל מען
איהם הרג׳ענען?

— קוק איהם נאר אן, א גרויסע מציאה, אלעקסעי פעט־
ראוויטש!... הלואי וואלט איהם דער רוח געגומען דארט וואו
ער איז געווען! — האט זיך בייז אנגערופען רחל און האט
בייז א קלאפ געטהאן מיט׳ן טעפעל וואס זי האט געהאלטען
אין האנד.

— מאלטשאט! ס׳איז ניט אייער עסק! האט אויף איהר
א געשריי געטהאן דאנקע. — וואו איז די מאמע? — האט
ער געפרעגט ביי זינא׳ן אן אויפגערעגטער און ציטערענדער.

— זי וועט באלד אריינקומען. זי איז ביי דאקטאר
הורוויטש...

— געהט רופט זי! — האט איהר בעפוילען דאנקע.

— געה טהו זיך אן און דול ניט דעם קאפ! הערסט? —
האט אויף איהם א געשריי געטהאן זינא און האט אוועקגע־
שטעלט די גלאז טהע, וואס זי האט געטרונקען.

— געהט רופט זי! — האט אין אנגסט געשריען דאס
קינד, און האט זיך היסטעריש צוואויינט. ער האט זיך שוין
ניט געקענט בערוהיגען און זינא האט געמוזט ארויסרופען

דורכ'ן טעלעפאן פון דאקטאר הורוויטש'עס הויז די מוטער.

ערשט, אז די מוטער איז געקומען צו לויפען, האט איהם גענומען האלזען און קושען. האט זיך אביסעל בערוהיגט זיין צושראקענעס געמיטה און דאנקע האט זיך גענומען אנטהאן. דעם פריהשטיק האט דאס קינד געגעסען מיעד און אהן אפעטיט. זיין קינדערשער מוח האט געארבייט ארום דער פראגע, ווארום האט די מוטער גענעכטיגט ביי די הורוויטש'עס און ניט אין דער היים, און ארום דעם פלאנטער, וועלכער איז געבליבען ביי איהם אין קעפיל פון אלעם דעם, וואס ער האט געהערט און געזעהען נעכטען ביינאכט אין אלעקסעי פעטראוויטש'עס צימער.

דער פאפא וועט היינט ווידער מיט מיר ניט לערנען. — האט בעמערקט דאנקע.

די מוטער, וועלכע איז געזעסען אנגעגען און געקוקט ווי ער עסט, האט זיך דערויף ניט אנגערופען.

— ווארום האסטו ניט גענעכטיגט אין דער היים, מאמע? — האט זי געפרעגט דאנקע.

— וואו דען האב איך גענעכטיגט? געווים אין דער היים!

— ס'אליגען.. דו נארסט מיך! דיין בעט איז ניט צעווארפען.

רויטע פלעקען זענען ארויסגעטראטען ביי דער מוטער אויפ'ן פנים און זי האט אנגעהויבען צו פינטלען שנעל מיט די אויגען.

— מיר פאהרען אוועק, דאניטשקע... צו דער באבען. האט זיך אנגערופען די מוטער.

— קיין מאסקווא? צו גאסט?...

— יא, צו גאסט...

— יא, לאמיר פאהרען! — האט זיך דערפרעהט דאס קינד. — מיר איז שוין דא נמאס... דער טאטע מיט אלעמען...

זאג, אלעקסעי פעטראוויטש פאהרט אויך מיט אונז קיין מאסק־וועי?

די מוטער האט אנגעשטעלט אויף איהם איהרע אויגען.

— ניין, מיר פאהרען אליין!...

— אך, ווייסטו וואס מיר האט זיך גע'חלומ'ט? — האט זיך דערמאנט דאס קינד און האט דערצעהלט דער מוטער זיין חלום.

דער חלום האט זי איבערגעשראקען. אויך האט זי זיך געשראקען פאר'ן דועל. קיין בעשטימטען פלאן וועגען דעם ליעבהאבער האט זי נאך ניט געהאט, נור איצט איז ער איהר געווען טהייערער ווי פריהער.

און אזוי ווי דאנקע האט אבגעגעסען זיין פרישטיק, האט סאפיא מאטוועיעוונא זיך גענומען פיבערהאפטיג אנטהאן און איז ווידער אוועק פון הויז. דעם קינד האט זי געזאגט, אז זי געהט צו די הורוויטש'עס, און אז זי וועט באלד קומען.

דאנקע איז געבליבען אליין מיט זיין צורודערטען געמיט. אום צו פערטרייבען די לאנגוויילע, האט ער זיך גענומען פאר זיינע אויפגאבען. די ביכלעך אבער האבען אויף איהם אנגע־טריבען נאך א גרעסערע לאנגוויילע. ער האט דערפאר באלד א שליידער געטהאן צו דער ערד די ביכער און ער איז אוועק צו דער בלינדער באבע.

— וואו איז פאפא, באבע? ווארום האט ער מיט מיר היינט ניט געלערענט — האט געפרעגט דאנקע. די בלינדע רביצין האט אויף איהם אנגעשטעלט איהר פערגליווערטע, טויטע אויגען... א קאלטער שוידער איז דורך איבער זיין לייב פון דעם בליק, אזוי ווי דער טויט וואלט איהם פון דארט אריינ־געקוקט אין פנים אריין.

דאס קינד האט מעהר קיין ווארט ניט גערעדט און איז ארויסגעלאפען פון צימער אין א טויט שרעק...

די שטוב איז ווידער אנשווייגען געווארען אין אן אונרו־היגער און געשפאנטער ערווארטונג.

זינא און רחל האבען זיך בעזעגט איבער די צימערען אזוי שטיל און פארזיכטיג ווי איבערגעשראקענע. ראפאפארט האט זיך נאך אלץ ניט אומגעקעהרט. דער טאג איז געווען נע־בעלדיג, דער פראסט האט אינגאנצען אבגעלאזט און עס איז געפאלען א נאסער שנעע מיט א רעגען, אפילו פאציענטען הא־בען דעם טאג אזוי ווי געוויכט דאס הויז און האבען ניט גע־קלונגען און דאס קינד האט זיך קיין ארט ניט געקענט געפינען...

ער האט זיך אנגעטהאן און איז געגאנגען אין גאס אריין ביז אין דער בירזשע, האט זיך אבער באלד אומגעקעהרט, זיך ווידער גענומען פאר זיינע ביכער און האט זיי געשליידערט צו דער ערד און איז צוריק געלאפען אין גאס אריין און צו די הורוויטשעס צו זעהן די מוטער און זי בעטען זי זאל געהן מיט איהם אהיים...

סאקאלאוו האט אויך ניט געגעכטיגט אין דערהיים... דער אינצידענט האט איהם באלד אויסגעניכטערט, ער האט זיך אנ־געטהאן און איז אוועק פון דער היים איבערלאזענדיג סאפיא מאטוועיעוונא צו איהר אייגענעם שיקזאל...

ער האט די זשידאווקע געהאלטען פעראנטווארטליך פאר דעם דועל און פאר'ן גאנצען פלאנטער וועלכען זי האט אריינ־געטראגען אזי זיין לעבען און האט געטראכט וועגע איהר מיט פעראכטונג און שנאה.

דער דועל האט איהם ווענינער געקימערט ווי דער פרעמ־דער פלאנטער און ער האט ביז טיעף אין דער נאכט געוואנ־דערט איבער די גאסען און אויסער דער שטאדט און געטראכט ווי אזוי צו טהאן און ווי אזוי זיך עהרנהאפט ארויסצופלאנ־טערען.

אז זיין מוח און די פיס זיינען מיעד געווארען איז ער אוועק צו זיך אין מיליטערישען האספיטאל און האט זיך דארט געלעגט שלאפען.

אויפגעשטאנען איז ער שפעט, מיט א קאפ־וועהטאג און אין א שלעכטער שטימונג.

זיין ערשטע ארבייט איז געווען צו געהן זוכען פאר זיך סעקונדאנטען און ער איז אוועק צום ראטמייסטער סאלא־וויאוו...

די אנגעלעגענהייט האט ביי איהם צוגענומען כמעט דעם גאנצען טאג און ער האט דערווייל פערגעסען אז די ראפא־פארטס און אז דעם אינצידענט... ערשט ארום 3 א זייגער, אז ער און דער ראטמייסטער זיינען געזעסען אין קלאב און האבען געגעסען מיטאג, האט ער זיך דערמאנט אן דאנקע.

דאס קינד איז פלוצלונג אויסגעוואקסען פאר זיינע אויגען ווי א לעבעדיגער פארוואורף מיט אויסגעשטרעקטע הענטלעך נאך שוץ און הילף.

ביי דעם בילד איז איהם די לעפעל ארויסגעפאלען פון די הענט און עס האט איהם אנגעכאפט אזא נודנאסט, אז ער האט זיך אנגעהויבען צו ווארגען מיט דעם עסען...

אזוי ווי ער האט געענדיגט דעם מיטאג האט ער גענומען אבשייד פון ראטמיסטער, און איז אויף אן איזוואשטשיק אב־געפאהרען צו די ראפאפארטס.

.3

דאנקע איז געזעסען איינער אליין, אנגעשפארט אויף די הענטלעך ביים פענסטער פון עס צימער און האט געקוקט פאר זיך אויף דער גאס...

די אבענד־דונקעלהייט איז שוין געקראכען פון אלע ווינ־קעלעך און איז געוואקסען ווי א אומעט, ווי א געפאהר און האט געלעגט אויף דעם קליינעם, טרויעריג איינגעהויקערטען קערפער ביים פענסטער, א שאטען פון א קריכענדען און לויער־ענדען שרעק...

זינא איז געקומען פון קיך מיט א שאל אויפ׳ן קאפ און האט זיך געלאזט געהן אין דרויסען...

— איך וועל באלד אריינגעהן, דאנקע! איך וויל נאר

ארויסלויפען אין קלייטעל נאך זייף — האט געזאגט זינא.

דאנע האט אויפגעציטערט און איז אבגעשפרונגען פון פענסטער.

— איך וויל ניט בלייבען אליין — האט ער געזאגט.

— וואס איז דאס פאר א נייעס? — דאס ערשטע מאל איז דאס דיר?

— איך וויל נישט! מיר איז אומעטיג! — האט דאנקע געזאגט.

— אט וועל איך דיר מוזיקאנטען שיקען! אויסגעטראכט אומעטיג — און זי האט געעפענט די טיר פון קארידאר.

דאנקע איז צוגעשפרונגען צו איהר און האט זי אנגעכאפט פאר איהר שאל.

— איך וויל ניט! נעמט מיר אויך מיט!

— ווי געפעלט עס אייך? משוגע ביסטו?! איך קום באלד צוריק... נאר אויף א מינוט... עס איז קיינער ניטא אין שטוב!

— איך האב מורא צו בלייבען אליין!

— נו, מאך זיך ניט נאריש! הערסט? און זינא האט פרובירט זיך בעפרייען פון איהם. דאנקע אבער, האט זיך נאך שטארקער אנגעקלעפט אן איהר און זי ניט אבגעלאזט.

— איך וויל ניט! איך שרעק מיך בלייבען אליין! — האט ער געשריען און געציטערט.

— עה, איך וועל מאכען מיט דיר צערעמאניעס! — און זינא האט איהם אבגעשלידערט פון זיך און איז ארויסגעלאפען און האט פערשלאסען די טיר.

א טויט־שרעק האט אנגעכאפט דאס אינגעל, אזוי ווי עס וואלט איהם ארייגעשליידערט אין א טיעפער און פינסטערער גרוב, ער האט אנגעהויבען צו שרייען און וויינען, האט געריסען די טיר און געקלאפט אין די פענסטער.

— זינא! זינא! איך האב מורא! איך שרעק מיך!

נאר איינער! אט געהט אלעקסעי פעטראוויטש! — האט איהם אנגעקלאפט זינא.

4.

די טיר האט זיך געעפענט און אין צימער איז אריינגעגאנ־גען אלעקסעי פעטראוויטש בעגלייט פון זינע'ן.

ווארום וויינסטו, קינד טייערס? — האט איהם געפרעגט סאקאלאוו.

— זינא איז אוועקגעגאנגען און האט מיר געלאזט אליין— האט געוויינט דאנקע.

— ווארום האט איהר איהם געלאזט אליין?

— דאס ערשטע מאל איז דאס איהם? — האט געזאגט זינא.

— מיר איז אזוי שרעקליך! — האט געענטפערט דאנקע.

— שרעקליך? ווארום שרעקליך? נו, בערוהיג זיך, מיין אינגעל... וויין ניט! וויין ניט! — און אלעקסעי פעטראוויטש האט איהם צוגעצויגען צו זיך און האט זיך גענומען מיט לאס־קעס איהם קושען און בערוהיגען

— וואו איז די מאדאם? האט ער געפרעגט ביי זינען.

— ביי די הורוויטשעס, זי האט דארט גענעכטיגט...

— אזוי? אזוי? — האט זיך געוואונדערט סאקאלאוו און האט ארויסגעלאזט דאס קינד פון די הענט.

— וואס איז דא געוועזן?

— גאר ניט... זי האט נאר ניט גענעכטיגט

סאקאלאוו האט געמיינט, אז זי וויל איהם ניט דערצעה־לען פאר'ן קינד און האט געטראכט א ווײלע.

— געהט רופט זי מיר... זאגט, אז איך דארף זי נויטיג האבען און וואו איז דער הערר? — האט ער געפרעגט אויפ'ן דאקטאר.

— ער איז נאך פון אין דער פריה אן ניט געווען... זאל איך זי געהן רופען? — האט זינא איבערגעפרעגט.

— יא, געהט רופט זי און איך וועל דא זיין מיט'ן קינד.

זינא איז אוועקגעגאנגען און סאקאלאוו האט אראבגענו־מען פון זיך זיין שינעל, האט זיך צוגעזעצט אויף דער סאפע און האט צו זיך צוגעצויגען דעם בליפענדען דאנקע:

— נו, וויין ניט מיין קינד איך בעט דיך...

— זאגט מיר, פאר וואס רופט איהר מיך מיין קינד? — האט געפרעגט דאנקע — איך בין דאך מיין פאפא'ס קינד.

— פאר וואס? הם... עס רעדט זיך אזוי... זאג מיין קינד האסטו מיך ליעב?

— איך? איהר ווילט איך זאל אייך ליעב האבען?

— געוויס, וויל איך, — און אלעקסעי פעטראוויטש האט איהם א קוש געטהאן — ווען דו וועסט מיך ליעב האבען וועל איך דיר שענקען מיין פערד, א שעהן אראביש פערד.

— ניין, איהר קויפט מיר בעסער א פאוני, איהר האט דאך געזאגט, אז איהר וועט מיר געבען א פאוני

— איך וועל דיר קויפען א פאוני — האט איהם פער־שפראכען סאקאלאוו, זיך שפיעלענדיג מיט זיינע שעהנע בלאנ־דע לאקען. איך וועל דיר קויפען מארגען א פאוני, א קליינעם זאטעל און וואס נאך ווילסטו, מיין טהייערער יונג?

דאנקען האט עס אבער ניט געגומען.

— אך, מיר איז אזוי אומעטיג היינט... אזוי אומעטיג, אז מיין הארץ ווערט מיר צוריסען — האט זיך געקלאגט דאס קינד ברעבענדיג די הענטעלעך און מיט אזא טרויער און אנגסט אין דער שטימע, אז ביי סאקאלאוו'ן איז דאס בלוט פערגלי־ווערט געווארען אין די אדערען פון שרעק.

— וואס איז דיר היינט, מיין קינד?

— איך ווייס אליין ניט וואס.

אלעקסעי פעטראוויטש האט זיך אויפגעהויבען פון דער סאפע און האט זיך פארטראכט.

— ווייסט וואס, מיין אינגעלע, לאמיר שפּיעלען: איך וועל זיין א בער... און דו וועסט אויף מיר פאהרען רייטענדיג... א יא?

דאנקען איז דער פארשלאג געפעהלען.

— כאראשא! כאראשא! — האט ער געזאגט.

— איך וועל זיך לעגען אויף דער ערד... נור אנצינדען דעם לאמפּ — סאקאלאוו האט מיט פּיעבערהאפטיגע בעוועגונ־גען אנגעצונדען דעם לאמפּ — אט אזוי!... איצט וועל איך זיך לייגען...

און דער גרויסער סאקאלאוו האט זיך געשטעלט אויף אלע פיער ווי א בער.

דאנקען האט עס אנגעהויבען צו אמוזירען.

— און איך אויף אייך? — האט ער געפרעגט דעם בער.

— יא, דו אויף מיר... אט אזוי... אט וועט זיין פרעהלעך...

— כאראשא! כאראשא! — און דאנקע איז מיט אן היסטערישען קלינגענדיגען געלעכטער ארויפגעקראכען אויפ'ן גרויסען בער.

— נו, האלט זיך! — האט געזאגט סאקאלאוו און האט אנגעהויבען צו לויפען אויף אלע פיער איבער'ן צימער און צו ברומען ווי א בער. דאנקע האט זיך געהאלטען ביי זיין קאלנער און איהם געשלאגען מיט די פיסלעך און האט געלאכט און גע־קוויטשעט פון פערגעניגען.

.5

דאס שפּיעל האט אונטערבראכען ראפּאפּארט. ער איז גע־שטאנען אין דער טהיר און האט געקוקט אויף זיי מיט אי־בערגעקעהרטע אויגען. אזוי קוקען מענשען פאר דער תליה. דער קלארער פלאן, מיט וועלכען ער איז אויפגעשטאנען אין דער

פריה און וועלכער האט איהם געגעבען די מעגליכקייט רוהיג צו ארבייטען דעם גאנצען טאג איז צושטרויט געווארען ווי א וואלקען פון ווינד. טויזענד וואונדען האבען זיך ווידער געעפענט, געבלוטעט און געשמערצט ביז צום וואהנזין...

אלעס ארום איהם האט ווידער געוואקעלט, דאס מעבעל מיט אלעקסעי פעטראוויטש'ן אויף אלע פיער, מיט דאנקען. אלעס האט זיך געדרעהט און געשווינדעלט פאר די אויגען ווי אין א טיעפען תהום, פאר וועלכען ער איז איצט ווידער געשטאנען.

סאקאלאוו האט ארונטערגעלאזט פון זיך זיין יונגען רייטער און האט זיך לאנגזאם און שווער אויפגעהויבען פון ד'ערד.

זדראסטוואיע וולאדימיר סעמיאנאוויטש! — דו זעהסט ווי מיר שפיעלען זיך? — און ער האט אויסגעשטרעקט זיין קאלטע די האנט. די האנט איז אבער געבליבען הענגען אין דער לופטען.

— אך, ווי פרעהליך מיר האבען זיך געשפיעלט, פאפא! — האט געזאגט דאנקע. זיין קול'כעל האט זיך אבער אבגעריסען און איז אבגעשטארבען מיט אזא טרויעריגען נאכקלאנג...

ראפאפארט איז געקומען צו זיך.

— געה צו דיר אין צימער אריין! — האט ער בעפעהלען מיט א שטימע, וועלכע איז געקומען טיעף פון דער ברוסט אזש מיט א כריפ, אזא שווערען וועג האט זי געמוזט דורכמאכען...

דאנקע האט געמאכט א באטריבטען געזיכט...

— פאר וואס, פאפאטשקא? — האט ער געפרעגט בעטריעבט.

— אהן פראגען! מארש!

— גיב נאר א קוק... אפילו שפיעלען טאר מען זיך ניט — האט געזאגט דאס קינד און איז שטיל אבגעגאנגען צו זיך אין צימער אריין.

— וואס איז מיט דיר, וואלאדיע? וואס מאכסט דו זיך משוגע? — האט איהם געפרעגט סאקאלאוו.

— סודאר! אייך וועל איך בעטען פערלאזען מיין הויז און דאס באלד — האט פון זיך אזוי ווי ארויסגעקוויטשעט לאנגזאם און שווער מיט א כריפ ווי פון אן אלטען זייגער, ראַ־פאפארט — איהר הערט? מעהר קענט איהר ביי מיר ניט וואוינען און מיסברויכען מיין גאסטפריינדשאפט...

— איך האב אבער געוואוסט, אז אזוי וועט עס זיין — האט זיך אנגערופען סאקאלאוו נאך א קורצער פויזע — אז דו וועסט פון א שכור'ן אינצידענט מאכען א גאנצע טראגעדיע.

— דאס הייסט ביי אייך, סודאר, גאר א שכור'ער אינ־צידענט און ניט מעהר?

— געוויס, וואס דען איז דאס?... אמענש געהמט א ביסעל בראנפען און פערגעסט זיך... און טהוט אמאל א נאַ־רישקייט... דארפען מיר זיך דערפאר קריגען?

— עס גיבט ניט קיין שכור'ע און קיין ניכטערע מענשען. עס זיינען דא עהרליכע, אנשטענדיגע מענשען און לומפען — האט אויסגעשריען ראפאפארט היסטעריש אזש מיט א פייף...

א בייזער שמייכעל האט א קרים געטהאן סאקאלאוו'ס לי־פען.

— גאר אזוי! ווילסט מיך ביי דיר אין שטוב בעליידי־גען... דאס איז שוין גאר ניט אנשטענדיג, גאספאדין ראפאַ־פארט.

— איז טאקי בעסער איהר זאלט געהן פון דאנען, גאס־פאדין סאקאלאוו!... און ווייטער פערזיכער איך אייך, מיין הערר, אז איך וועל זיך פון מיין זייט בעמיהען, אז מיר זאלען זיך אין לעבען מעהר ניט בעגעגענען — און ראפאפארט האט זיך מיט א פעררייסענעם קאפ געלאזט געהן פערביי צו זיך אין קאבינעט אריין...

דאס איז מיין לוין דערפאר וואס איך געה פאר דיר דור־

עלירען מיט דעם פאלקאווניק און פערטיידיגיען דיין עהרע? — האט איהם נאכגעשריען סאקאלאוו.

ראפאפארט האט זיך אויסגעדרעהט.

— מיין עהרע געהט איהר פערטיידיגען?

— געוויס, איך געה זיך שלאגען מיט דעם פאלקאווניק דערפאר וואס ער האט דיך נעכטען בעליידיגט...

— גאנץ אומזיסט! איבעריג! ערשטענס פערלאנג איך עס ניט פון אייך, און צווייטענס, קען אזא מענש ווי פאלקאווניק אוסאוו מיך איבערהויפט ניט בעליידיגען... כא, כא, כא! מיין עהרע שטעהט העכער פון א בעליידיגונג פון אזא כוליגאן און פאגראמשטשיק!

— אה, אה! אזוי גאר?

— יא, יא, גאספאדין סאקאלאוו! יעדענפאלס גלויב איך ניט, אז א רעוואלווער קען געבען עהרע א מענשען ווער עס האט זי ניט את דא אין הארצען... דעם העלפען ניט קיין דועלען און קיין רעוואלווערען... א לומפ, אז אויסוואורף וועט דיך בעליידיגען, בעשפייען דאס ווירדיגסטע אין מענשען דערנאך דיך ארויסרופען אויף א דועל, דערשיסען דיך און נאך א דאפעלטען פערברעכען בלייבען ניט מיין מערדער נאר א העלד, אן עהרענמאן... שעהנע בעגריפען האט איהר! — ניין, איך וויל זיך ניט געהן שלאגען מיט קיין פאלקאווניק אוסאוו! — האט געזאגט ראפאפארט און האט זיך גענומען פאר'ן הענטעל פון דער טהיר.

— אזוינע זאכען קענט איהר, אידען, שוין ניט פערשטעהן.

— אזוי גאר? מוזיק פערשטעהן מיר, אסטראנאמיע, קונסט, פאעזיע, פילאסאפיע, אלעם פערשטעהען מיר, נאר די פילאסאפיע פון א דועל קענען מיר ניט פערשטעהן? כא, כא, כא!

סאקאלאוו האט איצט געזוכט צו זאגען עפעס בעליידיגענדעס, שמערצענדעס...

— געוויס ניט... דערצו דארף מען זיין א נאבעלמאן, און אריסטאקראט און ניט קיין זשיד.

ראפאפארט האט זיך אויסגעצויגען ווי א ווילדע קאץ פאר א שפרונג.

— אזוי גאר? נו, אויב אזוי מוז און דארף איך, דער זשיד, עס בעסער פערשטעהן ווי איהר, גאספאדין סאקאלאוו, דער נאבעלמאן און אריסטאקראט! איהר זעהט דארטען אויף דער וואנט די פארטרעטען פון אלע מיינע עלטערען. דאס זיינען געווען עכטע אריסטאקראטען, אבער גייסטיגע אריסטאקראטען און ניט אזעלכע ווי אייערע, וועלכע קענען נעהמען א ביקס איבער די פלייצעס און שיסען מיט איהר א האז אדער א מענשען אויף א דועל... מיינע עלטערען האבען דאס ניט געקענט פונדעסטוועגען זיינען זיי געווען די אמת'ע אריסטאקראטען און אז מיינע אורעלטערען זיינען שוין געווען טרעגער פון גרויסע ציוויליזאטארישע אידעען, זיינען נאך אייערע עלטערען ערגעץ וואו געקראכען אויף אלע פיער ווי די חזרים, כא, כא, כא!

— וואס? — האט א ברום געטהאן סאקאלאוו ווי א פארוואונדערטער בער און האט אויפגעהויבען די פויסטען.

— וואס איהר הערט, סודאר! — האט געענטפערט ראפאפארט אונערשראקען.

צוויי וועלטען זיינען געשטאנען איינער פאר דעם אנדערען, אייביג פרעמדע און פיינדליכע וועלטען און האבען א ווייל איינע אויף דער אנדערער מיט פלאקערענדע, האסענדע אויגען געקוקט.

און דער רוסישער בער האט שוין געהויבען זיין מעכטיגען פויסט שוין גרייט צו צושמעטערען מיט איין קלאפ, מיט איין ווארט אט דאס קליינע, שטאלצע אידעל...

דאס אידעל אבער האט ניט געציטערט, איז געשטאנען

רוהיג, גרייט צו עמפפאנגען דעם קלאפ מיט א היפנאטיזירענ־
דען, פלאקערענדען בליק...

און דער היפנאטיזירענדער בליק האט געצוימט דעם בער,
און האט אויף איהם אנגעטהאן א צוים...

ער האט זיך בעהערשט און האט ניט געזאגט דאס ווארט...

אדיע, מיין הערר! איך גלויב אז מעהר וועל איך ניט
האבען די עהרע אייך ביי מיר צו זעהן! — האט געזאגט ראַ־
פאפארט און האט מיט א שטארקען קלאפ פערמאכט הינטער
זיך די טהיר פון קאבינעט.

— ניין, מיר וועלען זיך נאך זעהן! מיר האבען נאך א
רעכנונג — האט איהם נאכגעשריען סאקאלאוו — אן אנדערש
מאל... מיר וועלען זעהן, מיר וועלען זעהן! — און ער האט גע־
כאפט זיין שינעל און האט זיך אויסגעדרעהט צום אויסגאנג.

6

דעם וועג האט איהם פערשטעלט סאפיע מאטוועיעווגא.

— וואס האט דא פאסירט? — האט זי איהם געפרעגט.

— לאז מיר צורוה, איך שיק באלד פון האטעל נאך מיי־
נע זאכען! — האט ער איהר געענטפערט און האט זי אבגע־
שטויסען פון זיין וועג.

— אבער וואס איז געשעהן? — דו קענסט מיר דאך
דערצעהלען — האט זי געזאגט א בעליידיגטע פון זיין גראבהייט.

— אדיע! גענוג! עס איז מיר נמאס — און ער האט
אויך מיט א קלאפ פערמאכט הינטער זיך די טהיר.

מיט א פערצווייפעלטען שפרונג איז זי צו צום קאבינעט
און האט געעפענט די טיר.

— מענשען פון שטוב וועט ער גאר טרייבען! וואס איז
דאס? אזא ערלען מענשען וואס געהט פערטיידיגען דיין עה־
רע און שטעלט איין זיין לעבען... דאס איז געמיין! נידער־

טרעכטיג! — האט זי געשריען און געשפרונגען איהם אין פנים אריין ווי א ווילדע קאץ.

— וואס פערלאנגסטו? — האט ראפאפארט איהר גע־פרעגט אין דער טיר, קאנטראלירענדיג זיך מיט אן אונמענש־ליכער קראפט.

— איך פערלאנג, זאלסט באלד איהם צוריק אריינרופען און זיך פאר איהם ענטשולדיגען!

מעהר האט ער זיך שוין ניט געקענט קאנטראלירען. ער האט זי געכאפט ביי דער האנד און אנגעהויבען צו שליידערען הין און צוריק.

— אך, דו אונפערשעהמטע פרוי! איך זאל נאכלויפען דיין ליעבהאבער און דיר איהם נאך ברענגען אין שטוב אריין? דו קענסט איהם טרעפען ביי איהם, אדער אין א האטעל... אין א האטעל! מיין שטוב זאל בלייבען זויבער! הערסט? — האט ער געשריען מיט א שוים אויף די ליפען...

— ליגען, ליגען! עס איז ניט מיין ליעבהאבער! ס'איז א ליגען! א געמיינע פארלוימדונג! — און זי איז געשפרונגען און זיך געשלענגעלט ווי א שלאנג, וועלכע מען טרעט אן אויפ'ן קאפ.

— איצט וועסטו מיר אויך לייקענען? א? אין מאסקווע... דאן, האסטו מיר געקענט פאררײידען די צייהן... אבער איצט... איצט!

— ס'איז א ליגען! ער איז געוועזן שכור! ווייטער גאר נישט!

— אה, שכור! און אז ער איז ניט דיין ליעבהאבער, טא פאר וואס נעהמט דיך דער רוח, אז איך האב איהם ארויס־געטריבען? א? זאג! ענטפער מיר! — און ער האט מיט אזא קראפט צוזאמענגעקלעמט איהר האנד, אז זי האט אויס־געשריען און פערווארפען דעם קאפ. און פאר וועהטאג און כעס האט זי איהם א ווארף געטאן אין פנים אריין:

— וויל איך אזוי! שוין! דיך האב איך פיינד און

איהם האב איך ליעב... וואס קומט מיר דערפאר?
ער האט ארויסגעלאזען איהר האנד.
— אה, איצט לייקענסטו ניט! אויב אזוי, וואו פון מיין הויז! וואו!
און ער האט ברייט געעפענט די טיר.
— גוט... גוט, איך וועל געהן... גיב מיר א פאס, מיין געלד וואס איך האב דיר געגעבען און איך געה פון מיין שטוב... איך וועל זיין ביי מיין מוטער א גוטער גאסט!
ראפאפארט האט ארויסגענומען פון בוזעמקעשענע א פעקעל באנקנאטען, דעם פאס און האט עס איהר א שליידער געטאן אין פנים אריין.
—נא, אלעס ליגט שוין גרייט פאר דיר!
זי האט צוזאמענגעקליבען פון דר׳ערד די צושאטענע באנקנאטען, דעם פאס און האט געזאגט:
— גוט, גוט, איך קוק שוין לאנג ד׳רויף ארויס!
—אין מאסקווע קענסטו האבען א סך געליעבטע! — האט ער איהר צוגעווארפען אין דער טיר פון זיין קאבינעט.
זי האט אדויסגעשטעלט א פייג.
— נו, אז איך וועל וועלען וועל איך האבען! — און זי איז אבגעגאנגען צו זיך אין שלאפצימער.
וואס וועסטו טאן ווייטער? האט איהם געפרעגט אן איגוועניגסטער טייוועל, וועלכער האט זיך שוין באזעצט פעסט אין זיין מוח און האט געשארפט אויף איהם זיינע צייהן — מיט איהר ביסטו פערטיג... ווייטער? ווייטער, וואס וועט זיין?
און אזוי ווי געטריבען און געשמיסען פון טויזענד בייטשען האט ער אנגעהויבען צו לויפען פון צימער צו צימער, זוכענדיג אן ארט פון די פערפאלגענדע פראגען...

7

דאנקע האט אונזיכער און ציטערענדיג אריינגעקוקט אין טיר... ראפאפארט האט איהם געכאפט ביי דער האנד און האט איהם צוגעצויגען.

— זאג, דו האסט איהם ליעב, אט דעם גוי? דעם כוליגאן? הא? — וואס שווייגסטו? איך פרעג דיך דאך? דו ביסט שטום? ענטפער, באלוואן, ווען מען פרעגט דיך! ענטפער! — און ער האט אויפגעהויבען אויף איהם די הענד, גרייט איהם צו דערשטיקען.

א טויט-פאניק האט געטרייסעלט דאס קינד.

— ניין, ניין! איך האב איהם ניט ליעב... איך האב איהם פיינט... שטארק פיינט, פאפא! ער האט מיר צוגעזאגט א פאני... אבער איך וועל ניט נעהמען די פאני! — האט זיך געבעטען און געציטערט דאנקע, ווי אונטער דער האק פון א גזלן...

די הענד האבען זיך ביי איהם אראבגעלאזט...

און ווידער איז פינסטער ארום און ארום און ער טאפט ווידער די ווענט פון דעם פינסטערען אבגרונד און געפינט ניט קיין אויסגאנג, קיין תשובה אויף זיין פלאגענדען און פרעסענדען ספק... און ער לויפט ווידער איבער'ן צימער.

— ווייסט... מיר פאהרען מארגען גאנץ פריה אוועק קיין אויסלאנד — האט ער געזאגט צום קינד.

— מיט דער מאמע'ן? — האט געפרעגט דאנקע.

— ניין, מיר פאהרען אהן דער מאמע'ן... די מאמע פאהרט צו דער באבושקע קיין מאסקווע.

— עה, אהן דער מאמע וויל איך ניט! זאל די מאמע אויך פאהרען...

— די מאמע קען מיט אונז ניט פאהרען!

— וואס-זשע, דו האסט זי בעסער ליעב ווי מיך? —

האט נאך דאס געוואלט פרובירען דער געלערענטער מענש.

דאנקע האט געשוויגען.

— נו, פאהר מיט דער מאמע'ן און איך וועל דארט אליין קראנק ווערען און שטארבען... און דו וועסט מיך שוין אין לעבען מעהר ניט זעהן! — האט איהם פרובירט סטראשען דער דאקטאר.

— ווייסטו וואס? איך וועל פאהרען מיט דער מאמע'ן קיין מאסקווא און באלד קומען צו דיר, עהרען ווארט! — האט זיך געשווארען דאנקע, — אט וועסטו זעהן!

— וואו! וואו פון מיינע אויגען! — און ראפאפארט האט איהם אבגעשטויסען פון זיך...

דאנקע איז מיט א ביטער געוויין אבגעגאנגען צו זיך. די מוטער האט אין איהר צימער דערהערט זיין געוויין און האט אנגעהויבען צו רופען:

— דאנקע! דאנקע!

קיינער האט זיך ניט אבגערופען. אן איבערגעשראקענע האט זי געעפענט די טהיר:

— וואו איז דאנקע? וואו איז מיין קינד?

— איהר קעהרט זיך מיט איהם מעהר ניט אן! איהר זייט פאר אייער קינד געשטארבען! — האט געזאגט דער מאן ווי אן אינקוויזיטאר.

זי האט זיך אויסגעצויגען און האט געוויזען צייהן פון א פאנטיערא...

— וואס? איך בין פאר מיין קינד געשטארבען? איך, וועלכע האב איהם געטראגען דא אונטער מיין הארצען, וועל־כע האט איהם געבארען אין וועהטאגען און האט איהם אויס־געזויגען מיט דער ברוסט? איך בין פאר איהם געשטארבען?

— יא! יא! א מוטער, וועלכע האט געשענדעט איהר עהרע מיט אזא אויפפיהרונג, פערלירט אלע איהרע מוטער־רעכטע, און איך וויל אויסרייסען איהר נאמען פון דעם קינדס

הארצען מיט די ווארצעל! מיט די ווארצעל! אויף אייביג! הערסט?

זי האט זיך ווילד צולאכט פון דעם אידעל.

— ווי אזוי זשע וועט עס אייך געלינגען, גאספאדין ראַפאפארט?

ער האט אויפגעציטערט פונקט ווי זי וואלט צוגעריהרט צו זיין הארץ א צוגליהטען שטיק אייזען...

— רעד ניט ארוים מיין נאמען! אזא פרוי איז ניט ווירדיג צו טראגען אזא נאמען!

זי האט אויסגעלאסען און פרעך אונטערגעגארטעלט זיך מיטביידע הענט.

— אך וועה איז מיר! וואס פאר א הצלחה! וואס זאגט איהר דארויף? א קלייניגקייט דאס איז! ראפאפארט!

— מארגען פאהר איך אב פון דאנען און דו וועסט דיין קינד אין די אויגען מעהר ניט זעהן!

— נארישקייטען, וועלוועל! די הענט זיינען דיר קורץ... דאס קינד גיב איך ניט אב! דאס איז מיין קינד, מיין בלוט און פלייש און בלייבט ביי מיר! קיין קראפט אין דער וועלט איז ניט אימשטאנד ביי מיר עס צוצונעהמען!

אך, ווי געפינט ער עפעס אזא ווארט פאר איהר, אז זי זאל אונטערשפרינגען פון וועהטאג ביז צו דער סטעליע.

— און איך וועל איהם לאזען ביי דיר? אזא מוטער וועל איך איהם געבען פאר און ערציהערין? יא, א שעהנע ערציהונג וועט ער ביי איהר קריגען, כא, כא, כא! ניין, מאדאם! די ראפאפארטס האבען זיך ניט ערצויגען ביי אזעלכע מוטערס. אלע אונזערע מוטערס זיינען געוועזן צנועות, כשר׳ע און הייליגע אידישע טעכטער, וועלכע האבען ניט געשענדעט דעם הייליגען טעמפעל פון אידישען פאמיליען לעבען... אונזערע מוטערס האבען ניט בעשמוצט זייערע געלעגערס מיט געליעבטע און דאצו נאך מיט גוי׳שע געליעבטע — האט געשריען ראפאפארט און האט אזש געציטערט פון עקעל און עמפערונג — דו ביסט

— דיין קינד? — האט זי אויסגעשריען מיט א שפרונג פון א ווילדער קאץ — כא, כא, כא! איז ער דען דיין קינד? ווי האבען זיך צו דיר גענומען קינדער? דו ביסט אויך א מאנסביל? כא, כא, כא!

און אזוי האט זי איהם אריינגערוקט דעם מעסער אין הארצען!

— וואס? — האט ער אויסגעשריען און האט זיך פון וועהטאג צוזאמענגעדרעהט און האט זיך אנגעהויבען ארונ־טערצולאזען.

ער האט זיך געריכט אויף אזא קלאפ פון לאנג, אבער דעם וועהטאג, דעם גרויסען פיין האט ער ערשט איצט דער־פיהלט...

און אלעס שווינדעלט אין די אויגען און דרעהט זיך אונטער איהם, אלע וועלטען פאלען איין!

אבער איהר מאכען זיינע קרעמפפען, זיין שרעקליכער פנים אזא פרייד, אזא זיסען און ליידענשאפטליכען פערגעניגען...

— וואו זיינען עס דיינע איבעריגע קינדער? כא, כא, כא! א סך קינדער האסטו געהאט פאר די 12 יאהר צוזאמענ־לעבען?

ער האט זיך אבער געוואלט נאך רעטען און איז צוריק אויפגעשפרונגען און האט זיך א ווארף געטאן אויף איהר מיט די פוסטען:

— א ליעגען! א ליעגען!

— כא, כא, כא! נא דיר גאר א ליעגען! נור אזא דוראק ווי דו האט עס ניט פערשטאנען — האט זי גערוקט דעם מעסער אלץ טיעפער און טיעפער אין דעם מאנ'ס הארץ.

א שפרונג און איהר האלז ליגט פעסט געשמידט צווישען זיינע נעגעל...

— ליעגען! ליעגען! זאג ס'איז א ליעגען... דו אויסגע־לאסענע פרוי — האט ער זיך ביי איהר געבעטען...

ס'האט זיך אנגעהויבען א קאמפף צווישען זיי.

— אה! אזוי גאר?... לאז! לאז! — האט זי שוין גע־כריפעט.

— איך וועל דיך דערשטיקען! דערווערגען וועל איך דיך!

— לאז, לאז אפ! — זי האט זיך בעפרייט פון זיינע פעסטע נעגעל, אבער איהר ראכעדורשט האט זיך אין דעם קאמפף נאך מעהר צופלאקערט — אה, ס'טהוט דיר וועה... איצט וועסטו וויסען... מיר האט אויך וועה געטהאן... ווענינ האסטו מיך געפייניגט? — האט זי זיך גערייצט מיט איהם, שווער אטעמ־דיג.

— דערשטיקען! דערווערגען!

א שפרונג און זי איז שוין געווען אין קארידאר.

— דיין קינד? כא, כא, כא! עס איז פון מיין געליעבטען... אלעקסעי פעטראוויטש'ס קינד... נא, און וויים — האט זי איהם דערלאנגט דעם לעצטען קלאפ פון דער אפענער טיר און האט זי שנעל פערשלאסען הינטער זיך.

— שלאנג, שלאנג! געמיינע שלאנג! — האט ער אויס־געשריען ערשעפט ווי א ווילדער משוגע'נער.

8

אויף זיין געשריי איז געקומען צולויפען דאס איבערגע־שראקענע קינד מיט אויסגעשטרעקטע הענטלעך:

— וואס איז, פאפא? פאפאטשקא!

— וואז! — און ער האט איהם מיט דער פום דערלאנגט אין בויך און האט איהם אבגעשליידערט אויף דער קאנאפע.

— פאפא! פאפא! — האט געצאפעלט אין טויט שרעק דאס קינד.

נור דער טייוועל אליין האט געקענט אויסטראכטען אט

דעם ביטערען שפאס, וואס האט געקלונגען איצט אין דעם ביטערען ווארט: פאפא.

ס'האט געווירקט ווי מ'זאל זיינע נערוועו ציהען און וויקלען אויף געגליהטע אייזען, א וואהנזיניגער האט ער געכאפט דאס קינד ביים גארגעל און האט עס גענומען ווערגען.

— פאפא! שריי ניט פאפא! שריי ניט פאפא!

דאס קינד האט זיך געשלאגען צווישען זיינע פעסטע הענד מיט די הענד און פיס, מיט'ן גאנצען קערפער זיינעם, ווי אן אונטערגעשאסענער און צו דער ערד געפאלענער פויגעל, ווי א כפרה הינדעל. ס'האט זיך געראנגעלט מיט דעם טויט און האט ניט אויפגעהערט צו שרייען און זיך בעטען: — פאפא! פאפא! — און צום סוף שוין: — מאמא! מאמא:!

—שריי ניט פאפא! שריי ניט פאפא! שריי ניט פאפא!

— האט געכריפעט מיט א ווייסען שום אויף די ליפען דער וואהנזיניגער דאקטאר און האט ניט אויפגעהערט צו ווערגען זיין קרבן ביז... ביז דאס קינד האט איהם געפאלגט, האט אויפגעהערט צו שרייען פאפא און איז אינגאנצען אנטשוויגען געווארען און האט זיך אויסגעצויגען... בלוי און דערווארגען...

— שריי ניט פאפא, זאג איך דיר! — און ער האט איהם ארויסגעלאזט פון זיינע הענד.

א קורצע פויזע...

א טויטע שטילקייט אין צימער.

דאס בעוואוסטזיין האט זיך אומגעקעהרט צום דאקטאר.

א שוידערליכער געדאנק האט אויפגעפלאקערט אין דעם וואהנזיניגען און פערפינסטערטען מוח זיינם...

ער איז צוגעלאפען צום קערפער און איהם גענומען טרייסלען און רופען:

— דאנקע! דאנקע!

דאס קינד האט שוין אבער ניט געוויזען קיינע סמנים פון לעבען.

דער דאָקטאָר האָט איהם געכאַפּט ביים פּולס און איז צוגעפאַלען מיט דעם אויער צום ברוסטעל, אָבער ביידע זיינען שוין געווען שטיל און שטום ווי דער טויט.

דאָס הערצעל האָט געפּלאַצט און האָט זיך צוריסען פון שרעק...

דאַן איז ער צוגעלאָפען צו דער גלעזערנער שאַפּע, האָט פון דאָרט געכאַפּט אַ שפּריץ מיט קאַנפאַר און האָט מיט ציטערנדע הענד זיך גענומען שפּריצען דעם קאַנפאַר דעם קינד אונטער'ן הויט...

ער האָט אַנגעווענדעט די גאַנצע קונסט זיינע, האָט איהם ווידער געטרייסעלט און פערצווייפעלט גערופען: דאַנקע! דאַנעטשקע! אָבער ניט דאָס רופען און ניט די מעדיצינישע קונסט זיינע האָבען געקענט לעבעדיג מאַכען דאָס קינד און ס'האָט ארונטערגעלאָזט אַ טויט קעפּעל.

ראַפּאַפּאָרט האָט אָבגעשליידערט פון זיך דעם טויטען קערפּער אויף דער סאָפאַ און איז אָבגעשפּרונגען פון דעם שרעקליכען פערברעכען מיט אַ געשריי.

צוזאַמענגעדרעהט איז ער ווי קיין געקראָכען צוריק אונטער דער לאַסט פון פערברעכען, ניט אָראָפּנעהמענדיג די וואהנזיניג איבערגעקעהרטע אויגען פון דעם ערמאָרדעטען קינד, אויף דער קאַנאַפּע, איז אריין צו זיך אין קאַבינעט און האָט זיך דאָרט אויפגעהאַנגען מיט אַ האַנדטוך אויף אַ קרוק. — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַ שרעק האָט אַנגעכאַפּט די מוטער ד'רויסען און זי איז אריין און האָט אַנגעהויבען צו רופען און צו זוכען איהר קינד:

— דאַנקע! דאַנקע! וואו ביסטו מיין קינד?

זי האָט דערזעהן זיין אויסגעצווינגענעם קערפּער אויף דער סאָפע און איז צוגעלאָפען צו איהם מיט פערגליווערט בלוט אין די אָדערען און מיט אַן אָבגעשטעלט האַרץ:

— דאַנקע! דאַנקע!

זי האט איהם גענומען טרייסלען און וועקען און האט איהם אויפגעהויבען.

דאס קינד האט ארונטערגעלאזט א טויט קעפעל.

די מוטער איז אבגעשפרונגען פון איהם.

— מערדער! רוצח! דו האסט דער־הרג'עט מיין קינד!

— האט זי געשריען און איז געלאפען איבער'ן שטוב ווי ארום־געכאפט פון פלאמען.

מיט א אונמענשליכער קראפט האט זי ארים געטהאן די טיהר פון זיין קאבינעט און האט זי געעפענט.

אז זי האט דערזעהן דעם הענגענדען קערפער, האט זי מיט אן „אך!“ א פאל געטהאן אויף דער ערד טיעף פער־חלש"ט.

אין דער טיהר איז געשטאנען די בלינדע רבי'צען, ווי א געשפענסט פון יענער וועלט...

דרוק פעהלערן :

בלעטעל :	געדרוקט :	לעזען :
11.	און יעדע נאקעטע ליניע	אין יעדע נאקעטע ליניע
14.	געמוזט	עס געמוזט
15.	אויף !	אוף !
23.	האט זי געזאגט	האט זי געפרעגט
23.	זינאקא	זינקא
24.	דרעזעהט דאס	דערזעהט דאס
35.	דסר	סדר
45.	סטעפע	סטעפ
45.	אזוי ווי ענטשולדינט	אזוי ווי זיך ענטשולדיגענד
47.	סורפרייז	סורפריז
49.	דער נאר	דעם נאר
54.	צו בעפרייטער ברוסט	צו זיין בעפרייטער ברוסט
56.	לאכעדיגען בליק	לאכענדען בליק
60.	הויב זיך אן	הויבט זיך אן
61.	ציהער	צימער
62.	אז אונבעוואוסטער א שונא ישראל	אז אונבעוואוסטער שונא ישראל
63.	נאטורפארשרע	נאטור פארשער
63.	און די בלויע רויטע הויזען	אין די בלויע רייט הויזען
87.	די גאנצע וועג	דעם גאנצען וועג
88.	וואקסענדע	וואקסענע
93.	חברים	קברים
101.	די	דיר
108.	און אונבעוואוסטע קדושה	קדושה
113.	פאזאלוסטא	פאזשאלוסטא

בלעטל :	געדרוקט :	לעזן :
114.	איצערגעפרעגט	איבערגעפרעגט
122.	אבצער	אבער
123.	וואל א מאל	וואס א מאל
124.	קיין ראלע	קיין קליינע ראלע
127.	ביז צו דער בלוט	ביז צום בלוט
128.	אם הייסט ?	וואס הייסט ?
29.	אנשדע	א שאנדע
135.	געשפאט	געשפאטעט
136.	פארבענטען	פארברענטען
136.	קעלעען	קעלערען
136.	בלאנע	קליינע
136.	ביומעל	בוימעל
137.	גרוסיען פלאם	גרויסען פלאם
137.	דעם	דאס פייער
139.	האנטיגען טהאט	היינטיגע טהאט
144.	סארקאסטיש	סארקאסטישען טאן
158.	ריין און וויסענשאפטליך	ריין וויסענשאפטליך
156.	באלאדיגטע אידען	באליידיגטע אידעל
158.	שאל	שטאהל